STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01342

DER HAYNT IN TOYRE

Mayer Rosenbaum

Permanent preservation of this book was made possible
by Jerome A. & Nancy M. Sherman
in memory of
Louis Gusowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב מאיר ראָזענבוים

דער הײַנט אין תורה

גאַנצע מאמרים איבער אַלע סדרות פון דער וואָך און די ימים-טובים, באַהאַנדלט אויף אַ העכסט צײַטלעכן און מאָדערנעם אופן

ערשטער טייל

מעקסיקע, ד. פ.

1968

הרב מאיר ראָזענבוים

געוועזענער רב הראשי פון קובאַ און גואַטעמאַלאַ,
מחבר פון דעם ספר (אין שפּאַניש)
„אין קאַמף פאַר מיין אמונה"
היינט רב פון ביהכ"נ „אגודת אחים" אין מעקסיקע.

אַדרעס פון מחבר

נועווא־לעאָן 101 דעפּ. 144

מעקסיקע 11, ד. פ.

RABI MAYER ROSENBAUM

El Hoy en la Torah

Ensayos y Sermones de cada Lectura de la Semana y Días Festivos Elaborada en la Forma más Moderna

México, D. F.
1968

RABI MAYER ROSENBAUM

Gran Rabino de Cuba y Guatemala
Actualmente Rabino de la Congregación "Agudat Ajim" de México, D. F.

Autor del Libro

EN LA LUCHA POR MI FE

Dirección del Autor:

Nuevo León Núm. 144 - 101

México 11, D. F.

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון מאנועל פינטעל
דר. גארסיא דיעגא 28 מעקסיקע, ד. פ.

IMPRENTA MODERNA PINTEL, S. A.
Dr. Garciadiego No. 28 México 7, D. F.

בעזהשי"ת

מוקדש

בכל אותות אהבה ויראת הכבוד

לכ"ק אדוני אבי מורי ורבי הרב הצדיק המפורסם

מרן ר' איתמר רוזנבוים שליט"א

זקן האדמורי"ם מקרעטשינאוו — נאדבורנע

יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו כל הימים עד ביאת משיח צדקנו אמן.

בנו המחבר

בעזהשי"ת

געווידמעט מיט

די האַרציקסטע ברכות צו אונדזערע פריינד

ר' יעקב אלתר פלאשנער און משפחה נ"י

פאַר זייער גרויסער איבערגעבנקייט צו אונדז בכל ענינים און פאַר דעם דער־מעגלעכן די דערשיינונג פון די ספרים.

זאָל זיי השי"ת בענטשן מיט לאַנגע געזונטע יאָרן פון נחת און פרייד פון מצוות און מעשים טובים.

זייער פריינד

דער מחבר

ב״ה

Este libro está dedicado a mi estimado amigo

Dr. Imrich Fishman

por su sincera amistad que me brindó desde que fui rabino de Guatemala, hasta la fecha.

Le deseo larga vida al lado de su distinguida esposa e hijo.

Rabí Mayer Rosenbaum

פאָרוואָרט

ר׳ יוחנן בן דהבא אומר: אל תרחק עצמך ממדה שאין לה קצבה וממלאכה שאין לה גמירא. משל למה הדבר דומה; לאדם שהיה נוטל מי הים ומטיל ליבשה ים אינו חסר ויבשה אינה מתמלאת; היה מקצר בדעתו אמר לו ולמה אתה מקצר בדעתך בכל יום אתה נוטל שכרך. ר׳ יוחנן בן דהבא האָט געזאָגט: דערווייטער זיך נישט פון אַ מאָס וואָס האָט נישט קיין שיעור און פון אַן אַרבעט וואָס האָט נישט קיין סוף. דאָס איז געגליכן צו אַ מענטשן וועמען מען האָט געדונגען צו שעפּן וואַסער פון דעם ים און גיסן אויף דער יבשה. טראַכט ער ביי זיך וואָס פאַראַ אַרבעט איז דאָס? דער ים ווערט נישט ווייניקער און די יבשה ווערט נישט פולער; זאָגט אים איינער: וואָס קימערט דאָס דיר? דו קריגסט דאָך דיין טאָג־לוין? (אבות דר״נ פכ״ז).

איידער מיר זענען צוגעטראָטן אָנצופאַנגען די אַרבעט פון שרייבן דעם ספר, האָבן מיר געטראַכט: נאָכוואָס און פאַר וועמען? צי איז דען ווייניק אָנגעשריבן געוואָרן? און וואָס אייגנטלעך קענען מיר דען מחדש זיין? איז אונדז געקומען צו הילף דער ציטירטער מאמר חז״ל וואָס עצהט נישט צו דערווייטערן זיך... וואָרום קיין אַנדער טאָג־לוין האָבן מיר נישט... און צום ענטפער פון אונדזערע פראַגן:

נאָכוואָס און פאַר וועמען?

פאַרן פאָלק! פאַר עמך! מיר האָפן, אַז רבנים און תלמידי חכמים וועלן אויך נישט אַרויס מיט ליידיקן, אונדזער ציל און תכלית אָבער איז צו באַאיינפלוסן די פאָלקס־מאַסן, צו פּאָפּולאַריזירן דאָס תורה־

וואָרט און עס אַריינברענגען אין די קרייזן וועלכע שטייען ווייט פון דעם.

דער מיטל צו דעם איז „תורה מן השמים". ערשטנס דאַרף מען אַליין זיין אַ מאמין אין דעם... און צווייטנס מוז מען פאַרשטיין ווי דאָס אויסצונוצן. פאַרוואָס אייגנטלעך הייסן די הימלען „שמים"? ווייל, זאָגן די חז"ל, זיי זענען אַ מישונג פון „אש" און פון „מים", פון פייער און פון וואַסער. תורה איז אויך דאָס אייגענע. פון איין זייט איז תורה געגליכן צו פייער „הלא כה דברי כאש נאום ד'" און פון דער צווייטער זייט איז תורה געגליכן צו וואַסער „נמשלה התורה למים שנאמר הוי כל צמא לכו למים" (דברים רבה פ"ז) כדי צו דערנענטערן יידן צו תורה דאַרף מען פאַרשטיין ווען זיך צו באַנוצן מיט פייער, ביז דאָס פלעמעלע וועט זיך אָנצינדן און בלייבן ברענען... און ווען צו נוצן וואַסער אויסצולעשן די שנאה וואָס מאַנכע, אומוויסנדיקע, האָבן צו תורה... מיר האָבן זיך באַנוצט מיט ביידע מעטאָדן און מיר האָפן אויפן ריכטיקן אָרט.

פייער אַליין איז אויך נישט „מאור אחד", אַזוי צו זאָגן. די בית הלל האַלטן: „טובי נהורא איכא בנורא" אַ סך סאָרטן ליכטיקייטן זענען פאַראַן אין פייער... איז דעריבער אויך נויטיק צו זיין אַ שטיקל מומחה אין דער קונסט פון ליכט-עפעקטן... צו וואָס אונדזער נאָמען „מאיר" קען זיין אַ שטיקל סגולה...

צי איז דען ווייניק אָנגעשריבן געוואָרן?

ניין! נישט ווייניק איז אָנגעשריבן געוואָרן, פון אַ סך גרעסערע פון אונדז, אָבער נישט צו פיל פון דעם דערגייט צו די פאָלקס-מענטשן. אָדער עס איז צו שווער פאַר זיי, צו פלפולדיק און במילא צו אַבסטראַקט און נישט לויט זייער השגה... אָדער איז עס צו וואַסערדיק, צו ליידיק און באַנאַל, וואָס זאָגט גאָרנישט...

„התורה דומה לשני שבילין אחד של אור ואחד של שלג. מטה בזה מת באור מטה בזה מת בשלג. מה יעשה ילך באמצע". ד"ה די תורה איז גלייך צו צוויי וועגן, איינער פון פייער און איינער פון שניי און אייז, זאָל ער גיין אויף דער פייערדיקער זייט וועט ער זיך אָפּבריען, וועט ער גיין אויף דער שנייאיקער זייט וועט ער זיך פאַרקילן, טאָ וואָס זאָל ער טאָן? ער זאָל גיין אינדערמיטן... (ירושלמי חגיגה פ"ב א')

אַ גרויסער טייל פון אונדזערע ספרים ברענען ווי פייער... נאָך אַ גרעסערער טייל איז קאַלט ווי אייז „באַמצעדיקע" ספרים זענען נישט צופיל בנמצא, האָבן מיר דעריבער אויסצופילן אַ טייל פון דעם בלויז און דעריבער האָבן מיר די ספרים אַ נאָמען געגעבן „דער היינט אין „תורה" ווייל יעדער מאמר צילט אין אַ היינטיקן פונקט...

וואָס קענען מיר מחדש זיין?

נו, אויף דעם זאָגן שוין די חז"ל „אי אפשר לבית המדרש בלי חידוש" אויב מען קומט פון דעם ביהמ"ד איז לא ימלט מען זאָל נישט עטוואָס מחדש זיין. (חגיגה ג') מיר גלויבן און אַלע וועלן מסכים זיין, אַז צו אָנשרייבן די מאמרים האָט מען געמוזט זיצן אַ שפּאָר ביסל אין בית המדרש... און אויב עמיצער זאָל ברענגען שלמה המלכם פסוק „אין כל חדש תחת השמש" און דערמיט וועלן באַווייזן, אַז מען קען גאָרנישט מחדש זיין וועלן מיר אים זאָגן: שלמה המלך זאָגט נישט; אין חדש תחת השמש, וואָס וואָלט געמיינט, אַז עס איז בכלל קיין נייעם נישטאָ, וואָרום דאָס וואָלט געווען אינגאַנצן נישט ריכטיק, די מציאות לייקנט דאָס אָפּ... ער זאָגט נאָר „אין כל חדש". גאַנצע, פולשטענדיקע נייעסן זענען נישטאָ, ווייל יעדער חידוש איז אַ פועל יוצא פון אַ פריריקן חידוש... אונדזער קינדער מלמד פלעגט צו זאָגן: איך קלאַפּ אַריין אַ נאָגל אין וואַנט, טאָמער באַקום איך אַ נייעם מאַנטל, זאָל איך האָבן וו אים אויפצוהענגען... מיר האָבן אויך געפינען אַ סך אַריינגעקלאַפּטע נעגל אויף וועלכע מיר האָבן אָנגעהאָנגען אונדזערע נייע רעיונות...

די מייסטע פון די מאמרים זענען געווען געדריקט אין דער צייטונג „דער וועג" פון מעקסיקע, אונטער דעם טיטול „די וואָך אין דער סדרה" ווילן מיר ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן אונדזער האַרציקן דאַנק און גרויסן יישר כח צו דעם חשובן אַרויסגעבער פון דער צייטונג ר' אליעזר ראַכמאַן און זיין חשובע פרוי נ"י, פאַר דער געלעגנהייט און פאַר דעם זיין אַ „שליחא דרחמנא" צו קענען אַרויסגעבן אָט די אויסגאַבן. זאָל זיי השי"ת געבן גרוים הצלחה און געזונד.

צום שלום ווילן מיר זאָגן אונדזערע חשובע לייענער:

כאָטש אויף איינעם פון די זייטן פון דעם ספר וועט, מסתמא, אויך זיין געדריקט דער טראַדיציאָנעלער פאַרבאָט פון נאָכדרוק א.א.וו.

גיבן מיר אָבער דערמיט רשות צו אַלע פּאַראינטערעסירטע צו באַ־נוצן זיך מיט אונדזער מאַטעריאַל, לויט זייער אייגענעם ווונטש. אדרבא מיר ווילן דאָס האַלטן פאַר אַ זכות. נישט מער: וועט דער באַטרעפנדער דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם מחבר איז דאָך „תבוא עליו ברכה"...און טאָמער נישט וועט זיין „תבוא עלינו ברכה"... אָבער אַ ברכה וועט אויף יעדן פאַל חל זיין.. אַחוץ דעם וועט דאָס פאַרלייכ־טערן אונדזער געוויסן טאָמער האָבן מיר זיך באַנוצט מיט מאַטעריאַל און צומאָל פאַרגעסן צו דערמאָנען ווו מיר האָבן דאָס געזען זאָל דאָס זיין, ווי די חז"ל זאָגן: „שמור לי ואשמור לך".. און מיר האָפן, אַז מיר ווילן האָבן געגעבן מער ווי גענומען... וואָס וועט זיין אַ טייל פון אונדזער טאָג־לוין...

הרב מאיר ראָזענבוים

ימים נוראים — סוכות

נצבים וילך — סליחות

אויפן שוועל פון אַ ניי יאָר

ראש השנה — שבת תשובה א׳

קענען מיר זיך ענדערן?

ראש השנה — שבת תשובה ב׳

לאָמיר האַלטן קאָפּ!

יום כיפורים א׳

עס איז גוט צו וויסן

יום כיפורים ב׳

ווען אַ ייד פרייט זיך

סוכות

די זינד פון דער וועלט

שמיני עצרת — שמחת תורה

גשמיות און רוחניות

נצבים ווילד, סליחות

אויפֿן שוועל פֿון אַ ניי יאָר

„אתם נצבים היום כלכם לפני די אלוקיכם" (דברים נ"א ט')
„בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו סותרים זה את זה ומפני מה לא גנזוהו? מפני שתחילתן דברי תורה וסופן דברי תורה (שבת די ל').

א

דער אַרטיסט, דער קינסטלערישער מאָלער, באַנוצט צוויי מאָמענטן אַרויסצוברענגען זיין קינסטלעריש ווערק. קודם די ממשותדיקע אַרבעט, דאָס איינטונקען דאָס בערשטל אין דעם ריכטיקער קאָליר און עס אַריבערפֿירן אויפֿן לייוונט און דאַן דאָס אָפּטרעטן עטלעכע טריט אויף צוריק און מיט קריטישער פֿאַכמענישקייט באַטראַכטן, מעסטן און וועגן, צו דאָס אָפּגעטאָנענע איז צופֿרידנשטעלנד, אָדער עס גייטיקן זיך ענדערונגען. קיינער מיט אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד וועט נישט וואַגן צו זאָגן, אַז דאָס אומבאַוועגלעכע שטיין פֿון דעם אַרטיסט, אין באַטראַכטונג פֿון דעם בילד, איז ווייניקער אַרבעט ווי דאָס באַנוצן דאָס בערשטל גופֿא.

אין דער קונסט פֿון מוזיק איז אויך דאָס אייגענע, מוזיק באַשטייט פֿון נאָטן וועלכע דריקן זיך אויס אין טענער, גאַנצע אָדער צעטיילטע, אין שפּילן אָדער אין זינגען. אין מוזיק, אָבער, זענען אויך פֿאַראַן נאָטן פֿון שווייגן און אָט די „שווייגנדיקע נאָטע" איז איינע פֿון די הויפּט־שליסלען אין דער מוזיק־קונסט און מאַכט דעם געשפּילטן אָדער גע־

זונגענעם טאָן, שאַרפער און בולטער. אָן דעם שווייגן וואָלט נישט געוועןוואָס צו הערן . . .

מיר זאָגן דאָס צוליב דעם נאָמען פון דער היינטיקער סדרה „נצבים". נאָך די פריערדיקע סדרות פון „כי תצא" און „כי תבא", דאָס הייסט, נאָכדעם וואָס עס זענען אוועק סדרות פון „גיין און קו־מען", און דאָס זענען סדרות פון אַ גאַנץ יאָר, סדרות פון שמייען און פון לויפן, פון יאָגן און נאָכיאָגן, קומט צום סוף יאָר, זאָגט אונדז די תורה „אתם נצבים היום". הייסט, קינדערלעך שטעלט זיך אָפּ! „סטאָפּ"! נעמט צייט צו באַטראַכטן זיך אַליין און זעט, וואָס פאַרא פנים איר האָט. זעט וואָס האָט איר אָפּגעטאָן און אויפגעטאָן מיט אייער האַוועןאון לויפן. דער מאָמענט רופט פאַר אַ ביסל זעלבסט־קריטיק פאַר אַן אָפּשאַצונג פון זיך אַליין . . . און, זאָגט ווייטער די תורה, ווען איר וועט דאָס טאָן, וועט איר זען „כלכם לפני ד' אלוקיכם". אַז אַלע, אַלע זענט איר ביי ג־ט אין די הענט . . . „אין חכמה ואין תבונה ואין עצה נגד ד' ", זאָגט שלמה המלך 1). בשעת מען איז פאַרטומלט און פאַרהאַרעוועט און מען ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט מען איז, קען מען זיך איינרעדן. אַז מיר זענען חכמים, גאַנצע אויפטוערם . . . אָבער ווען מען שטעלט זיך אָפּ, אָדער מען ווערט אָפּגעשטעלט . . . ווערט מען פּלוצלונג געוווירע, אַז „נגד ד' ", מען שטייט גאָר אין פראָנט פון ג־ט. ווען מיר באַגעגענען זיך פנים אל פנים מיט ענינים, פּראָבלעמען און סיטואַציעס, איבער וועלכע מיר האָבן קיין קאָנטראָל נישט דאָן אָנערקענען מיר, ווילנדיק צו נישט ווילנדיק, אַז מיר זענען גאָרנישט אַזעלכע גרויסע חכמים און, אַז נאָר איין ג־ט קען העלפן. און אָט דער „נצבים", דער אָפּשטעלן זיך, איז ווי דער שווייגנדיקער מאָמענט פון דער וועלטס־סימפאָניע און די קריטישע באַאָבאַכטונג פון דער לעבנס־קונסט . . . אמת, נאָך נצבים קומט ווידער „וילך" און אַמאָל (ווי היינטיקעס יאָר), גייען זיי דוקא צוזאַמען. די פראַגע איז נאָר צו דער „וילך" האָט געביטן די ריכטונג... אָדער עס בלייבט ביים אַלטן „הלוך ילך" וואָס נאָך אים שטייט „ובכה" . . .

ב

היינטיקן מוצאי שבת קודש, אין מיטן דער נאַכט, וועלן יידן זיך פאַרזאַמלען אין די שולן צו די ערשטע „סליחות. אַמאָל פלעגט מען וועקן יידן צו סליחות פאַרטאָג. היינט איז כמעט, אין דער גאַנצער וועלט, דער מנהג צו זאָגן סליחות 12 אַזייגער ביינאַכט. מיר דענקען, אַז די צייט איבערבייט, האָט אויך אַ גייסטיקע באַדייטונג (חוץ דעם וואָס וויפל יידן וואָלטן געקומען 5 אַזייגער אין דער פרי צו סליחות?). דאָס איז אַ מין סטראַטעגישע „קאָנטער-אַטאַקע". שבת ביינאַכט איז די הויפּט-נאַכט פון דעם שטן. אין דער נאַכט פאַרשלעפּט ער זיינע יידישע קונדן אין פאַרשידענע, גאַרנישט קיין געהויבענע פלעצער, ווו זיי פאַרגעסן כמעט אינגאַנצן, אַז זיי זענען יידן . . . און ווען אין דער זעלבער צייט שטייען הונדערטער יידן אין די שולן און זאָגן סליחות, איז דאָס, ווי די גמרא דריקט זיך אויס, 2) „גירא בעיניה דשיטנא", אַ פייל אין די אויגן פון דעם שטן . . . און כאָטש די צאָל יידן אין די שולן איז, לאַין ערך, קלענער ווי, להבדיל, אין יענע פלעצער, ווערן דאָך די יידן וועלכע גייען יאָ אין די שולן פאַררעכנט אַלס די פאַר-טרעטער פון דעם גאַנצן כלל ישראל, ביי דער אָפיציעלער דערע-פענונג, פון דעם תשובה-סעזאָן.

די ערשטע סליחות, זאָגט דער אלשיך, איז דער שוועל אויף וועלכן מיר שטעלן זיך אַריבערצוגיין צום נייעם יאָר. אַז אַ יידישע שוועל איז וויכטיק, באַווייזט דער פאַקט, אַז די מזוזה וואָס איז דער סימבאָל פון אַ יידישער היים, ווערט אָנגעשלאָגן איבערן שוועל און דוקא אין דרויסן איידער נאָך מען גייט אַריין אין דעם היים. עס איז זייער אינטערעסאַנט צו ציטירן וואָס עס זאָגט דער תנא ר' חנינא, 3) „בא וראה שלא כמידת הקדוש ברוך הוא מידת בשר ודם, מידת בשר ודם, מלך יושב בפנים ועבדיו משמרין אתו מבחוץ, אבל מידת הקדוש ברוך הוא אינו כן, אלא עבדיו יושבין מבפנים והוא משמרן מבחוץ". ווי אַנדערש איז די מידה פון ג-ט פון דער מידה פון מענטשן. ביי מענטשן זיצט דער קעניג אינעווייניק און די דינער היטן אים פון

דרויסן, אָבער ג־ט לאָזט זיינע דינער זיצן אינעווייניק און ער היט זיי פון דרויסן (מיינענדיק די מזוזה) . . . און אויב סליחות אין די שוועל פון דעם יידישן יאָר באַגעגענען מיר דאָרטן, אָפּיציעל, דעם „שומר ישראל", די מזוזה פון אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר; קומט אונדז אויפן רעיון דער באַרימטער חסידישער מנהיג פון רוסלאַנד, דער רבי ר' אהרן קאַרלינער זצ"ל.

מען דערציילט, אַז ווען ר' אהרן פלעגט דערהערן, דעם שחרית־דיקן בעל תפילה, ראש השנה אָדער יום כיפור, אויסשרייען דעם „המלך" פלעגט ער אַוועקחלשן. און ווען איינער פון זיינע תלמידים האָט אים אַמאָל געפרעגט די אורזאַך פון דעם חלשן, האָט ער אים גע־ענטפערט: אין דעם מאָמענט, ווען דער חזן זאָגט המלך, דערמאָנט ער זיך שטענדיק אין דער מעשה פון דער גמרא, 4) ווען רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך אַרויסגעגנבט פון ירושלים און איז געקומען צו אַס־פּסיאַנוסן ,פּועלן ביי אים, ער זאָל איבערלאָזן יבנה און אירע חכמים, האָט ער אַספּסיאַנוסן באַגריסט מיט דעם אויסרוף „שלמא עלך מלכא! שלמא עלך מלכא!" פרידן צו דיר קעניג! פרידן צו דיר קעניג! האָט אַספּסיאַנוס צו אים געזאָגט: „אי מלכא אנא, עד השתא אמאי לא אתית"?, אויב איך בין אַ מלך, פאַרוואָס ביזטו ביז איצט נישט געקו־מען? . . . און, פירט אויס ר' אהרן ז"ל, ווען איך הער דאָס וואָרט „המלך", וואָס דאָס גייט אויפן „מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא", פאַלט אויף מיר אַ פּחד און אַ מורא, טאָמער וועט דער קעניג פון דער וועלט מיר זאָגן: אהרן! אויב דו און די יידן האַלטן, אַז איך בין דער מלך, טאָ פאַרוואָס זענט איר ביז איצט נישט געקומען? . . .

שטייענדיק אויף דער סליחותדיקער־שוועל און אָנטרעפנדיק זיך מיט דער יערלעכער מזוזה אין וועלכער עס שטייט געשריבן „שמע ישראל ד' אלוקינו ד' אחד". קען אונדז בכיכל, נישט שטעלן די זעלבע פראַגע? יידן ברוכים הבאים. איר זענט געקומען און איר וועט באַלד שרייען „אל מלך" ג־ט איז אונדזער קעניג, זייער פיין, אָבער אויב איר גלויבט, אַז איך בין אייער מלך, פאַרוואָס זענט איר ביז איצט נישט געקומען? פאַר וואָס זעט מען אייך אַזוי ווייניק אַ גאַנץ יאָר? . . .

וואָס קען זיין אונדזער „תשובה" צו אַזאַ שאלה? אין אמתן איז טאַקע קיין ענטפער נישטאָ. ווייל אַלע תירוצים, וועלן נישט אויס־האַלטן דעם עקזאַמען און אונדזער זיידע, דער רבי ר' מרדכלי נאַד־ווערנער ז"ל, פלעגט ליב האָבן צו זאָגן: אַ תירוץ איז אַ ליגן . . . אָבער פונדעסטוועגן וועלן מיר פּראָבירן פאַרשטעלן זיך פאַר אַ שטיקל ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער ז"ל און זאָגן, אַז מיר יידן האָבן דוקא זיך באַוואָרנט קעגן אַזאַ פראַגע, וואָרום ווען מיר שרייען אויס „אל מלך" גיבן מיר גלייך צו „יושב על כסא רחמים". טאַקע ג־טעניו מיר אָנער־קענען דיר אַלס מלך מלכי המלכים, אָבער אַזאַ מלך וואָס זיצט אויף אַ שטול פון רחמנות . . . און, ווי געזאָגט: אויב דו ביזט אַזאַ מלך וועלכער שעמט זיך נישט צו שטיין אינדרויסן ביי דער יידישער שוועל און אָפּהיטן די יידישע היים, אַזאַ מלך וועלכן מיר באַצייכענען אַלס „מלך רחום וחנון", פאַר אַזאַ מלך קענען מיר אפשר טרעפן אַן אָננעמ־באַרע תשובה אויף דער האַרבער קשיה און האָפן צו אַרויסבאַקומען דעם „סלחתי".

און דעם תירוץ גיט די אויבן ציטירטע גמרא אין שבת: די חכמים האָבן געוואָלט באַהאַלטן דעם ספר קהלת, ווייל דער ספר איז פול מיט סתירות און ווידערשפּרוכן. נאָר פאַרוואָס האָבן זיי אים נישט באַ־האַלטן און אים יאָ אַריינגעשטעלט אין תנ"ך? ווייל זיי האָבן אויס־געפונען, אַז דער אָנפאַנג פון קהלת איז תורהדיק, און דער סוף איז תורהדיק און אַ ספר וואָס דער אָנפאַנג און דער סוף איז דברי תורה, קען מען נישט אויסבראַקירן . . .

דאָס מענטשלעכע לעבן איז, אָפט, צוגעגליכן צו אַ ספר. „זה ספר תולדות אדם", 5) און אויב אַ ספר, איז קהלת דאָס צוגעפּאַסטע ספר צו פאַרגלייכן דעם מענטשן. איבערהויפּט דעם היינטיקן מאָדערנעם מענטשן. נאָך קיינמאָל זענען מענטשן נישט געווען אַזוי סתירהדיק און אַזוי פּאַראַדאָקסאַל ווי היינט. און אויך דער היינטיקער ייד, מעג ער זיך האָבן געגעבן וואָס פאַראַ קלינגענדיקן נאָמען עס זאָל נישט זיין, איז „אין בו מתום", האָט ער נישט קיין גאַנצקייט און ער ווערט אַ גרעסערע „חידה", ווי דער גאַנצער ספר קהלת איז געווען פאַר די חכמים. טאָ אויב זיי די חכמים, האָבן נישט געקענט און נישט גע־

וואָגט צו באַהאַלטן אַ ספר, וועלן מיר אויפגעבן די יידן, וועלכע זענען די לעבעדיקע „קהלתן" און זיי חלילה אויסשליסן פון דער יידישער רעליגיע? זיי באַטראַכטן ווי נישט אָנעמבאַר פאַר ג-ט? ניין; די חכמים האָבן געשאַפן אַ פרעצעדענט: כל שתחילתו דברי תורה וסופו דברים תורה אין גונזים"... ראש השנה איז דער אָנהויב און סליחות איז דער סוף יאָר. קומען יידן צוויי מאָל אין יאָר אין שול, האָבן זיי זיך געראַטעוועט... אמת אַ גאַנץ יאָר זענען זיי ווייט פון שול און פון אַנדערע מצות, מאַכן פאַטאַלע טעותן אין זייער לעבן, אף על פי כן, אויב ער קומט צו „תשובה תפילה וצדקה" אָנפאַנג יאָר און סוף יאָר, בלייבט ער אין לאַגער פון יידנטום...

ג

די שאלה איז אָבער אַן אַנדערע: צו זענען מיר ערנסט גענוג, ווען מיר קומען צו סליחות, ראש השנה, יום כיפור אין די שולן? צו קומען מיר מיט ריינע ערלעכע הערצער דאַוונען צו ג-ט? צו האַלטן מיר, מיט דעם „ויתיצב עמו שם", צו דאָרטן, אין שול, שטעלן מיר זיך צו צו ג-ט, בכל לבבנו ובכל נפשנו? צו זענען מיר אין כלל פון די „וכל מאמינים" אָדער צו זאָגן מיר נאָר אַזוי?...

אין דער צווייטער סדרה „וילך" געפינען מיר אַט די דילעמע אין אַ מערקווירדיקער שטעלע: „ואמר ביום ההוא על כי אין אלוקי בקרבי מצאוני הרעות האלה, ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא על כל הרעה אשר עשה" 6), „און דער ייד וועט אין דעם טאָג זאָגן: ווייל ג-ט איז נישט מיט מיר האָט מיר געטראָפן די צרות אָבער ג-ט זאָגט: און איך וועל פאַרבאָרגן מיין פנים דעם טאָג, צוליב די שלעכטס וואָס ער האָט געטאָן. פרעגן אַלע מפרשים פון דער תורה: אויב ישראל אָנערקענט זיין זינד, אויב ער טוט תשובה און איז מודה אין ג-ט, טאָ פאַרוואָס זאָגט ג-ט, אַז ער וועט זיין תשובה נישט אָנע-מען? דאָס איז דאָך קעגן דער מידה פון השי"ת? דער נביא זאָגט דאָך אין נאָמען פון ג-ט: „שובו אלי ואשיבה אליכם"? קערט זיך אום צו

מיר, וועל איך זיך אומקערן צו אייך. און דאָ זעען מיר, ווי דער ייד האָט זיך אומגעקערט און כביכל ווייזט אים צוריק. פאַר וואָס?

פאַרשידענע פירושים זענען געמאַכט געוואָרן אויף דעם, אָבער מיר האַלטן, אַז דער פשט ליגט אין וואָרט „ואמר" און ער וועט זאָגן. „ואמר ביום ההוא" אין דעם געוויסן טאָג, ראש השנה און יום כיפור, ווען דער ייד קומען אין שול און ער וועט „זאָגן" איך גלייב אין ג־ט, איך האָב חרטה אויף מיינע זינד, אאַז"וו. ער וועט זאָגן און זאָגן . . . אָבער מיט בלויזן זאָגן קען מען אפשר אָפּנאַרן אַ מענטשן אָבער זי־כער נישט דעם רבונו של עולם . . . איז אַפילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז די צרה פון די „ביום ההואניקעס" וואָס קומען בלויז איינמאָל אין יאָר אין שול אַריין, קענען מיר נאָך ווי עס איז פאַרענטפערן לויט דעם אויבן געזאָגטן... אויב אָבער אין דעם טאָג אַליין, בלייבט עס נאָר בלויז געריעדט און געזאָגט, בלויז אַ „ואמר" משפה ולחוץ. דאָס איז שוין אַזאַ „מכה אשר לא כתובה בתורה". אין דער גאַנצער תורה קענען מיר נישט טרעפן קיין פאַרענטפערונג פאַר דעם . . .

לאָמיר האָפן, אַז יידן וועלן אַליין טרעפן די רפואה, טאַקע ווי עס שטייט אין דער היינטיקער סדרה: „כי קרוב אליך הדבר מאד, בפיך ובלבבך לעשותו". די זאַך איז זייער נאָענט צו דיר, דו ביזט דער בעל הבית איבער דעם. „בפיך" אויב דו האָסט ביז איצט באַנוצט בלויז דיין מויל . . . „ובלבבך" מוזטו פון היינט אָן אויך באַנוצן דיין האַרץ. און דער לעצטער וואָרט איז „לעשותו" צו טאָן און נישט צו בלייבן בלויז ביים רעדן". . .

1) משלי כ"א ל'.
2) מנחות ס"ב א'.
3) מנחות ל"ג.
4) גיטן נ"ו ע"א.
5) בראשית ה' א'.
6) דברים ל"א י"ז.

ראש השנה — שבת תשובה א׳

קענען מיר זיך ענדערן?

„ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה" (מחזור)

א

די ערשטע נאכט ראש השנה איז א מנהג איינצוטונקען אן עפל אין האניק און צו זאגן: „יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה כדבש". זאל זיין דער ווילן דו זאלסט אונדז באנייען א גוט יאר, זיס ווי האניק. אין שלחן ערוך ווערט דער „יהי רצון" אינגאנצן אויסגעלאזט. נאר דער רמ"א זאגט, מען זאל זאגן „תתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה כדבש. דאס הייסט, עס זאל באנייט ווערן פאר אונדז א גוט און זיס יאר. קומט דאך אייגנטלעך אויס, לויט דעם דין, אז נישט דער רבונו של עולם זאל אונדז באנייען א גוט יאר נאר עס זאל זיך באנייען. ווי אזוי, דורך וועמען? און דער ענטפער, ווי מיר פארשטייען איז, אז דאס באקומען א גוט און זיס יאר איז אפהענגיק נישט בלויז אין ג-ט, נאר אויך, אין א גרויסער מאס, אין אונדז אליין. מיר אליין מוזן צולייגן א האנט צו ברענגען פאר זיך א גוט יאר.

צו שטארק ווערט צו אונדז אונטערשאצט די אייגענע ראלע אין דער פארמירונג פון אונדזער לעבן. מיר הענגען אלץ אן אין מזל, באשערטקייט און בכלל אין פאקטארן אויסער זיך. אמת דער אלגעמיינער מענטש איז אפהענגיק פון אומשטענדן און פון די ארומיקע קאנדיציעס, אבער אין גארנישט קיין קליינער מאס דארפן מיר זיין די

סקולפּטאָרן וועלכע זאָלן אויספאָרמען דאָס אייגענע לעבן. וואָרום דער עיקר איז נישט וואָס עס פּאַסירט אין אונדזער לעבן, נאָר ווי אַזוי מיר רעאַגירן אויף די פּאַסירונגען . . . עס איז נישט די נאַטור פון דער געשעעניש וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע, נאָר עס איז אונדזער נאַטור וואָס נעמט אויף די געשעעניש וואָס רעכנט זיך.

לעצטנס האָט מען אין ניו־יאָרק, אין אַ פאַרוואָרלאָזטן אַפּאַרטאַמענט, געפונען אַ פאַרחלשטן שנאָרער מיט הונדערט טויזנט דאָלאַר איינגענייט אין זיינע טראַנטישע קליידער. איז דאָס דער ווילן פון ג־ט? ניין, דאָס איז דער כאַראַקטער פון דעם אינדיווידועלן מענטש. אַפילו אַזאַ וויכטיקע זאַך ווי אונדזער געזונט איז זייער אָפט אָפּהענגיק פון אונדזער אויפפירונג. יאָ, מיר בעטן ג־ט פאַר אונדזער געזונט אָבער אויב מיר פאַרטכלעווען דאָס, ווען איינער נוצט זיך אויס, אומברחמנותדיק, לעבט אַ ווילדן אומגעצוימטן לעבן און דערנאָך איז זיין סוף אַ ביטערער, ווער איז שולדיק, אויב נישט ער אַליין? דעריבער ווען מיר בעטן אַ גוט און זיס יאָר, פּרעזענטירן מיר נישט, לויט דעם שלחן ערוך, אַ פּעטיציע צו ג־ט אַליין, נאָר מיר אַדרעסירן דאָס אויך צו זיך. ווייל, ווי געזאָגט, אין אַ גרויסער מאָס ליגט דאָס ביי אונדז אין די הענט.

דער שטאַרקסטער באַווייז פאַר דעם איז די באַרימטע ראש השנה און יום כיפּורדיקע תפילה „ונתנה תוקף”. נאָכדעם ווי מיר רעכענען אויס די שרעקלעך־טראַגישע מעגלעכקייטן, „מי יחיה ומי ימות, מי ברעב ומי בשובע, מי במים ומי באש”, ווער צום לעבן און ווער צום שטאַרבן, ווער צו הונגער און ווער צו זאַטקייט, ווער אין פייער און ווער אין וואַסער אאַז”וו. פירן מיר אויס: „ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה”. דער שלעכטער גזר קען אָפּגעשריען ווערן און פאַרביטן ווערן, דורך וועמען און ביי וועמען? דורך אונדז אַליין ביים רבונו של עולם, מיר דאַרפן אָבער טאָן דריי זאַכן: מיר דאַרפן תשובה טאָן, מיר דאַרפן ג־ט בעטן און מיר דאַרפן צדקה געבן. אין אַנדערע ווערטער, כדי צו קענען אומבייטן די שלעכטע גזרה אויף

אַ גוטער, מוזן מיר קודם איבערבייטן אונדזערע שלעכטע מידות אויף בעסערע . . .

ב

אין וואָס באַשטייען אונדזערע שלעכטע מידות? קודם כל מוזן מיר באַזייטיקן די שלעכטע געוווינהייט פון איינגערעדטער „זעלבסט־צופרידנקייט". מיר האָבן אַ נייגונג צו זיין צופרידן מיט אונדזערע האַנדלונגען און מיט אונדזערע מעשים, זייער זעלטן ווען מיר פאַר־לירן אַ מינוט שלאָף אויס זאָרג פון אונדזער אייגענער אויפפירונג. יעדער פון אונדז טראַכט ביי זיך, אַז דאָס וואָס ער טוט, דאָס איז גוט און פיין. אַזוי איז ווען עס האַנדלט זיך אין גייסטיקע ווערטן, ווי רעליגיע, מאָראַל און עטיק, ווי אויך אין דער אַלגעמיינער באַנע־מונג. ספּעציעל אין די ערשטע ווערט יעדער פון אונדז אַ גאַנצע אויטאָריטעט און מיר זענען, ניט אַזוי שנעל גרייט מסכים צו זיין, אַז מיר זענען באַגאַנגען פעלערן און אַז מיר זענען נישט גערעכט. דאָס זוכן דעם אמת און דאָס מודה זיין אין אים איז בכלל איינע פון די שווערסטע מענטשלעכע אויפגאַבן. „אמת מארץ תצמח" האָט דוד המלך געזאָגט. 1) פשוט דערפאַר, ווייל דעם אמת האָבן אַלע, אין דער אמתן אין דער ערד... נישט איין מאָל טראַכטן מיר: ווי וואָלט געווען ווען מיר וואָלטן זיך געפירט מיט דער זעלבער שוואַכקייט אין אַנדע־רע געביטן פון דעם לעבן, וואָלטן מיר דאָס אויסגעהאַלטן? שטעלט זיך פאָר, ווען איינער וואָס ווערט ערנסט קראַנק און ער וויל נישט רופן קיין דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט ער זאָל אים היילן. וואָלט אַזאַ מענטש געווען פאַרעכנט פאַר נאָרמאַל? אָדער איינער וויל זיך בויען אַ גרויסע הויז און ער רופט נישט קיין בוי־מייסטער אָדער אַן אַרכי־טעקט, וואָלט ער נישט איינגעשטעלט זיין אייגענעם לעבן און דעם לעבן פון זיינע מיט־מענטשן? און פון דעסטוועגן ווען עס קומט צום בויען אַ גאַנץ לעבן וועט איר הערן מענטשן זאָגן: עס איז מיין לעבן און איך וויל טאָן ווי איך פאַרשטיי! כאָטש די איגנאָראַנץ זיינע אין דעם תוך פון לעבן איז פונקט אַזוי שטאַרק ווי זיין קענטעניש אין מעדיצין אָדער אַרכיטעקטור...

דער גרויסער יידישער פילאָזאָף, רבינו סעדיה גאון ז״ל, ברענגט קלאָר אַרויס דעם טיף ווען ער זאָגט: פאַראַן מענטשן וואָס ווען זיי זאָגן, אַז זיי גלייבן ניט אין עפּעס, דרייען זיי זיך אַרום מיט דעם געפיל, אַז אויב זיי גלייבן נישט אין דער זאַך, האָט די זאַך אויטאָ־מאַטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן . . .

אָדער נעמט אַזאַ ביישפּיל: ווען מיר פאָרן אַרויס, אויף אַ לענ־גערער רייזע מיט אונדזער אויטאָמאָביל, נעמען מיר, געוויינטלעך, מיט מיט אונדז אַלע מעגלעכע מאַפּעס פון די וועגן, כדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען. אָבער אויף דעם, אַזוי געדרייטן מענטשלעכן לעבנס־וועג, זוכט קיינער נישט קיין וועג־ווייזער . . . אַלע קענען די וועגן אויסגעצייכנט. . . דער ווילנער גאון ז״ל, פלעגט זאָגן: דער גרעס־טער חטא פון דעם מענטשן איז זיין גלויבן, אַז ער האָט קיין חטא נישט . . .

אָט דאָס, אין קורצן, איז דער הויפּט־מאָטיוו פון „תשובה״. ווילן מיר האָבן אַ „שנה טובה ומתוקה״ מוזן מיר, פאַר אַלעמען, אַטאַקירן אונדזער שלעכטע מידה פון „זעלבסט־צופרידנקייט״. דורך תשובה, ווייזן מיר, אַז מיר צווייפלען, ווייניקסטנס, אין אונדזער זיכערקייט און מיר אונטערזוכן זיך. מיר פאָרשן און אַנאַליזירן אונדזערע מעשים. און אויב מיר זאָלן דאָס טאָן מיט אמתער נייטראַליטעט ווי דער נביא זאָגט: „נחפשה דרכינו ונחקורה״, וועלן מיר אָן שום ספק קומען צום „ונשובה אל ד׳״ און אַזוי אַרום האָבן דערגרייכט דעם ערשטן שטאַפּל צו קריגן אַ גוט און זיס יאָר. וואָרום, נישטאָ קיין מער ביטערע פּיל, ווי די פון אַ געפלאָגטן געוויסן . . .

די צווייטע שלעכטע מידה וואָס מיר מוזן בייטן, איז די איינרעדע־ניש, אַז מיר קענען זיך, מיט אַלץ און אַלעמען אַן עצה געבן און מיר דאַרפן צו קיינעם נישט אָנקומען. מיר האָבן געפּועלט ביי זיך, אַז מיר זענען טאַלאַנטפול און קאָמפּעטענט, דערפאַרן און פּראַקטיש און מיר ווייסן וואָס מיר טוען . . . מיר פאַרגעסן אָבער, ווי שוואַך און אָפּהענגיק מיר זענען, פון דעם ערשטן טאָג פון אונדזער דער־

שיינען אויף דער וועלט ביז נאָכן לעצטן אָטעם-צוג . . . דאָס בינטל אומבאַהאָלפענעביינדלעך, ווען עס ווערט געבוירן, מוז יאָרן לאַנג באַדינט און באַזאָרגט ווערן מיט די קלענסטע קלייניקייטן פון על־טערן און לערער, וועלכע גיבן זיך אָפּ, צו מאַכן פון דעם דאָס וואָס מען רופט אָן „אַ מענטש״ . . . עס זענען זיי וואָס האָבן אונדז גע־בראַכט צו דעם מיט וואָס מיר זענען אַזוי שטאָלץ . . . זייענדיק דעריבער דער גרעסטער בעל חוב צו אונדזערע לערער, דערציער און וועגווייזער ווילט זיך אונדז, און דוקא וואָס שנעלער, פאַרגעסן אין זיי. מיר ווילן אַפילו פאַרגעסן, ווי שטאַרק אָפּהענגיק מיר זענען פון ג־ט, וואָס גיט אונדז אַ נשמה צו אָטעמען און ווי „מלך אביונדיק״ מיר ווערן ווען ער נעמט, אויף אַ מינוט, אַוועק זיין השגחה פון אונדז . . . צו אויסבעסערן אָט די שלעכטע מידה איז פאַראַן איין מיטל: ג־ט בעטן, מתפלל זיין. תפילה באַווייזט אונדזער גלויבן, אַז ג־ט און ניט מיר זענען אַלמעכטיק . . . תפילה איז אויך די מאָראַ־לישע אָנערקענונג פון דעם חוב וואָס מיר קומען פאַר אונדזער דאָ זיין. מיט תפילה אָנערקענען מיר אויך אונדזערע בענעפאַקטאָרן די, וועלכע האָבן אונדז געגעבן לעבן און דערהאַלטן אונדז דערביי (שלשה שותפים יש באדם הקב״ה, אביו ואמו). מיט אַנדערע ווערטער: תפילה טאָן איז זיך מודה זיין, אַז מיר אַליין זענען נישט פעאיק אַלץ צו דערליידיקן . . . דער דין איז, אַז דער שופר מיט וועלכן מיר בלאָזן ראש השנה, דאַרף זיין „כפוף״ אַן איינגעבויגענער. דאָס איז אויך אַ מיטל צו דערמאָנען אונדז, אַז אויך מיר דאַרפן זיין בויגעוו־דיק און באַשיידן. אין אַ קליין ענגליש שטעטל, זענען פאַראַן אַזעל־כע פיש-כאַפּער וואָס איידער זיי לאָזן זיך אַרויס אויפן וואַסער צו כאַפּן די פיש, זאָגן זיי אַ טראַדיציאָנעלע תפילה אַזאַ: מיר בעטן דיך, האַר פון דער וועלט, זאָלסט אונדז היטן. אונדזערע שיפלעך זענען אַזוי קליין און דער ים אַזוי ריזיק גרויס . . .

די דריטע מידה וואָס מיר מוזן אויסוואָרצלען פון אונדזער כאַ־ראַקטער איז, „עגאָיזם״, אָדער אייגנוציקייט. מיר מוזן אויפהערן צו טראַכטן פון בלויז זיך אַליין. מיר דאַרפן נישט כסדר טראַכטן

פון דעם וואָס ג-ט און די וועלט איז אונדז שולדיק, נאָר מער פון דעם וואָס מיר זענען זיי שולדיק . . . מיר מוזן אָנערקענען, אַז דער מענטשלעכער לעבנס-וועג איז געבויט מיט אַ דאָפּלטן טראַפּיק און דער עיקר שבעקרים איז די החלטה, אַז דער מענטש וועלכער איז איינגעוויקלט בלויז אין זיך אַליין, דער ווערט אַ קליין, אומבאַדײַטנדיק פּעקל . . . די וועלט זאָגט: „אַליין איז די נשמה ריין". אונדז געפעלט בעסער דער פראַנצויזישער זאָג: „אַליין איז פול מיט געוויין" . . . דער סערום קעגן „עגאָיזם" איז „צדקה". מיט צדקה קריגן מיר די פּריווילעגיע צו אויסדריקן אונדזער סימפּאַטיע און טיפן אינטערעס, פאַר די מיט וועלכע מיר לעבן צוזאַמען אויף דער וועלט. מיר האָבן די הייליקע פליכט צו טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס דעם עול פון דעם קהלשן לעבן ווי אויך די זאָרג פאַר דעם, אומפּריווילעגירטן יחיד. ר' שלמה אבן גבירול ז"ל האָט געזאָגט: די שווערסטע מינוט אין לעבן איז די מינוט אין וועלכער מיר טראָגן גאָרנישט . . . און די זיסטע מינוט אין לעבן איז די מינוט אין וועלכער מיר גיבן לעבן צו אַ צווייטן . . . מיט אָט די דריי קאָנטריבוציעס קומען מיר צום רבונו של עולם פאַר אַ „שנה טובה ומתוקה".

ג

„שובה ישראל", תשובה מיינט זיך אומקערן. זיך אומקערן. וווהין, צו וועמען? דער נביא זאָגט „עד ד' אלוקיך"? ביז צו ג-ט. פאַרוואָס זאָגט ער נישט „אל ד' אלוקיך"? ממש צו ג-ט? דער בעל המחזור גיט אַן אויפקלערונג. אונטער דעם וואָרט תשובה שטעלט ער אַוועק דאָס וואָרט „צום", פאַסטן. וואָס איז פאַסטן? פאַסטן, גלייבן מיר, איז דער באַגריף פון „בינו לבין עצמו". דאָס האָט צו טאָן, אויסשליסלעך, מיט זיך אַליין. עסן אָדער נישט עסן, טרינקען אָדער נישט טרינקען, האָט מיט קיינעם קיין שום שייכות נישט. די חמשה עינוים וועלכע גייען אַרונטער אונטער „צום" פון יום כיפור, זענען פון אַבסאָלוטן פּריוואַטן כאַראַקטער. דאָס קען קיין אַנדערן נישט פאַריכטן און נישט קאַליע מאַכן. פאַסטן קען

אָבער יאָ מאַכן קאָנטאַקט מיט זיין אייגענער נשמה. ער אליין ווייסט פון דעם און ער אליין איז דער געווינער. ווארום דער מענטש קען אנטלויפן פון זיך . . . און קען ווידער צו זיך קומען . . .

דער בעל שם טוב ז״ל האָט אַמאָל געפרעגט אַ בעל עגלה: פאַר־וואָס קאָסט אַ שנעל פערד צען מאָל אזויפיל ווי אַ לאַנגזאַם פערד? ווייל, זאָגט דער בעל עגלה, דאָס שנעלע פערד לויפט צען מאָל אזוי שנעל ווי דאָס לאַנגזאַמע. יאָ זאָגט ווייטער דער בעל שם, אויב אָבער דאָס פערד לויפט אַראָפּ פון דעם וועג, פאַרלירט עס דאָך צען מאָל אַזויפיל דיסטאַנץ? דער בעל עגלה בלייבט שטיין און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. יאָ, פירט ווייטער אויס דער בעל שם, דערפאַר אָבער ווען ער געפינט צוריק דעם גלייכן וועג, געווינט ער די פאַרלאָרענע צייט צען מאָל אזוי שנעל . . . „תשובה״ מיינט זיך אומקערן צוריק אויפן גלייכן וועג מיט אייגענע כוחות און שנעל . . .

אונטער דעם וואָרט תפילה שטעלט דער בעל המחזור „קול״. דאָס ווידער איז שוין אַן ענין פון „בין אדם למקום״. אַ קול איז שוין נישט קיין פריוואַטע זאַך. אַ שטים מוז שוין געהערט ווערן פון אַן אַנדערן. איז דער קול תפילה געווענדעט צו ג־ט. נאָכדעם ווי דער ייד האָט זיך, גייסטיק, גערייניקט און געלייטערט קומט ער מיט זיין קול צו זיין באַשעפער און שרייט „הנני העני ממעש״ איך בין צו אָרעם, צו שוואַך אליין זיך צו העלפן, קום איך צו דיר „לבקש רחמים״ . . . און פאַר דעם גלויבן מיר, הייסט דאַוונען „תפילה״, ווייל עס קומט פון דעם וואָרט „פילול״ וואָס מיינט האָפענונג. דער מענטש האָפט, אַז נאָך זיין תשובה טאָן וועט די תפילה אָנגענומען ווערן אָבער ווייזט אויס, אַז מיט אָט די צוויי האָט דער מענטש נאָך אַלץ נישט יוצא געווען. ווארום ג־ט ענטפערט: די זינד וועלכע דו ביזט באַגאַנגען קעגן מיר וועל איך דיר מוחל זיין, אָבער דאָס וואָס דו ביזט שולדיק מענטשן, מוזטו ביי זיי בעטן מחילה. און מחילה דריקט זיך אויס אין „צדקה״ און דאָ האָט דער בעל המחזור אוועק־געשטעלט דאָס וואָרט „ממון״, געלט. און דאָס איז די לעצטע און שטאַרקסטע פּראָבע פאַר דעם מענטשן. געלט איז ביים מענטשן

דאָס װיכטיקסטע. פאַר געלט איז אַ מענטש גרייט צו לײדן פיזישע שװעריקײטן. ער װעט לײדן הונגער, נישט עסן, נישט טרינקען, אַפילו נישט שלאָפן, אַלצדינג װעט ער טאָן אבי צו מאַכן געלט . . . אַ מענטש איז אויך גרייט צו באַנוצן זיין שטים צו מאַכן געלט. ער װעט זיין װאָרט נישט האַלטן, ער װעט זאָגן און רײדן װאָס איר װילט, נאָר אַלץ צו מאַכן געלט. איז װען אַ מענטש האָט געטאָן תשובה מיט פאַסטן, ער האָט באַנוצט זיין קול צו תפילה, זאָגט מען אים: גוטער ברודער, דאָס אַלץ קאָסט קיין געלט נישט, און אַזוי לאַנג דו ביזט נישט גרייט צו טײלן זיך מיט דיין אָרעמען חבר מיט דיין געלט, אַזוי לאַנג זענען מיר נישט זיכער מיט דיין אויפריכטיקער „תשובה". . . נאָר װען דו װעסט געבן צדקה (נישט מיטן מויל . . . נאָר טאַקע מיט געלט) דאַן װעלן מיר זיין איבערצייגט, אַז דו האָסט טריאומפירט איבער זיך אַליין . . . „תשובה תפילה וצדקה", אין דעם ליכט פון „צום קול ממון" טראָגן מיט זיך די דריי גרויסע אידייען פון „בינו לבין עצמו", „בין אדם למקום" און „בין אדם לחברו", דע־ריבער שטייט „עד ד' אלקיך" צו װייזן אַז ביז צו ג־ט מוזטו אַליין עפּעס טאָן. 2).

1) תהילים פ"ה, י"ג.
2) הרב אברהם נ. אורװעטעק ר. מ.

ראש השנה — שבת תשובה ב׳

לאָמיר האַלטן קאָפּ!

„וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם והרעותם בחצוצרות ונזכרתם לפני ד׳ אליקכם ונשעתם מאיביכם״. (במדבר י׳ ט׳).

א

די ווערטער פון דער תורה באַצייכענען די פונקציעס פון דעם שופר. איינער פון די גרויסע יידישע פילאָזאָפן (דאַכט זיך, עס איז געווען פילאָ פון אַלעקסאַנדריע) האָט געזאָגט: „דער שופר, אום ראש השנה, דערמאָנט אונדז אויף צוויי מלחמות וועלכע דער מענטש מוז שטענדיק פירן: די מלחמה פון מענטש מיט מענטש און די מלחמה פון מענטש מיט דער נאַטור. מיטן בלאָזן שופר ראש השנה, שיקן מיר אונדזער פעטיציע צו ג־ט ער זאָל אונדז העלפן אין די צוויי מלחמות, מיר זאָלן אַרוים פון זיי מיטן לעבן״. . .

אונדז דאַכט זיך, אַז דער פילאָזאָף האָט פאַרפעלט צו דערמאָנען די וויכטיקסטע און שווערסטע מלחמה וואָס דער מענטש האָט צו פירן און דאָס איז די מלחמה מיט זיך אַליין. און אין דער מלחמה מוזן מיר האָבן נאָך אַ שטאַרקערע סיעתא דשמיא. דער שופר רופט צום קאַמף פאַר דער מלחמה און שאַלט אוים מיט פרייד נאָכן נצחון, אַזוי, און אפשר נאָך מער, רופט דער שופר דעם יידן אום ראש השנה, צום קאַמף קעגן זיין אינערלעכן שונא, וועלכע פאַרפעסטעט זיין מח און זיינע מחשבות און דערפירט אים אין שאול תחתיה ר״ל,

אָדער מאַכט אים סתם גלייכגילטיק און אַפּהענטיק, אַן רצון און אַן ווילנסקראַפט, צו ביישטיין זיינע פאַרפירערישע פּלענער. קעגן דער שלאָף־קראַנקהייט רופט דער רמב״ם אין הלכות תשובה אויס דעם באַרימט געוואָרענעם סלאָגאַן „עורו ישנים משנתכם ונרדמים הקיצו מתרדמתכם״, וועקט זיך אויף איר שלעפער פון אייער טיפן געפער־לעכן שלאָף. און דאָס, זאָגט ער איז די אויפגאַבע פון דעם שופר אום ראש השנה. די חז״ל זאָגן אויך „מי שישן בראש השנה ישן מזליה״, דער וואָס שלאָפט אום ראש השנה, ער ווערט נישט נתעורר צו תשובה ומעשים טובים, ווערט אויך זיין מזל פאַרשלאָפן 1).

דאָס יאָר תשכ״ז, איז געווען אַ שווערער יאָר באַלאַדן מיט גרוי־סע זאָרגן און געפאַרן, פאַר דער אַלגעמיינער וועלט, ווי פאַר דעם כלל ישראל. די אַלגעמיינע וועלט־פּראָבלעמען זענען, לײדער, נישט געמינערט געוואָרן. פאַרקערט די לאַגע איז נאָך מער אָנגעשטרענגט ווי ווען עס איז פריער. דער כלל ישראל האָט דוקא יאָ צו פאַרציי־כענען, אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, איינע פון די גרעסטע נצחונות אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. קיין שום ייד, צו וועלכער ריכטונג ער זאָל נישט געהערן, וועט קיינמאָל, אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן נישט פאַרגעסן, פון איין זייט די עטלעכע וואָכן פון אַנגסטן און ציי־טער, אין וועלכע די יידישע מדינה איז געשטאַנען פאַר דער געפאַר צעקוועטשט צו ווערן, חלילה, צווישן די הונדערטער טויזנטער זעלנער פון אונדזערע שונאים, און פון דער צווייטער זייט דעם גיגאַנטישן, זעקס־טאָגיקן נצחון איבער זיי. די גאַנצע וועלט האָט געהערט די „תקיעה גדולה״ אויסגעשאַלט מיט פרייד און דאַנקבאַרקייט צום בורא כל עולמים, דורך דעם מיליטערישן רב הרב גורן שליט״א און נישט איינער האָט בשעת מעשה געטראַכט צו איז דאָס נישט געווען דער ערשטער טאָן פון דעם שווער דערוואָרטעטן והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול״. וואָרום די היסטאָרישע „תקיעה״ האָט געמאַכט אויפציטערן נישט נאָר די הערצער פון מיליאָנען יידן בכל אתר ואתר, נאָר די וועלט האָט זיך ממש אַ טרייסל געטאָן. די תקיעה האָט גע־האַט אין זיך דעם כח פון די שופרות ביים נס פון יריחו. נאָכאַמאָל

איז געווען צו מערקן דעם „שמעו עמים ירגזון״. נישט ווייניק פון די אומות העולם שטעכט און רעגט אויף, דער יידישער נצחון. א סך פון זיי קריצן ממש מיט די ציין פאַר כעס און ווייטאָג און זיי פּראָבירן מיט אַלע כוחות צו צעשטערן אונדזער זיג, אָבער „הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל״ ! און מיר זענען זיכער אַז דער טאָן פון דער נצחון-תקיעה, וועלכער וויברירט נאָך אין אונדזער אויערן וועט קיינמאָל מער נישט אויסגעלאָשן ווערן. און ווען יידן וועלן הייַנטיקן „ראש השנה״ אין די שולן אנשפּיצן זייערע אויערן ביי תקיעת שופר וועלן זיי אין די תקיעות דערהערן דעם שאַל פון גאַנצע דריי שופרות. שופר של „ראש השנה״, שופר של „נצחון״ און דעם קומענדיקן „שופר של משיח״.

כאָטש די גמרא זאָגט: „שופר אחד אמר רחמנא ולא שתיים או שלשה שופרות״, אַז עס טאָרן נישט זיין עטלעכע שופרות צוזאמען, איז אָבער הכל מודים, אַז ווען „נתן שופר בתוך שופר אם קול פנימי שמע יצא״, אויב מען האָט אַריינגעלייגט איין שופר אין אַנדערן איז אויב מען הערט דאָס קול פון דעם אינעווייניקסטן שופר האָט מען יוצא געווען. 2) זענען מיר דעריבער זיכער, אַז דער היי-יאָריקער „קול שופר״ וועט אַרויסגיין פון דעם „תוך תוכו״, פון דער טיפער „פנימיות״ פון דעם גאַנצן כלל ישראל איז וועלכע עס וועט זיך דערהערן, ווי געזאָגט, דאָס פאַרייניקטע קול פון אַלע דריי שופרות. וואָרום יידן וועלן דעם ראש השנה זיכער זיין וואָך אַזוי, אַז דער יידישער מזל וועט נישט נאָך נישט איינשלאָפן נאָך אין תשכ״ח, דאַרפן מיר זיין גרייט צו אויפנעמען דאָס קול פון שופרו של משיח״ . . .

ב

דער יום טוב טראָגט גאַנצע דריי נעמען: „ראש השנה״, „יום הזכרון״ און „יום הדין״. ווען מיר וועלן די נעמען גוט באַטראַכטן וועלן מיר זען, אַז באמת איז דאָס איין נאָמען.

די ווערטלעכע איבערזעצונג פון „ראש השנה איז: „דער קאָפּ פון דעם יאָר״. דאכט זיך, אַז צו באַצייכענען דעם אָנפאַנג פון יאָר

וואָלט דער יום טוב גיכער באַדאַרפט הייסן „התחלה השנה". וואָס עפּעס „ראש השנה"? ווי קומט דאָ דער קאָפּ אַריין אין דערמיטן? דענקען מיר אַזוי: מיר זאָגן אין די תפילות פון „ראש השנה", „היום הרת עולם", היינט „ראש השנה", איז דער געבורטס-טאָג פון דער וועלט (לויט דעם מאן דאמר וואָס זאָגט „בתשרי נברא העולם") אָבער די וועלט, וועלכע איז אויך דער בעל הבית איבער „צייט", געבוירט יעדע צוועלף חדשים אַ ניי יאָר. ד"ה, די וועלט איז טאַקע געבאָרן אין דעם ערשטן „ראש השנה", אָבער יעדן יאָר גיט זי געבורט צו אַ נייעם „ראש השנה"... ביי געבורטן ווייסן מיר, אַז ווען דאָס קינד ווערט געבאָרן, ווערט נאָרמאַל דער קאָפּ געבוירן צוערשט און דערנאָך דער אַנדערער טייל פון דעם קינדס גופל און אַזוי שנעל ווי דעם קינדס קעפּל איז אַרויס פון דער מוטערס לייב איז דאָס קינד געבאָרן, און דאָס רעשט קומט שוין נאָך במילא. דאָס זאָגן אונדז די חז"ל „הכל הולך אחר הראש. אלעס גייט נאָכן קאָפּ 3). די גמרא זאָגט אויך: „ראשו של אדם מלך על כל אבריו". דער קאָפּ איז דער קעניג איבער אַלע אברים פון גוף און ממילא פאָלגן זיי אים נאָך 4). פאַרשטייט זיך דעריבער פאַרוואָס דער ערשטער טאָג פון דעם יאָר איז אַזוי וויכטיק, ווייל ער איז דער „קאָפּ" פון דעם יאָר און אַלע אַנדערע דרייהונדערט פיר און זעכציק טעג, שלעפּן זיך אים נאָך. זיי זענען, לויט דער דערמאָנטער גמרא, זיינע באַדינער. דאַכט זיך דאָס האַרץ איז איינע פון די וויכטיקסטע אברים אין דעם מענטש-לעכן קערפּער אָבער אין אמתן איז דאָס האַרץ נישט מער ווי אַ באַדינונגס-אַפּאַראַט צום קאָפּ. די אויפגאַבע פון דעם האַרץ איז באַ-זאָרגן דעם קאָפּ מיט גענוג בלוט, צו קענען מיט דעם שפּייזן אַלע אַנדערע באַדינער, אַלע אַנדערע אברים. דער מח איז דער נערוון-צענטער וועלכער קאָנטראָלירט אַלע פונקציעס פון דעם קערפּער. ווען עס פּלאַצט למשל אַן אָדערל אין קאָפּ ווערט נישט אַזוי דער קאָפּ באַשעדיקט, ווי איינער פון די אברים וועלכע האָט זיך דערנערט פון די בלוט וואָס איז צו אים געשיקט געוואָרן פון דעם האַרץ, דורך דעם באַשטימטן אָדערל. אמת דאַן ווען אַ מלך פאַרלירט זיינע אונ-טערטאַנען, זיינע באַדינער, ווערט ער אויך אוים מלך. אַזוי ווערט דער

קאָפּ אוים-קאָפּ אויב ער פאַרלירט דעם הויפּט-באַדינער דאָס האַרץ. אָבער זאָל מען, למשל, אויסגעפינען (וואָס עס האַלט נישט וויט דער-פון) אַן אַפּאַראַט וועלכער זאָל קענען דערפילן די פונקציע פון דעם האַרץ צו פּאָמפּען די בלוט ווערט דאָס האַרץ אוים יחסן. דאַקעגן אָבער קען מען זיך פאָרשטעלן אַ מענטש זאָל קענען לעבן אָן אַ קאָפּ? ווער ווייס לעבן? (כאָטש נישט איין מענטש „פאַרלירט" זיין קאָפּ צומאָל) דעריבער איז קלאָר פאַרוואָס דער ערשטער טאָג פון דעם יאָר הייסט נישט „התחלת השנה" נאָר „ראש השנה", ווייל דער ערשטער טאָג איז ממש דער קאָפּ פון דעם יאָר נישט נאָר דער אָנ-פאַנג פון יאָר נאָר זיין סאַמע עיקר.

דורכדעם ווערט אויך פאַרשטענדלעך דער צווייטער נאָמען פון דעם יום טוב „יום הזכרון". וואָרום צו וואָס אַ קאָפּ אויב נישט צו געדענקען? אמת, דער „יום הזכרון" גייט אויפן רבונו של עולם. „אמר רבי אבהו: למה תוקעין בשופר של איל? אמר הקב"ה תקעו לפני בשופר של איל, כדי שאזכור לכם עקדת יצחק בן אברהם". רבי אבהו פרעגט פאַרוואָס בלאָזט מען מיט אַ שופר פון אַ באַראַן? ווייל דער רבונו של עולם זאָגט: בלאָזט פאַר מיר מיט אַ שופר פון אַ באַראַן, כדי איך זאָל אייך דערמאָנען דעם זכות פון דער עקדה! 5)

אָבער אונדזער זיידע רבי מרדכלי נאַדווערנער ז"ל, פלעגט זאָגן: ווילסטו ג-ט זאָל דיך געדענקען, טאָרסטו אין אים אויך נישט פאַרגעסן. און אַ קאָפּ אָן אַ זכרון איז כלל קיין קאָפּ נישט . . . ווערט שוין אויך קלאָר דער דריטער נאָמען „יום הדין", דער טאָג פון געזעץ פון אָפּ-געבן רעכענונג און חשבון. ווי קען מען זיין אַ בעל-חשבון אָן אַ זכרון און אָן אַ קאָפּ? די חז"ל זאָגן אונדז אויך „אין אדם עובר עבירה, אלא אם כן נכנס בו רוח שטות". אַ מענטש זינדיקט נישט סיידן ער ווערט צייטווייליק משוגע. 6) האָט עס ווידער צו טאָן מיטן קאָפּ און מח. אַזוי, אַז אַלע דריי נעמען זענען, ווי געזאָגט, איין נאָמען וואָס האָבן אַ פאַרבינדונג מיטן קאָפּ.

דאָרטן, אין מח, גייט אָן די שטאַרקסטע מלחמה. ווען מיר האָבן געזאָגט, אין אָנפאַנג, אַז דער שופר דאַרף אויך רופן צו מלחמה מיט

זיך אַליין, האָבן מיר געמיינט צו זאָגן, אַז דער שופר דאַרף מיט זיין קול אויפשטורעמען און אויפמונטערן דעם מח וועלכער איז פויל צו דענקען און טראַכטן, וועלכן עס איז באַקוועמער צו לאָזן זאַכן גיין ווי זיי גייען. און אָט די מלחמה איז אַנדערש ווי די אַנדערע צוויי מלחמות. דער פּראָבלעם פון יענע מלחמות איז ווי זיי צו ענדיקן און דער פּראָבלעם פון דער מלחמה איז ווי זי אָנצופאַנגען . . .

די חז״ל דריקן דאָס אויס אין דעם באַקאַנטן מאמר: „הבא לטמא פותחין לו בא לטהר מסעיין אותו״ דער וואָס קומט זיך גייסטיק רייניקן העלפט מען אים מן השמים 7) פון זיך אַליין טוט זיך קיין זאַך נישט. דעם אָנפאַנג מוז דער מענטש אַליין מאַכן. דער מענטש מוז דערקלערן די מלחמה מיט זיך אַליין. וואָרום דער מענטש מוז קודם אָנערקענען די נויטווענדיקייט אין ענדערן זיין פירונג אין צע־ברעכן זיין גלייכגילטיקייט, דאַן און נאָר דאַן איז דער נצחון געזי־כערט. ווייל דאַן ווערט ער אויך געהאָלפן פון העכערע כוחות פון דער השגחה אַליין.

ג

שוין דער ערשטער טאָג נאָך ראש השנה דאַרף ציי‍גן צו האָט דער קאָפּ געאַרבעט. צו האָט ער „ראש השנה״ אַנגענומען אין זיין מח, אין זיין דענקונג־אַפּאַראַט די געהעריקע רעזאָלוציעס. צי איז די תפילה פון „אבינו מלכנו החזירנו בתשובה שלימה לפניך״ געווען ערנסט געמיינט, צו איז דאָס געווען בלויז ליפּן־דינסט . . .

דער ערשטער טאָג נאָך ראש השנה, היינטיקס יאָר, פאַלט אויס שבת. דעם ערשטן שבת נאָך „ראש השנה״ רופן מיר „שבת תשובה״ און נישט ווייל מיר לייענען די הפטורה פון „שובה ישראל״ הייסט דער שבת „שבת תשובה״ נאָר פאַרקערט, ווייל דאָס דאַרף זיין אַ שבת פון תשובה לייענען מיר די הפטורה. די הפטורה לערנט אונדז אויך דאָס געזאָגטע: קודם כל „שובה ישראל עד ד׳ אלקיך״ דאָס ערשטע מוזטו ייד האָבן דעם רצון און די באַדערפעניש זיך צוריקצו־קערן צו ג־ט „כי כשלת בעוניך״ ווען דו וועסט אָנערקענען, אַז מיט דיינע זינד ביזטו דורכגעפאַלן „קחו עמכם דברים״ דו ייד מוזט

אַליין זיך נעמען אין די הענט אַריין, אָנפאַנגען דעם קאַמף, דערקלערן די מלחמה, דו מוזט זיין דער „הבא לטהר", מוזט בפירוש אָפּגעבן דעם ערשט שאָס. ערשט דאַן „ושובו אל ד'" קענסטו דיך ווענדן צו ג-ט „אמרו אליו" און אים זאָגן: „כל תשא עוון וכו'" . . . העלף מיר, זיי דער מסייע, אַז איך זאָל מנצח זיין אויף דעם אינערלעכן שונא . . .

פאַראַן אַ „פסיקתא" וואָס זאָגט: אָמר רבי יצחק, רבי יצחק האָט געזאָגט: אמר הקב"ה לירמיהו, ג-ט זאָגט צום נביא ירמיהו: לך אמר להם לישראל עשו תשובה גיי זאָג די יידן זיי זאָלן תשובה טאָן. הלך ואמר להם, איז ער געגאַנגען און זיי געזאָגט וואָס ג-ט האָט געהייסן. אמרו לו רבינו ! האיך אנו עושים תשובה האָבן זיי אים געזאָגט רבי ! ווי אַזוי קענען מיר תשובה טאָן ? האם אותם הרים וגבעות שהיינו עובדים שם עבודה זרה אינם קיימים? צו זענען דען די בערג אויף וועלכע מיר האָבן געדינט צו דער עבודה זרה פאַרשוווּנדן געוואָרן ? הלא הם עדים ? זיי וועלן דאָך עדות זאָגן קעגן אונדז ? בא לפני הקב"ה ואמר לו. איז ירמיהו צוריקגעגאַנגען צו ג-ט און אים דאָס געזאָגט: אמר לו הקב"ה, זאָגט ג-ט צו אים: לך אמר להם, גיי און זאָג זיי אם אתם באים אצלי לא אצל אביכם שבשמים אתם באים? ווען איר קומט צו מיר, קומט איר דען נישט צו אייער פאָטער אין הימל ???

לאָמיר אין היינטיקן „קאָפּ פון יאָר" קומען מיט קאָפּ, צום קאָפּ פון דער וועלט, דעם „אבינו שבשמים" און לאָמיר אויסבעטן אַ שנת חיים ושלום פאַר זיך, פאַר כלל ישראל און פאַר דער גאַנצער וועלט.

---

1) ירושלמי.
2) ראש השנה כ"ו
2) ראש השנה כ"ו כ"ז.
3) ירושלמי מגילה.
4) ראש השנה ט"ז.
5) סוטה ג'.
6) ע"ז ב"ח.

יום כיפורים א׳

עס איז גוט צו וויסן

על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים ועל כלם
אלוה סליחות סלח לנו מחל לנו כפר לנו (מחזור)

א

יום כיפור איז באוווסט אלס דער טאָג פון פאַרגעבונג. דער טאָג וועלכן ג־ט האָט באַשטימט מוחל צו זיין די זינד פון זיין פאָלק ישראל. (יום כפורים מאוגד ומקושר עם הגוי אחד, הכלל ישראל, ולכך הוא על גובה כזו לכפר על יודעים ועל לא יודעים). 1) פאַרגעבונג אָבער קומט נישט אויטאָמאַטיש. פאַרגעבונג האָט אַ פאָר־באַדינג וואָס רופט זיך „תשובה". און און תשובה, אומקערן זיך, איז אַ דאָפּלטער פּראָצעס. עס אַנטהאַלט „חרטה" אויף די שלעכטע אָפּגעטוענע זאַכן פון דעם עבר און אַ קבלה אויף בעסערער אויפפירונג להבא. אין צוזאַמענ־האַנג דערמיט קענען מיר פאַרשטיין די „ווידוי", דאָס מתודה זיין זיך אויף די זינד, וואָס האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין דער „עבודה", פון דעם כהן גדול אין בית המקדש און איז נאָך ביז היינט פאַרבליבן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יום כיפורדיקער תפילת מוסף.

אין באַצוג צו דער פאָרמולירונג פון אָט דער „ווידוי", איז אין די חז"ל פאַראַן אַ טיפע מיינונג־פאַרשידנהייט, אַ פלוגתא צווישן דעם תנא ר׳ מאיר און די חכמים, איבער דער אָרדנונג פון דער ווידוי.

„כיצד היה מתודה? אנא השם עויתי, פשעתי חטאתי לפניך אני וביתי . . . דברי ר' מאיר. וחכמים אומרים עונות אלו הזדונות, פשעיהם אלו המרדים, חטאתם אלו השגגות, מאחר שהוא מתודה על הזדונות ועל המרדים חוזר ומתודה על השגגות? אלא כך היה אמר, אנא השם חטאתי, עויתי פשעתי לפניך אני וביתי 2).

די רוטינע זינד-קאָנפעסיע, איז, לויט די חכמים, אַ טעכנישע לויט די ספּעציפישע קוואַליטעטן פון די זינד. דער טערמין „חטא" ווערט באַנוצט אין פאַרבינדונג מיט אַ „שוגג", דאָס הייסט מיט אַ זינד באַגאַנגען אונגערן אוים אוימוויסנדיקייט. למשל, אַז איינער וועט עסן אום יום כיפור, נאָר דערפאַר ווייל ער ווייס נישט, אַז אום יום כיפור טאָר מען נישט עסן, נאָר מען מוז פאַסטן, אַזאַ מין זינד ווערט אָנגערופן „חטא". דאַקעגן אָבער ווען איינער עסט יום כיפור וויסנדיק, אַז מען טאָר נישט נאָר ער זאָגט, אַז ער קען נישט אויסהאַלטן גאַנצע 26 שעה נישט צו עסן, די זינד, הייסט שוין אַ „מזיזדיקע", אַ באַוווסט-זיניקע און פאַלט דעריבער אַרונטער אונטער דער קאַטעגאָריע פון„ עון". ער ווייסט הייסט עס, אַז דער זינדיקט אָבער דאָך טוט ער דאָס . . .

עס איז אָבער פאַראַן, נאָך אַ דריטע סאָרט זינד און לויט אַלע אָנגענומענע כללים, די שווערסטע זינד, און דאָס איז ווען איינער מאַכט אָפּ ביי זיך צו עסן אום יום כיפור, נישט ווייל ער ווייסט נישט, אַז מען טאָר נישט, דאָס הייסט „שוגגדיק", און אויך נישט ווייל ער קען נישט אויסהאַלטן, דאָס הייסט „יצר-הרעדיק" נאָר ער טוט דאָס, ווי מיר וואָלטן דאָס גערופן „להכעיסדיק". ער טוט דאָס צוליב, קעגנערשאַפט צו דער גאַנצער מצוה אָדער אידייע פון דעם תענית. ער רעבעלירט פשוט קעגן דער איינפירונג. ער איז פרינציפיעל קעגן דעם תורהדיקן געזעץ און איז עובר אויף דער עבירה אין דער עפנטלעכקייט, בפרהסיה נישט אין דערהיים, שטילערהייט נאָר דעמאָנסטראַטיוו, אין גאַס, ביי דער שול עסט ער זיין סאַנדוויטש... אָט אַזאַ אַקט איז זיכער נישט קיין שוגג, אויך נישט אַפילו קיין מזיד, נאָר דאָס הייסט שוין ממש „מרידה", אָפענער פאַראַט וואָס גייט

אַרונטער אונטער דעם טיטל „פשע״. ער איז אַן עפנטלעכער „מורד במלכות״ און בלייבט אַ גייסטיקער דעזערטיר... (אויף די דריי טערמינען פון חטא, עון און פשע זענען פאַראַ ביי יידן סליחה, מחילה וכפרה... אָבער דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך און קען דאָ נישט באַהאַנדלט ווערן). לויט דער מסקנא קומט אויס, אַז דער סדר ווי די חכמים האָבן אָװעקגעשטעלט די ווידוי פון דעם כהן גדול איז דער ריכטיקער. וואָרום לויט דעם כלל, אין דער הלכה אַז מען דאַרף זיך מתודה זיין פריער אויף די גרינגערע עבירות און נאָכהער אויף די הארבערע, 3) איז אויב חטאתי עויתי פשעתי, איז דער סיניאָנים פון שונג, מזיד און מרידה, ווי מיר האָבן דאָס פריער דערקלערט, זענען דאָך די חכמים הונדערט פּראָצענט גערעכט. טאָ איז דאָך די קשיה „ואידך מאי קא סבר ? פאַרוואָס געפעלט נישט ר׳ מאירן און ער זאָגט, אַז די רוטינע פון דעם כהן גדול איז געווען „עויתי, פשעתי חטאתי״ וואָס לכאורה איז דאָס ניט לויט דער אָנגענומענער הלכה?

נאָר ווייזט אויס, אַז די גרונט-מחלוקה, צווישן ר׳ מאירן און די חכמים, ליגט טאַקע אין דער עצם פראַגע: וועלכע איז אַ גרעסערע עבירה: דער „פשע״, די מרידה, אָדער גאָר דער „חטא״, דער שונג. די חכמים האַלטן, און די רוב דעות האַלטן מיט זיי, אַז דער מורד, — פושע, דער רעבעל איז דער ערגסטער, דער להכעיסניק איז דער וואָס שטעלט אין געפאַר די תורהדיקע הנהגה... און ר׳ מאיר האַלט ניין, דוקא דער איגנאָראַנטישער — שונג, ברענגט מיט זיך חורבן אין די יידיש-גייסטיקע רייען, דווקא אָט דער „ג-ט די נשמה שולדיקער״ עם הארץ, ער איז דער גרעסטער חוטא ער טראָגט די גרעסטע שולד און זיין עבירה איז די האַרבסטע און דערפאַר, אויב לויט דער הלכה, איז די שווערסטע זינד די לעצטע אויף איר מתודה צו זיין, איז דוקא דער חטאתי די לעצטע... אין דעם כהן גדולס ווידוי...

און אויב מיר וואָלטן געדאַרפט זיין דער מכריע צווישן די צוויי מיינונגען, וואָלט מיר, אָן שום וואקלעניש, נוטה געווען צו דער דעה פון ר׳ מאירן און אָט פאַרוואָס: קודם כל, איז אונדז מער סימפּאַטיש דער וואָס וויל אונדז באַקעמפן, ווי דער וואָס וויל אונדז איגנאָרירן.

און דעריבער ווען איינער האָט געלערנט, שטודירט, אוועקגעגעבן צייט און ענערגיע צו וויסן און צו פאַרשטיין, צו דערגרונטעווען זיך צום תוך, אַזוי צו זאָגן. נאָר דערנאָך איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ער איז נישט מסכים מיט דער אָדער מיט אַן אנדער שיטה. און ער באַקעמפט איר, איז כאָטש מיר קענען האַלטן, אַז ער איז אומגערעכט, אַז ער מאַכט אַ שרעקלעכן טעות, אַז ער באַגייט אַ פאַרברעכן הן לגבי זיך און הן לגבי זיין פאָלק... וועלן מיר אָבער זיין טאָלעראַנט צו אים. פשוט אַלס רעספעקט צו זיין ערלעכקייט. וואָרום וויניקסטנס האָט זיך דער מענטש געגעבן די מי צו וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, וויניקסטנס האָט ער דעם ענין גענומען ערנסט און אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער זאַך . . . כאָטש ער איז געקומען צו נעגאַטיווע באַשלוסן . . . דער איגנאָראַנט אָבער, דער וועלכער האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו באַקענען זיך אַפילו מיט דעם אָביעקט, דער וועלכער האָט נישט גענומען ערנסט די טראַדיציע פון זיין פאָלק אויף אַזוי וויט, זיך כלל נישט צו קימערן וועגן איר, דער וואָס האָט נישט אינוועסטירט קיין איין אָנץ פון זיין ענערגיע צו וועלן האָבן כאָטש אַן אנונג אין וואָס עס האַנדלט זיך, דער וועלכער מאַכט איר אוועק מיט דער האַנט אַלס אומנייטיק און פאַראַדירט נאָך מיט זיין אומוויסנקייט ווי מיט אַ טוגענט, אַנשטאָט זיך צו שעמען מיט איר... דער־רעגט אונדז אויף. דער טוט אונדז ווי עד דכדוכא של נפש . . . וואָס הייסט ער ווייסט נישט ? האַלט ער זיך דען פאַר אַן אידיאָט ? גלויבט ער דען, אַז ער איז אומפעאיק צו וויסן און צו פאַרשטיין? אדרבא, ער האַלט זיך דאָך פאַר אַ ספעץ אין גאָר אַ סך זאַכן און נישט ער האַלט זיך, נאָר ער איז! ער האָט באַזוכט קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, ער רעדט עטלעכע שפּראַכן, ער האָט באַקומען „דיגרים„ און דיפּלאָמען, ער איז אַ דערפאָלגרייכער פּראָפעסיאָנאַל אָדער קאָמערציאַנט, אאַז״וו. נאָר אין איין זאַך שפּילט ער דעם „נעבעכל״. ער ווייסט נעבעך גאָרנישט פון יידישקייט, ער ווייסט נעבעך גאָרנישט פון די אוצרות פון זיין פאָלק, ער קען נעבעך נישט דאַווענען, נאָר ער קען נישט און ער ווייסט נישט . . . מיט איין

וואָרט אַן איגנאָראַנט ! אָה ! דאָס איז באמת טראַגיש וואָרום דאָס באַווייזט זיין אומעטישע האַנדלונג לגבי די יסודות פון זיין יידישקייט. דאָס ווייזט, אַז דאָס ליגט אים אפילו נישט אין דער לינקער פיאה, ווי מען זאָגט . . . וואָרום, אַז איינער וויל טרייבן אַן אויטאָמאָביל לערנט ער זיך נישט אוים ?, אַז איינער וויל קענען שפילן פויקער לערנט ער זיך נישט אוים ? אוודאי לערנט ער זיך, ווייל ער וויל דאָס, ער דאַרף דאָס, עס פעלט אים . . . אָבער ווימן ווי צו זיין אַ ייד דאָ ווערט ער פלוצלונג אַן איגנאָראַנט און ער טוט עבירות ווייל ער ווייסט נישט אַז מען טאָר נישט. ער טוט נישט קיין מצות ווייל ער ווייסט נישט אַז מען דאַרף . . . אָט דער איגנאָראַנט, האַלט ר׳ מאיר און מיר זענען מסכים מיט אים, איז דער געפערלעכסטער זינדיקער. ער איז פיל פיל ערגער ווי דער פושע . . . ווייל קיין גרעסערער פושע ווי ער איז נישטאָ . . .

און נאָך עפּוואָס: דער רעוואָלוציאָנער, דער „יודע את רבונו ומכון למרוד בו״, דער קען גאָר זיין אַ ציימווייליקער מורד, דער קען האָבן אַ מאָמענטאַלע משוגעת. (אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות4) אָבער ער קען זיך אויסניכטערן, ער קען בייטן זיין שטעלונג. מענטשן בייטן גאַנץ אָפּט אידייען און מיינונגען. וואָס נעכטן איז ביי זיי געווען אמת קען גאָר היינט זיין ביי זיי שקר . . . במילא איז מעגלעך, אַז דער געוועזענער פושע זאָל גאָר ווערן אַ „צדיק״ . . . און ווידעראַמאָל, ווייל מיר האָבן דאָך צו טאָן מיט אַ „הודה ולא בושניק״ . . . ער איז אויפריכטיק גענוג צו זיין אַ מודה על האמת און במילא אַ חוזר בתשובה . . .

דער איגנאָראַנט, אָבער דער שאינו יודע לשאול, וואָס ווייסט גאָרנישט און וויל גאָרנישט וויסן ווי אַזוי קען ער אַמאָל חרטה האָבן אויף זיינע באַגאַנגענע זינד ? איז ווידער ר׳ מאיר גערעכט . . . (נאַטירלעך דער „ונסלח לכל עדת בני ישראל כי לכל העם בשגגה״ מיינט אַן אַנדער שוגג, אַ פעלער וואָס יעדער געלערנטער קען מאַכן אונגערן . . .).

ב

פאַר די פענצטער פון דעם בעל שם טוב ז"ל איז אַמאָל פאַרביי־געגאַנגען חייקל דער וואַסער־טרעגער. רופט אים דער בעל שם אַריין און פרעגט אים: חייקל, וואָס מאַכסטו, ווי גייט עס דיר? אוי רבי — האָט חייקל אָפּגעקרעכצט, עס איז ביטער, לא עליכם ווי גאַל, מען שלעפּט די שווערע קאַנען אויף די הויכע טרעפּ און קיין פּרנסה דערפון איז נישטאָ. צומאָרגנס, דערזעענדיק חייקלען נאָכאַמאָל, פאַרבייגייין ביים פענצטער, רופט אים דער בעל שם ווידער אַריין און פרעגט אים: חייקל נו ווי גייט עס דיר? ווי זאָל עס גיין רבי, ענטפערט חייקל, קוקט מיך אָן, איך בין שוין קע"ה אַ ייד אַ זקן און אַ דאַנק דעם רבונו של עולם, איך האָב נאָך כח צו טראָגן וואַסער אויך די הויכע טרעפּ און אַ דאַנק דעם אויבערשטן, מען לעבט און מען שלאָגט זיך דורך מיט דעם פּרנסה . . .

ווענדעט זיך דער בעל שם ז"ל צו זיינע תלמידים און זאָגט: עס האָט מיר שטענדיק געאַרט די סתירה צווישן צוויי מאמרי חז"ל. אין איין אָרט שטייט „אדם נידון בראש השנה וגזר דין שלו נחתם ביום כיפורים". אַ מענטש ווערט געמשפּט אום ראש השנה און זיין גזר ווערט געחתמט אום יום כיפור 5) און אַ צווייטער מאמר זאָגט „אדם נידון בכל יום". אַ מענטש ווערט געמשפּט יעדן טאָג . . . 6) איצט האָט מיר חייקל וואַסער־טרעגער פאַרענטפערט די סתירה. ווי איר זעט איז עס דער זעלבער חייקל, די זעלבע שווערע קאַנען וואַסער, די זעלבע הויכע טרעפּ אָבער חייקל אזי נישט דער זעלבער... נעכטן איז ער געווען פאַרביטערט קעגן ג־ט און קעגן זיך אַליין, געקלאָגט אויף זיין שווערן מצב און מתרעם געווען אויף זיין מזל . . . און היינט, היינט איז ער מונטער, צופרידן און פול מיט דאַנקבאַרקייט צו ג־ט . . . אָט דאָס איז דער טייטש אין דער גמרא: לעולם איז טאַקע „אדם נידון בראש השנה", ווייל אום ראש השנה און יום כיפור איז „מזונותיו קצובין לו" דאַמאָלט באַשטימט מען ווי אַזוי און וויפל חייקל וואַסער־טרעגער זאָל פאַרדינען און פאַרלעבן אַ גאַנצן יאָר . . . נאָר צו חייקל זאָל זיין צופרידן פון זיין אומנות, און פון זיין פּרנסה?

דאָס זעט איר איז שוין „אָדם נידון בכל יום" . . . דאָס געוועגדעט זיך שוין אין יעדן מענטשנס מאָמענטאַנע געפילן . . . ווי אַזוי הייקל זעט די וועלט היינטיקן טאָג און ווי ער וועט זי זען מאָרגן... 7)

ר' זישע האַניפּאָליער, אַריינקומענדיק אַמאָל אין בית המדרש צו כל נדרי און זעענדיק ווי דער עולם זאָגט די „תפילה זכה" מיט אַזוי פיל הארץ, נשמה און וואַרעמקייט און ווי ביי אַ סך גיסן זיך הייסע טרערן פון די אויגן, איז צו צום ארון קודש אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגעשריען: רבונו של עולם, שוין צוליב דעם אַליין האָט זיך דיר געלוינט, אַז יידן זאָל זינדיקן, כדי זיי זאָלן קענען אַזוי האַרציק מתפלל זיין צו דיר . . . וואָלטן זיי נישט געזינדיקט, ווו וואָלסטו געהאַט אַזעלכע הערלעכע טייערע תפילות ? . . .

און דאָס, גלייבן מיר, איז דער טייטש פון דעם „על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים". די זינד וואָס עס באַגייען די מענטשן וואָס וויסן, וואָס האָבן געלערנט . . . די זינד איז די ערשטע, די שוואַכערע . . .

און די זינד וואָס עס באַגייען די „לא יודעימניקעס", די איגנאָ־ראַנטן, די אומוויסנדיקע, דאָס איז די צווייטע, שטאַרקערע זינד . . . און פאַר אַלע בעטן מיר סליחה מחילה וכפרה . . .

---

1) ילקוט תהילים קל"ט.
2) תורת כהנים, ויקרא ט"ז.
3) רמב"ם הלכות תשובה.
4) סוטה ג'.
5) ראש השנה ט"ז.
6) דאָרטן.
7) ספורי חסידים.

יום כיפורים ב׳

ווען אַ ייד פרייט זיך

„אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה" (תהילים צ"ז י"א).
„גדולה תשובה שזדונות נעשה כשגגות. והאמר ריש לקיש זדונות נעשה כזכיות? כאן מאהבה כאן מיראה" (יומא פ"ו).

א

די הייליקסטע צען טעג פון דעם אָנפאַנג פון דעם יידישן יאָר האַלטן ביים שליסן זיך מיטן יום כיפורדיקן קלימאַקס. נאָכדעם ווי יידן האָבן אָפּגעזאָגט מלכות, זכרונות און שופרות אום ראש השנה, מיט וואָס זיי האָבן, אויפדאָסניי, אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פון דעם רבונו של עולם איבער אַלץ וואָס לעבט, נאָכן דורכגיין ניין פון די צען טעג פון תשובה, אין וועלכע גלויביקע יידן האָבן זיך געגרייט צום „יום הקדוש" ווען יידן פון דער גאַנצער וועלט, פרומע ווי פרייע, אָנפילן די שולן צו „כל נדרי" און אויסער די פּאָר שעה שלאָף ביי־נאַכט, זיי האַלטן אָנגעפילט ביז נאָך נעילה, ווען אַלע יידן צוזאַמען וועלן אין איין אָטעם אויסשרייען זיבן מאָל: „ד׳ הוא אלקים ד׳ הוא אלקים" . . .

„בראש השנה יכתבון וביום צום כיפור יחתמון". אום ראש השנה ווערט אָנגעשריבן און אום יום כיפור ווערט געחתמהט, צו באַנייען דעם לעבנס־קאָנטראַקט מיט גליק און פרייד, אָדער ח"ו אים צו אַנולירן אין צער און טרויער. דער עיקר פאַרשטייט זיך איז די חתימה. מעג אַ גרויסער טשעק אָנגעשריבן ווערן אַפילו פון דעם

גרעסטן גביר, אזוי לאַנג ער איז נישט געחתמהט איז דאָס בלויז אַ שטיקל פּאַפּיר. אזוי, אַז אַלעס וואָס עס איז אַנגעשריבן געוואָרן ראש השנה און אין די אַנדערע טעג פון תשובה, האָט קיין באַדייט נישט ביז נאָך דער חתימה אום יום כיפור. פאַרשטייט זיך דעריבער פאַר־וואָס יום כיפור איז דער ייד מער ציטערדיקער און פאַרכטיקער ווי אין די אַנדערע טעג, ווייל ער איז דאָס דער דעצידירנדיקער טאָג, דער טאָג פון דעם גורל. איז אונדז דעריבער אַביסל שווער צו פאַר־שטיין, פאַרוואָס די מסדרי התפילות האָבן אין דעם פאַרכטיקן טאָג אַנגעפאַנגען די תפילות דווקא מיט אַ פּסוק פון ליכט און שמחה. „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה ?” דאָס איז דאָך אַ טאָג פון „על חטאס” און טרערן, פון ציטער און מורא, פון פאַסטן און פּלאָגן זיך, טאָ וואָס עפענען מיר מיט אַן אַריינפיר פון שמחה ? זעט איר ווען מיר ענדיקן דערמיט וואָלטן מיר פאַרשטאַנען, דאָס וואָלט אויסגע־דריקט די האָפענונג און גלויבן, אַז אונדזערע תפילות זענען אָנ־גענומען געוואָרן און מיר האָבן באַקומען אַ גוטע חתימה, אָבער ביים ספּקדיקן־אָנפאַנג ווי שיקט זיך שמחה ?

הרב עמיאל ז״ל אין זיין ספר „הגיונות אל עמי”, פרעגט אַן ענלעכע פראַגע און ער גיט פאָלגענדן ענטפער: דער עצם פאַקט וואָס מיר יידן זענען בכח און מסוגל זיך אַוועקצושטעלן בפרהסיה און כמעט גאַנצע פיראונצוואַנציק שעה זיך קלאַפּן „על חטא„ און מודה זיין זיך אויף אונדזערע חטאים אַרויסווייזנדיק אויפריכטיקע חרטה, דאָס, זאָגט ער, איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג און פאַר דעם פאַנגען מיר אָן דעם יום כיפור מיט אויסדרוק פון שמחה.

מיר ווען גיין אין דעם דרך און פאַראַבירן דעם רעיון באַפעסטיקן אויף אונדזער שטייגער. משה רבינו, דער מוחדיקער מענטש פון אַלע דורות, דוקא ער ווערט באַצייכנט אַלס דער „עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה”, דער וואָס האָט זיך געהאַלטן אַמקלענסטן פון אַלע מענטשן. די תורה פאַרהוילט נישט די זינד פון אונדזערע גרעסטע מענטשן. ראובן, יהודה, יוסף, די בעסטע זין פון יעקב אבינו, זיי דערציילט די תורה האָבן געזינדיקט. דוד המלך, שלמה המלך אונדזערע גרעסטע מלכים, פון זיי דערציילט דער תנ״ך זייערע זינד...

וואָס דאַרפֿן מיר מער ? דער „כהן גדול”, דער היילִיקסטער מאַן ביים יידישן פֿאָלק, שטעלט זיך אַוועק און שרייט אויס פֿאַר אַלעמענס אויערן „חטאתי עוויתי ופשעתי אני וביתי” איך, מיין גאַנץ הויז געזינד זענען זינדיקע מענטשן . . . צו האָבן מיר אַמאָל געהערט אַז דער „פּויפּסט” זאָל אַמאָל האָבן געזינדיקט? אָדער אפילו אַז דאָס קלענסטע גלחל זאָל זיך מודה זיין אין אַ זינד?... פֿון אַ גוישן מלך, אָדער פּרעזידענט, האָבן מיר שוין אַמאָל געהערט אַ ווידוי ? ניין, זיי זענען אַלע צדיקים. זיי זינדיקן נישט. עס איז בלויז מיר, מיר די יידן וואָס באַגייען זינד און מיר זענען דאָס מודה . . .

דאָס איז אונדזער לויב, און דאָס איז אפשר אַ טייל פֿון דעם סוד פֿון אונדזער פּיר טויזנטיעריקער עקזיסטענץ. דער וואָס ווייסט אַז ער מאַכט אַ פֿעלער, זוכט אים צו פֿאַריכטן, מודה זיין און חרטה האָבן, גיבן נייעם כח. טרערן וואַשן אָפּ ווייטאָג און גיבן מוט צו איבערטראָגן צער. ביי אונדז איז „דוה לבנו בחטאנו” אונדז טוט וויי די האַרץ וואָס מיר זינדיקן. דעריבער טוט עס נישט וויי פֿון קראַנקהייט. די חז”ל זאָגן: לעתיד לבוא מביאו הקב”ה ליצר הרע בפני הצדיקים כהר ובפני הרשעים כחוט השערה. אויף יענער וועלט וועט ג-ט פֿאַרשטעלן דעם יצר הרע סיי פֿאַר די צדיקים און סיי פֿאַר די רשעים. ביי די צדיקים וועט ער אויסזען ווי אַ גרויסער באַרג און ביי די רשעם דין ווי אַ האָר. 1) מיר גלייבן אַז דאָס איז אויך אַזוי אויף דער וועלט: ביי די צדיקים זעט די קלענסטע עבירה אויס גרוים ווי אַ באַרג, און זיי היטן זיך פֿון איר און ביי די רשעים זעט די גרעסטע עבירה אויס דין ווי אַ האָר און זיי זענען זי עובר מיט לייכטקייט . . .

דער ייד האָט אַלעמאָל געשראָקן זיך פֿאַר אָט די קליינע חטאים-לעך, וועלכע ברענגען אום אַ וועלט. וואָרום וואָס איז ביי די אָראַ-בער אַריינצושטופּן אַ גאַנץ פֿאָלק אין וואַסער אַריין ? אַ קלייניקייט, מיט וועלכן מען שטעלט זיך פֿאַר און מען אָנאָנסירט עס, מיט גאוה-דיקער חוצפה. און וויפֿל געלעגנהייטן איז געגעבן געוואָרן אייכ-מאַנען, ימח שמו, צו פֿאַרטיידיקן זיך אין אַ יידישן געריכט ? און ווער שרייט „אשמנו מכל עם” ? מיר, ווייל מיר, פּונקט ווי משה רבינו, זענען קיינמאָל נישט זיכער צו מיר האָבן יוצא געווען פֿאַר

ג־ט און פאַר מענטשן. דאָס איז אונדזער גרויסקייט און במילא אונ־
דזער פרייד, דעריבער ווען עס קומט אָן דער גרויסער יידישער טאָג
„יום כיפור" ווען מיר שטייען מיט טרערן אין די אויגן, און מיר
זענען זיך מתודה און מיר פאַסטן און בעטן ג־ט ער זאָל אונדז מוחל
זיין איז קיין גרעסערע שמחה פון דעם נישטאָ. דאָס ווערט אָנגערופן
ביי יידן „שמחה של מצוה" און דערפאַר פאַנגען מיר אָן דעם סאַמע
הייליקסטן טאָג מיט „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה" . . .

ב

די צווייטע זאַך וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט פאַרשטאַנען,
איז געווען די אויבן ציטירטע גמרא. ווי קען דאָס זיין, אַז פון עברות,
פון שלעכטע אַקטן, זאָל גאָר ווערן „זכיות" ?

ווי קען דאָס פון אַן עברה, דיר נישט מיר נישט, ווערן אַזש אַ
מצווה ? באשר בכן איך האָב חרטה ? איז גענוג, אַז עס ווערט אויס
עברה, אָבער ווי עפּעס ווערט פון דעם אַ מצווה ? ווי לייגט זיך דאָס
אויפן פשוטן שכל ?

אַריינטראַכטנדיק זיך אָבער אין דעם יום־כיפורדיקן מהות איז
אונדז דער ענין געוואָרן קלאָר ווי דער טאָג. ווען אַ ייד גייט דורך
דעם הייליקן טאָג און ער האָט אים אָפּגעהיט ווי עס באַדאַרף צו
זיין, מיט אַלע „חמשה עינויים" (ער האָט נישט געגעסן, נישט גע־
טרונקען, נישט זיך געוואַשן דעם קערפּער, נישט געטראָגן קיין לע־
דערנע שיך און נישט זיך צוגערירט צו זיין פרוי) און דערצו איז
ער געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און מתפלל געווען צום בורא עולם, האָט
דער ייד הייסט עס מקיים געווען אַ סך מצוות, פון דער תורה און ער
קען אָנגערופן ווערן אַ „בעל זוכה" . . . אָבער פון וואַנען טשאַמט
דער גאַנצער יום־כיפורדיקער טאָג ? ווי אַזוי איז ער געבאָרן געוואָרן
און וואָס האָט אים פאַראורזאַכט ? זאָגן די חז"ל, אַז יום כיפור איז
געקומען אויסדריקלעך מכפר צו זיין אויף די זינד פון דעם „עגל
הזהב". דעריבער זאָגן מיר יום כיפור ביינאַכט „וסלחת לעווניננו"
און „ונסלח לכל עדת בני ישראל כי לכל העם בשגגה", וואָס דאָס
האָט משה רבנו געבעטן ביי ג־ט, נאָכדעם ווי די יידן האָבן געזינדיקט

מיטן עגל און דער רבונו של עולם האָט געענטפערט „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך״. הייסט עס, אַז יום כיפור איז אַ רעזולטאַט פון דער זינד פון דעם עגל.

נאָך שענער: ר׳ יהושע בן לוי זאָגט: „לא עשו ישראל את העגל אלא ליתן פתחון פה לבעלי תשובה״. ד״ה, די יידן האָבן געזינדיקט מיטן עגל, צו ווייזן אַ מענטשן וועלכער האָט געזינדיקט, שרעק זיך גאָר נישט ! די וועלט גייט נישט אונטער ! אויב דו וועסט תשובה טאָן וועט דיר ג־ט מוחל זיין ! אַ סימן האָסטו, אַט האָבן מיר אַזוי שטאַרק געזינדיקט צו ג־ט מיט אַן עבודה זרה, וואָס דאָס איז די שרעקלעכסטע זינד פאַר ג־ט און דאָך האָט ער אונדז מוחל געווען. און נאָך אַ פערלדיקע גמרא: „יום הכיפורים משום דאית ביה סליחה ומחילה יום שנתנו בו לוחות אחרונות״. ווייל יום כיפור איז אַ טאָג פון מוחל זיין די זינד, דערפאַר איז אין דעם טאָג געגעבן געוואָרן צו משהן די צווייטע לוחות. זעען מיר, וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון אַ זינד אויף וועלכער די יידן האָבן תשובה געטאָן און ווי האַרציק דריקט אויס דער גרויסער רבי עקיבא „אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים״. ווייל איז אייך יידן פאַר וועמען איר זענט זיך מטהר און ווער עס איז אייך מטהר, אונ־דזער פאָטער אין הימל. 2).

ג

ווען מיר וואָלטן וועלן זיין ערלעך צו זיך אַליין און אַריינקוקן אין דעם שפּיגל פון אייגענער אינספּעקציע, וואָלטן מיר זיכער מודה געווען מיט וויפל אונדזער יידיש־לעבן וואָלט געווען גייסטיק־אָרעמער, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט אַזאַ טאָג ווי יום כיפור, זיך כאָטש אַביסל צו לייטערן, און כאָטש עטוואָס זיך פּאַראיידלען פון דער פּראָסטקייט און מגושמדיקייט אין וועלכער מיר זענען איינגעטונקען אַ גאַנץ יאָר. ווי עס זאָל נישט זיין ווערט דער פּראָסטער ייד, אויב ער גייט נאָר אין שול אַריין, באַווירקט פון דער טיפער הייליקייט פון דעם „יום הקדוש״ און מיר פרעגן זיך אַליין: ווי וואָלט אויסגע־

קוקט דער יידישער יאָר, אָן די פּאָרכטיקע טעג פון ראש השנה־יום כיפור? וויפל שיינקייט, וואַרעמקייט און גוטסקייט צייגן יידן אַרום די טעג? וויפל צדקה און מעשים טובים וואָלטן געפעלט דעם יידן, ווען ער האָט נישט געהאַט די הייליקע טעג! וויפל הויכע קדושהדיקע געפילן און וויפל פּשוטע יידישע פאָלקסטימלעכקייט וואָלט פאַרפאַלן געוואָרן און אויסגעפעלט אין דעם יידישן כאַראַקטער, אָן די אויסערגעוויינלעכע טעג פון די ימים נוראים? אמת, ביי זייער אַ סך בלייבט נאָך יום כיפור „כדאשתקד", „מפטירן כדאתמול", עס גייט וויטער ווי ס'איז געגאַנגען. אָבער ערשטנס איז דאָס נישט ביי אַלעמען, און צווייטנס איז חיי שעה אויך געלעבט.

ד

אַלע ווייסן מיר די מעשה פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער אָבער עס קען נישט שאַטן זי צו איבערדערציילן פאַר אונדזער צוועק. ערב יום כיפור פאַרנאַכט, ווען די שול איז שוין געווען איבערגעפּאַקט מיט די מתפללים, נעמט ר' לוי יצחק אַ ליכט אין האַנט און הויבט אָן זוכן אין שול אונטער אַלע טישן, אונטער אַלע בענק. ווען מען פרעגט אים: רבי וואָס זוכט איר? ענטפערט ער: איך זוך אַ שיכורן, אָדער כאָטש אַ שלאָפנדיקן יידן, אָבער איך קאָן בשום אופן נישט געפינען. און באַלד דרייט ער זיך אויס צום עמוד און מיט זיין אייגנאַרטיקער שפּראַך ווענדעט ער זיך צום רבונו של עולם און זאָגט: גיב אַ קוק ג־טעניו דו האָסט אָנגעזאָגט, אַז ערב יום כיפור זאָלן יידן אַ סך עסן און אַ סך טרינקען און די חכמים האָבן צוגעגעבן, אַז דער וועלכער עסט אַ סך ערב יום־כיפור איז גלייך ווי ער האָט געפאַסט סיי יום כיפור און סיי ערב יום כיפור 3) און גיב אַ קוק אַלע זענען שוין דאָ נאָך איידער עס איז נאַכט, קיינער שלאָפט נישט און קיינער איז נישט שיכור. ווי וואָלט געווען, ג־טעניו, ווען מען גיט די גוים אַזאַ באַפעל? וויפל פון זיי וואָלטן איצט געלעגן אין די שענקען טויט שיכור, וויפל פון זיי וואָלטן געווען צעהרגעט און צע־שלאָגן. אָבער גיב אַ קוק אויף דיינע יידן ווי ריין און ציכטיק זיי

זענען, וויפל קדושה עס איז אויסגעגאסן אויף יעדן יידישן פנים, זיי שטייען פאר דיר „כעבדא כמה מרי״, גרייט דיר צו דינען און דיך צו לויבן . . . נו ג־ט קומט זיי נישט א גוט יאר ? האבן זיי זיך נים פארדינט זאלסט זיי מוחל זיין וואס פארא זינד זיי זאלן נישט האבן באגאנגען ? טא זיי אזוי גוט און שרייב שוין אן א חתימה טובה און גיב זיי א שנת היים ושלום . . . און מיר טראכטן ביי זיך ווי וואלט זיך אנטוויקלט אזא ר׳ לוי יצחק ביי יידן, אן די הייליקע ימים נוראים ? . . .

און נאכאמאל אט דער יום כיפור פון וואנען קומט ער ? פון וואנען שטאמט ער ? נישט מער און נישט ווייניקער ווי פון דעם גרויסן „חטא העגל״ . . . אוודאי איז א חטא, א „זדון״ אדער אפילו א „שונג״ שלעכט און עקקלהאפט, אבער ווען א מענטש, וואס ער איז טאקע נישט מער ווי „בשר ודם״ און ער מוז זינדיקן, פארשטייט אבער תשובה צו טאן מיטן גאנצן הארצן און ער בעט ביי דעם רבון כל העולמים „סלח נא אשמות ופשעי לעמך״, אדער :סלח נא זדונות ושגגות״ איז נישט נאר קענען מיר האפן אויף „סליחה ומחילה״ נאר פון די זינד און פון די תפילות ווערט דער מענטש גאר דער־הויבן, צו נייע הויכן און אויסערגעווינלעכע אויסבעסערונגען, פון וועלכע ער האט אפילו נישט געחלומט. אויב אזוי צו זענען דען די חז״ל נישט גערעכט ווען זיי האבן געזאגט, אז פון שגגות, אפילו פון זדונות ווערן זכיות און מצוות . . . ?

זאלן מיר יידן, היינטיקן יאר, פארטראכטן זיך, אויב שוין יא געזינדיקט, וואס דאס איז מענטשלעך, לאמיר פראבירן אויסנוצן די חטאים פאר אויסבעסערונג און דערגענצונג . . . און דערפאר זאגן מיר פאר כל נדרי: „על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירין להתפלל עם העברינים״. ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס פון „עברינים״ קען ארויסקומען. א ראיה „יום כיפור״. האט אלע יידן בכל מקום שהם א גמר חתימה טובה !

---

1) סוכה נ״ב א׳.

2) יומא כ״ו.

3) ר״ה ט׳ ב׳.

סוכות

די זינד פון דער וועלט

ושמחת בחגך וכו׳ והיית אך שמחה (דברים טז)

א

יעדער יידישער יום-טוב, דערציילט זיין נאַציאָנאַלע געשיכטע. יעדער יידישער יום טוב האָט אויך זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, זיינע ספּעציפיש-סימבאָלישע מצות און מנהגים. דער שליסל-וואָרט פון ראש השנה איז „ותקעתם", און איר זאָלט בלאָזן און מיר בלאָזן שופר. די לאָזונג פון יום כיפור איז „ועניתם", און איר זאָלט זיך פייניקן און מיר פאַסטן. פסח איז אונטער דעם געבאָט פון „תאכלו" איר זאָלט עסן און מיר עסן מצות. אַלע די מצות פאַרשטייען מיר און ווער עס וויל נאָר, קען זיי דורכפירן. אַנדערש אָבער איז, ווען מיר קומען צו סוכות און מיר באַגעגענען זיך מיט אַזאַ מצוה פון „ושמחת"! און דו זאָלסט פריילעך זיין! דאָ זעט איר איז שוין שווערלעך, ווייל עס שטעלט זיך די פראַגע, ווי קען מען פריילעך זיין אויף באַפעל? דער געבאָט ווערט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל אין דער תורה און איינמאָל זאָגט אַפילו די תורה „והיית אך שמח", דו זאָלסט נאָר זיין פריילעך. אָבער ווי מאַכט מען דאָס? שמחה, פרייד איז דאָך אַ זאַך פון געפילן און עמאָציע. ווי פירט מען דאָס דורך אויף באַשטעלונג? אמת, אין די סוכות-טעג זענען פאַראַן גאַנץ לאָגישע אורזאַכן צו זיין פריילעך. ערשטנס, גלייבט יעדער ייד, אַז ער האָט זיך אויסגעבעטן אַ גוט יאָר און נאָך אַזויפיל דאַווענען און פאַסטן קומט אים אַביסל פריילעכקייט. צווייטנס, איז סוכות אויך דער „חג האָסיף" ווען דער

ייד האָט שוין אין זיינע שייערן און שפייכלערס די גאַנצע אָנגעזאַמל־טע תבואה און פרוכט, אויף וועלכע ער האָט אַזוי שווער געאַרבעט און עס דאַרף ווערן פריילעך אויפן הארצן, ווען מען זעט, אַז די פּראַצע און האָרעוואַניע איז געבענטשט געוואָרן מיט דערפאָלג. אָבער אויב אַזוי איז דאָך דער אָנזאָג איבעריק, אויב עס זענען דאָ מאָטיוון פאַר שמחה, קומט דאָך די שמחה ממילא. טאָ וואָס איז די מצווה? און נאָך עפּעס: אויב די שמחה איז אַ מצות עשה מן התורה, ווי ווערט זיין מיט איינעם וועלכער האָט דוקא סיבות צו זיין טרויעריק ר״ל און אויב ער ווערט ניט קענען זיין פריילעך, ווערט ער עובר זיין אויף אַ מצוה פון די תרי״ג מצות?

עס ווילט זיך דעריבער דענקען, אַז די מצוה פון שמחה, אין דעם יום טוב סוכות רעדט נישט פון דער געוויינלעכער פרייד וואָס מיר פאַרשטייען, וואָס אַ מענטש קען האָבן פון וואָס עס זאָל נישט זיין, נאָר עס מיינט אַ שמחה פון העכערן קאַליבער. נישט אַ פרייד וואָס ווערט באַווירקט פון צופעליקייטן, נאָר אַ פרייד וואָס שטראָמט ארויס פון אַ קוואַל וואָס איז שטאַרקער און מעכטיקער פון זיך אַליין . . . די גמרא זאָגט, למשל, „אין שמחה אלא בבשר ויין". אָן פלייש און וויין איז נישטאָ קיין שמחה. 1) וועלן מיר דען זאָגן, אַז חז״ל מיינען, אַז ווען איינער עסט פלייש, טרינקט וויין און ווערט דעריבער פריילעך, אַז דאָס איז אָן אמתע טיף אינערלעכע שמחה? ניין, די חז״ל זאָגן: האָסטו אַ שמחה, ובפרט אַ שמחה של מצוה, טאָ מאַך זי פול מיט פלייש און וויין . . . נישט אַז פלייש און וויין מאַכט די שמחה נאָר די שמחה פאָדערט דאָס. פאַראַן אָבער שמחות וואָס דאַרפן נישט קיין פלייש מיט וויין, ווייל די שמחה איז גרויס אָן דעם. און גראַד אין דעם יום טוב סוכות, באַגעגענען מיר זיך מיט אַזאַ ביישפּיל. די גמרא זאָגט: 2) „מי שלא ראה שמחת בית השואבה, לא ראה שמחה מימיו". דער וואָס האָט ניט געזען די שמחה פון בית השואבה (די צווייטע נאַכט סוכות), האָט אין זיין לעבן קיין שמחה נישט געזען. און דוקא ביי דער גרויסער שמחה, ווערט נישט דערמאָנט נישט קיין פלייש און נישט קיין וויין. וואָס מיר געפינען יאָ איז וואַסער. „ניסוך

המים״ איז געווען די גרויסע אטראקציע די נאכט. וואסער און נישט קיין וויין האט מען געגאסן אויפן מזבח און דאך, אדער אפשר דערפאר, איז די שמחה געווען אזוי גרויס. נישט קיין געקינצלטע שומחה, נישט א סתם שמחה, נאר די שמחת החג בחג, האט געהאט אן אנדער באגריף. נישט פון אינדיווידועלן כאראקטער, נישט אפילו פון נאציאנאלן נאר ממש פון אינטערנאציאנאלן אינטערעס. האבן דאך די יידן „בזמן שבית המקדש היה קיים״ מקריב געווען אויף דעם יידישן מזבח זיבעציק קרבנות פאר די זיבעציק פעלקער פון יענער צייט, א מין „גוד-וויל״ אפפערונג פארן שלום און ווילזיין פון דער וועלט און דער מענטשהייט . . . אזוי, אז דער ושמחת בחגך פון דעם יום טוב סוכות מוז פארשטאנען ווערן אין דעם ליכט . . .

ב

אין דער הפטורה פון דעם ערשטן טאג סוכות, לייענען מיר פון נביא זכריה (יד י״ט) „זאת תהיה חטאת מצרים וחטאת כל הגוים, אשר לא יעלו לחוג את חג הסוכות״. די זינד פון מצרים און פון אלע פעלקער וועט זיין וואס זיי וועלן נישט אויפגיין צו פייערן דעם יום טוב סוכות. אלע וואונדערן זיך. צו האבן טאקע די פעלקער שוין קיין שום גרעסערע זינד נישט, נאר די וואס זיי וועלן נישט פייערן דעם יום טוב סוכות ? וואס מיינט דער נביא דערמיט צו זאגן ?

מיר, וואס לעבן אין דער היינטיקער עדע פון נוקלעארע-וואפן, קענען מער ווי וועלכע אנדערע, האבן א טיפערן אריינבליק אין דער מצוה פון סוכה אין באצוג צו דער אלגעמיינער וועלט סיטואציע.

א ניו-יארקער רב דערציילט: ער מיט זיין צוועלף יעריק בחורל האבן, אין הויף, צוזאמענגעשטעלט די סוכה. א שכן, נישט קיין יידיש יינגל, איז אריינגעקומען זען וואס זיי טוען. זעענדיק דאס סוכהלע פרעגט דער שגץ, וואס איז דאס ? דעם רבס בחורל האט זיך אנגעגורט די לענדן, צו דערקלערן דעם גוי, וואס אזוינס די סוכה באטייט. אלץ וואס ער האט געלערנט אין דער ישיבה וועגן

דער סוכה האָט ער דעם שכן איבערגעגעבן, ביז ענדלעך נאָך אַ שפּאַר ביסל צייט פון אויפקלערונג, גיט זיך דער שגץ אַ רוף אָן: אָה! איצט ווייס איך שוין, איר מאַכט אַ שוץ־קעלער קעגן באָמבעס... מיר זענען זיכער, אַז דער גויאישער יינגל האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי גוט ער האָט אַריינגעטראָפן אין ציל...

אַ קורצע צייט איידער פּרעזידענט קענעדי איז אומגעבראַכט געוואָרן, האָט ער, אין אַ רעדע, געהאַלטן אין קענטאַקי, אַזוי געזאָגט: יעדוועדער מענטש וואָס פאַרפעלט צו בויען אַ „שעלטער" אין זיין הויז אַלס שוץ קעגן אַן אַטאָמישער אַטאַקע, דערפילט נישט זיין חוב לגבי זיין פאַמיליע און זיינע מיט־מענטשן. אָט די צוויי עפּיזאָדן טראָגן מיט זיך אַ טיפן וועלטלעכן מוסר השכל פון „מה בין בני לבן חמי", וואָס פאַרא גרינטלעכער אונטערשיד עס איז פאַראַן צווישן דעם יידנס, תורהדיקע, אוניווערסאַלע איינשטעלונג, צו פרייהייט און פּראָגרעס, און דער „כל הגוימדיקער" טעאָריע וועגן די זעלבע.

די גויאישע וועלט שרייט, אַז ווי דיק די ווענט פון אונדזערע היימען זאָלן נישט זיין, זענען מיר נישט זיכער מיטן לעבן... און די יידישע וועלט זאָגט: „בסוכות תשבו"! גיי אַרויס ייד פון דיין היים מיט אירע שלעסער און ריגלען, מיט אירע פּלויטן און שטאַכעטן און זעץ זיך אַריין אין אַ שוואַך סוכה־ביידל, מיט אַ שיטערן שטרויע־נעם דאַך, קוק צום הימל און זיי פריילעך...

די נישט יידישע וועלט, הייסט באַגראָבן זיך וואָס טיפער אין דער ערד, פאַר מורא און פחד... און די יידישע וועלט הייסט בויען אַ סוכהלע אויפן דאַך, אויפן באַלקאָן, אויך אַ בערגל אין דער פריי און וואָס פרייער אַלץ בעסער...

דאָס יידישע קינד וויל מברר זיין און דערקלערן די מצוה פון סוכה מיטן „כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים" 3). די סוכה אויפן פרייעם פעלד, אין גאָרטן אָדער אויפן הויף איז אַ סימבאָל פון אַרונטערוואַרפן די קייטן פון שקלאַפעריי, פון לעבן אַ פריי און זיכער לעבן אונטער דער באַשטענדיקער פּראָ־

טעקציע פון ג-ט . . . און דאָס נישט-יידישע יינגל זעט אין דער סוכה נישט עפּעס אַנדערש: ווי אַ שעלטער קעגן באָמבעס.

די פעלקער פון דער וועלט, פּראָדוצירן די אַטאָמישע געפאַר און שרייען צו דער וועלט: בויט שעלטערס אַלס רעטונג פאַר דער מענטש־הייט! דער ייד ווידער בויט סוכות און קוקט צום הימל פאַר פּראָ־טעקציע. „כי יצפנני בסוכו ביום רע יסתירני בסתר אהלו", זאָגט דוד המלך, אין תהילים כ"ז. אויב עס זאָל קומען אַ שלעכטער טאָג און איך זאָל מוזן זיך אויסבאַהאַלטן, טאָ באַהאַלט מיר אין דיין סוכהלע . . . רבונו של עולם . . .

אָט דער רעיון איז איינגעוויקלט אין עטלעכע קלאַסישע פּסוקים פון דער תורה. אין פּרשת כי תשא 4) זאָגט משה רבינו צו ג-ט „הראיני נא את כבודך", צייג זיך פאַר מיר' און ג-ט ענטפערט: „לא תוכל לראות את פני כי לא יראני האדם וחי". דו קענסט מיין פּנים נישט זען ווייל קיין מענטש האָט דאָס נאָך נישט געזען און געבליבן לעבן . . . נאָר, זאָגט ג-ט ווייטער, אויב דו ווילסט וויסן עפּעס פון מיין עקזיסטענץ טאָ הער! „הנה מקום אתי ונצבת על הצור והיה בעבור כבודי ושמתיך בנקרת הצור", ד"ה, אַזוי לאַנג די וועלט וועט זיך רעכענען מיט מיר און גלייבן איר מיר — וועסטו, די מענטשהייט, קענען שטיין פון אויבן, אויפן פעלדז, אויפן באַרג אָן מורא און אָן ציטער, נישט פאַר קיין באָמבעס און נישט פאַר קיין מיסילס, ווייל איך וועל היטן די וועלט . . . איר וועט קענען זיצן אין סוכות אַנשטאָט אין „שעלטערס" . . . ווען אָבער „בעבור כבודי", עס וועט זיין, ווען מיין כבוד וועט דורכגעלאָזן ווערן, ווען מען וועט אויפהערן צו רעכענען זיך מיט דער ג-טהייט . . . די מענטשן וועלן גלויבן, אַז זיי קענען אַליין פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ, דאַן, זאָגט ג-ט, „ושמתיך בניקרת הצור" וועסטו מוזן זיך באַהאַלטן אין די טיפע שפּאַלטן פון די פעלדזן שטיינער, דו וועסט, זיך מוזן גראָבן באַהעלטענישן אין דער ערד, פאַר מורא און שרעק פון דעם שונאס באָמבעס. אין אַנדערע ווערטער, ווען דו וועסט פאַראַטן דעם אויבער־שטן, דיין ביז איצטיקן באַשיצער, וועט קומען אַן אַנדערער איבער

דיר, דיך צו צעברעכן . . . „והסירותי את כפי", און ווען איך וועל אוועקנעמען מיין באַשיצנדיקע האַנט, „וראית את אחורי", וועסטו זען בלויז דעם סוף, דעם אונטערגאַנג „ופני לא יראה, אָבער קיין פּראָגרעס, קיין פאַרשריט וועסטו נישט זען . . .

דאָס, אין קורצן, גלויבן מיר, האָט דער נביא זכריה אויך פאַר־רויסגעזאָגט: די גרעסטע זינד פון די פעלקער וועט זיין, וואָס „אשר לא יעלו" זיי וועלן זיך נישט דערהויבן צו דער געהעריקער הויך זיי זאָלן פאַרשטיין „לחוג את חג הסוכות" צו פייערן דעם יום טוב פון סוכות, ווען מענטשן וועלן קענען זיצן אין ביידלעך, אָן מורא און אָן שרעק, אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, נישט טיף אין איר... ווייל אַ פחדיקע וועלט קען נישט פייערן קיין ימים טובים, אַ וועלט וואָס לעבט אין אומזיכערקייט איז אַ וועלט אָן פרייד און אָן גליק „השרוי בלא שלום שרוי בלי שמחה". אָן שלום איז נישט מעגלעך קיין שמחה 5).

אָט דאָס איז די בריק וואָס פאַרבינדט דעם יום טום סוכות מיט שמחה. „ושמחת בחגך", אויב דו וועסט פייערן דעם יום טוב סוכות מיט אַלע זיינע שלום־סימבאָלן... „והיית אך שמח", וועסטו שטענ־דיק קענען זיין פריילעך „ושמחתם לפני ד' אלוקיכם", איר וועט זיך פרייען מיט אייער ג־ט, ווייל עס וועט זיין ער, וואָס וועט אייך פאַר־טיידיקן אין אייערע סוכהלעך . . .

ג

אויב שלום איז שמחה, איז אחדות שלום און דאָס ברענגט אונדז צו די „ארבעה מינים" פון דעם יום טוב סוכות. אתרוג, לולב, הדסים און ערבה. זייער צוזאַמענבונד איז דער זעלבער שמחהדיקער סימבאָל. יעדער פון די פיר מינים איז צוגעגליכן צו אַן אַנדער וויכטיק אבר פון דעם מענטשנס קערפּער 6) דער אתרוג איז ווי דאָס האַרץ. דאָס באַווייזט קודם כל, אַז כדי צו קענען לעבן בשלום איז נישט גענוג בלויז אַ קאָפּ, צו דעם מוז מען נוצן האַרץ . . . מאַטע־מאַטיק אַליין, ווי פּינקטלעך זי זאָל נישט זיין איז זי אָבער צו טרוקן...

דער לולב איז גלײך צו דער מענטשלעכער שדרה. אחדות מוז האָבן אַ רוקן בײן. שלום מוז זײן שטאַנדהאַפטיק און אויסגעהאַלטן. צו־געבונדנקײט, פאַרטראָגט נישט קײן קרומקײט. דער „ויעשו כלם אגודה אחת" פאָדערט אַ שטענדיקע, גלײכע און גראַדע ליניע. דער הדס איז װי דאָס מויל. אחדות, פאַרײניקונג איז זײער שטאַרק באַ־װירקט דורך דעם װאָרט. די מענטשלעכע רײד מוזן זיך טראָגן װי דער דופט פון דעם שמעקעדיקן הדס. אַ מויל פון װעלכן עס הערט זיך אַ טוכלער ריח... דערנענטערט נישט נאָר דערװײטערט...

דער באַרימטער רבי ר׳ מאירל פרימישליאַנער ז״ל פלעגט זאָגן: אין דאַװנען שטײט „כי אתה שומע תפילת כל פה". מוז מען זײער אַכטונג געבן, אַז אין דעם אות „פ" פון דעם װאָרט פה זאָל זײן אַ פינטעלע . . . אויב נישט קען זיך עס לײענען פע . . . און עס װעט דאָן זײן אַ פראַגע צי ג־ט װעט אָננעמען אַזאַ תפילה . . . די ערבה איז גלײך צום אויג. די אויגן זענען דער סימבאָל פון חכמה (חכם עיניו בראשו, די לחכימא ברמיזא, עיני העדה אאַז״ו). טאָלסטאָי האָט געזאָגט: אַ װונק פון אַ קלוגער אויג רעדט מער װי די חכמה אַלײן . . . די ערבה איז דאָך אײגנטלעך די ביליקסטע פון די ארבעה מינים . . . זי האָט אָבער געגנוג שכל צו װיסן מיט װעמען זיך צו חברן . . . און דאָס אַלץ אַנטהאַלט דער אָנזאָג „ושמחת בחגך". דער מדרש 7) זאָגט: אין שמחה כשמחת האחדות, שנאמר. שמחו בד׳ וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב". און ער פירט אויס: במקום שיש „כל" יש שמחה גילה ורינה. דאָרטן װו עס איז דאָ „כל" אַלע צו־זאַמען, דאָרטן הערשט די אמתע שמחה . . .

מיר װינטשן אַלע ײדן אַ חג שמח.

---

1) פסחים ק״ט.
2) סוכה ב״א
3) ויקרא כ״ג מ״ג.
4) שמות ל״ג
5) תהילים ל״ג.
6) ויקרא רבה פ״ל.
7) תהילים ל״ב י״א.

שמיני עצרת — שמחת תורה

הקדמה צו שבת בראשית

„יום השמיני עצרת לכם" (במדבר כ"ט ל"ה).

„עכבו עמי עוד יום אחד — קשה עלי פרידתכם" (רש"י ויקרא כ"ג ל"ו).

„אם אין קמח אין תורה, אם אין תורה אין קמח (אבות פ"ג כ"א).

א

דער שמיני עצרתדיקער יום טוב איז אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע ימים טובים, מיט דעם וואָס ער האָט נישט קיין שום ספּעציעלע מצוה מן התורה, ווי עס האָבן אַלע אַנדערע יידישע ימים טובים, ווי סוכה, אתרוג, מצה, שופר אאַז"וו און ער באַצייכנט אויך נישט קיין שום היסטאָרישע דאַטע, ווי יציאת מצרים, קבלת התורה אָדער וועלט־באַשאַף. די חז"ל רופן דעריבער דעם יום טוב „רגל בפני עצמו". אַ באַזונדערער, אייגנאַרטיקער און זעלבסטשטענדיקער יום טוב, אומ־אָפּהענגיק פון קיין שום געשעעניש אָדער זכרון. וואָס זאָגט יאָ די תורה? די תורה זאָגט: „ביום השמיני עצרת תהיה לכם". אין דעם אכטן טאָג (נאָך די זיבן סוכות טעג) מאַכט פאַר אייך אַן „עצרת".

די באַדייטונג פון דעם וואָרט „עצרת" איז אויך פאַרשידנאַרטיק. עצרת מיינט איינזאַמלונג און עצרת מיינט אויך אויפהאַלטונג. וועגן דער ערשטער באַדייטונג איז כדאי צו ברענגען דאָ אַן אינטערעסאַנטן

מדרש. „אָמר ר׳ יהושע בן לוי, ראויה היתה העצרת של חג שתהא רחוקה חמישים יום כמו העצרת של פסח, אלא עצרת של פסח על ידי שהן יוצאין מן החורף אל הקיץ והדרכים אינם קשים, אמר הקב״ה אית ביומיא למיזל ולמייתי, אבל עצרת של חג על ידי שהן יוצאין מן הקיץ אל החורף והדרכים קשים. אמר הקב״ה לית ביומיא למיזל ולמייתי אלא עד דאינון הכא, נעבד כלהון חד יומא יום טוב ונחדו, לפיכך אינה רחוקה חמישים יום. ר׳ יהושע בן לוי זאָגט: פאַר וואָס איז דער עצרת פון פסח ערשט אין פופציק טעג אַרום (דער יום טוב פון שבועות הייסט אויך עצרת) און דער עצרת פון סוכות איז גלייך נאָך סוכות? ווייל, זאָגט ער, נאָך פסח גייט מען אַרוים פון ווינטער און מען גייט אַריין אין זומער און די וועגן זענען גוט. זאָגט ג-ט זיי קענען קומען אין פופציק טעג אַרום נאָכאמאָל, אָבער נאָך סוכות גייט מען אַרוים פון זומער און מען גייט אַריין אין ווינטער און די וועגן זענען שלעכטע. זאָגט גאָט זיי זענען שוין דאָ זאָלן זיי שוין מאַכן נאָך אַ טאָג יום טוב גלייך אויפן אָרט. 1)

זעען מיר פון דעם מדרש, אַז נאָך ביידע יידישע הויפּט ימים טובים, פּסח און סוכות, האָט ג-ט פאַרלאַנגט אַ מין ספּעציעלן „תורה כינוס״. נאָך פּסח, שבועות און נאָך סוכות, שמחת תורה. וואָרום דער רבונו של עולם באַנוגנט זיך נישט מיט דעם וואָס יידן פייערן ימים טובים. מעגן זיי זיין רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע. דער ענד-ציל פון די ימים טובים מוז זיין תורה, דער תכלית פון די פייערונגען, פילט זיך נאָר דאַן, ווען יידן באַגייסטערן זיך אין זייערע ימים טובים וואָס ברענגט זיי מיט דעם נענטער צו תורה-יידישקייט און דער כינוס די „תורה-קאָנווענשאָן״ ווערט אָנגערופן, לויט דעם מדרש עצרת...

די אויבן ציטירטע רש״י, ווידער טייטשט עצרת „אויפהאַלטונג״ און זי ברענגט זייער אַ סענטימענטאַלע אינטערפּרעטאַציע. ג-ט זאָגט צום יידישן פאָלק: איר זענט געקומען צו מיר צוגאַסט אויף אַ חודש צייט. איך האָב זיך מיט אייך געפרייט און משתעשע געווען. איר האָט מיר געבראַכט דריי מתנות: תשובה, תפילה און צדקה און איך האָב אייך צוריקגעגעבן דריי מתנות: סליחה, מחילה און כפרה...

מיר האָבן זיך גוט אויפגעלעבט און זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן.. מיר איז זייער שווער קינדערלעך זיך מיט אייך צו שיידן „עכבו עלי עוד יום אחד" בלייבט מיט מיר נאָך אַ טאָג... „קשה עלי פרידתכם"... דער „עכבו עלי עוד יום אחד", איז זייער כאַראַקטע־ריסטיש אין דער היינטיקער צייט. מיר זענען זיכער, אַז דער פשט אין רש"י איז נישט, אַז ג־ט וויל בלויז נאָך איין טאָג... נאָר דער „נאָך איין טאָג" מיינט „אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר". אין אונדזער פאַנטאַזיע הערן מיר ג־טס שטים: קינדערלעך! שוין נאָך ראש השנה, שוין נאָך יום כיפור און נאָך סוכות און הושענה רבה און וואָס ווייִ־טער? זייט וויסן, אַז איך וואַרט אויף אייך נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג... איך בין דערזעלבער ג־ט אין מיטן דער וואָך ווי שבת, און שבת ווי ראש השנה און יום כיפור... „ביום השמיני", זאָגט ג־ט, דעם אַכטן טאָג, דער טאָג נאָך יום טוב, דער טאָג אין וועלכן עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז עס איז שוין נישט נייטיק מער צו גיין אין שול, דער טאָג וואָס האָט דוקא יאָ ספּעציעלע מצות ווי תפילין און צדקה וכדומה. אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר... „עצרת תהיה לכם" דאַרפט איר אויפהאַלטן די תורה און מצות און זיי וועלן אייך אויפהאַלטן אַלס דאָס יידישע פאָלק...

ב

וואָס עס גיט אונדז אָבער אַמיינסטן צו טראַכטן, אין די לעצטע צוויי יום טוב טעג, איז אָט וואָס. שמיני עצרת איז, ווי געזאָגט, אַ „רגל בפני עצמו" און שמחת תורה איז דער יום טוב שני של גלויות משום ספיקא דיומא, דאַרפן דאָך ביידע טעג זיין גלייך, פונקט ווי עס זענען די לעצטע צוויי טעג פון פסח, אָדער די ערשטע פון סוכות און פסח, מיר זעען אָבער, אַז עס איז נישט אַזוי. נישט נאָר האָבן די צוויי טעג צוויי באַזונדערע נעמען, שמיני עצרת און שמחת תורה, נאָר אַחוץ דעם וואָס מען זאָגט די זעלבע שמונה עשרה, זענען די מצות, מנהגים און טראַדיציעס גאַנץ פאַרשידן איינער פון דעם אַנ־

דערן. שמיני עצרת זאָגט מען יזכור, וואָס געוויינטלעך זאָגט מען דאָס אין לעצטן טאָג יום טוב. שמיני עצרת בענטשט מען גשם. שמחת תורה דאַקעגן האָט שוין גאָרנישט פון די זאַכן נאָר מען גייט מיט די הקפות און די קריאת התורה איז גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע, מען איז מסיים און מען פאַנגט אָן די תורה. אַזוי, אַז עס זעט זיך איבערהויפּט נישט קיין שום ענלעכקייט פון איין טאָג יום טוב צום אַנדערן. מיר גלייבן, אַז עס פאָדערט זיך אַן אויפקלערונג.

ווילן מיר דאָ ברענגען אַ נייעם רעיון געבויט, אויף דער אויבן ציטירטער, משנה אין אָבות. כאָטש די שמחת תורהדיקע הקפות זענען, אַן און פאַר זיך, זייער צערעמאָניאַל און איינדרוקספול וואָס ציט די ענטוזיאַסטישע אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע מאַסן, איז אָבער די הויפּט אידייע פון שמחת תורה פאַרוואָרצלט אין דעם, ענדיקן און אין דעם אָנפאַנגען צוריק די תורה. אינטערעסאַנט איז צו וויסן, אַז אין תלמוד ווערט דער גאַנצער יום טוב שמחת תורה אינגאַנצן נישט דערמאָנט חוץ אין עטלעכע ווערטער אין מגילה ל״א״ וקאידנא דאיכא תרי יומין — למחר קורין וזאת הברכה״; אָבער קיין איין וואָרט נישט וועגן אַ יום טוב מיטן נאָמען שמחת תורה, אָדער וועגן הקפות. אין זוהר פ׳ פינחס ווערט אָנגעוויזן: „ונוהגין למעבד ישראל עמה חדוה, ומתקראית שמחת תורה ומעט־רין ספר תורה בכתר דיליה״. דער טור אורח־חיים, אין בית יוסף דערמאָנט אַלס מנהג אשכנזים „לסיים התורה ביום טוב שני של גלויות בסיומה״ און אויך אין רמ״א. אין ערגעץ אָבער, געפינען מיר נישט קיין הקפות. דאָס, האָט געמוזט קומען שפּעטער, געבויט אויף די הקפות מיט די הושענות. די צוויי חתנים. דער חתן תורה, מיט וועלכן מען מאַכט דעם סיום, און דער חתן בראשית, דער העלד פון דער התחלה, זענען די וויכטיקסטע צוויי וואָס שפּילן די הויפּט ראָלן אין די שמחת תורהדיקע אַטראַקציעס. אויף וויפל יידן פלעגן זיין גרייט צו לאָזן זיך קאָסטן, ראש השנה און יום כיפּור, צו קויפן אַ פּתיחה, אַן עליה אָדער גאָר מפטיר יונה, איז

דאָס נישט געקומען צום גרויסן אינטערעס און קויפלוסטיקייט. וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן ביים קויפן די אויבן דערמאָנטע „חתנים", וואָרום אויב אין די ערשטע האָבן יידן געזען כבוד התורה, כבוד שמים אָדער סתם „כבוד"... זענען די לעצטע צוויי באַטראַכט גע־וואָרן פאַר דער העכסטער מדרגה פון די אַספּיראַציעס... און באמת וואָס האָט געקענט מער פאַנאַנדערשפּילן די פאַנטאַזיע פון אַ „שול יידן" ווי זוכה צו זיין צו טראָגן די קרוין פון „בעל מסיים" אָדער „בעל מתחיל" פון דער תורה הקדושה?... און די צוויי חתנים זענען, אין אַ געוויסן זין, באַטראַכט געוואָרן ווי מחותנים, וועמעס קינדער זענען געוואָרן חתן כלה. דער „לעיני כל ישראל" פון דעם סוף און דער „בראשית ברא" פון דעם אָנפאַנג האָבן אויף דאָסניי זיך געגעבן די הענט אין אייביקער פאַריייניקונג...

ר' משה קאָברינער ז"ל פלעגט זאָגן: דער גאַנצער חודש אלול. דער ראש השנה, תקיעת שופר, די עשרת ימי תשובה, יום כיפור, די ארבעה מינים, די הושענה, דאָס אַלץ איז בלויז אַ פאָרשפּיל, אַן הקדמה צום חיבור פון ישראל מיט בראשית...

דער ריזשינער צדיק האָט אַמאָל געזאָגט: די תורה איז די בת השמים, די טאָכטער פון כביכל און ער, דער רבונו של עולם, האָט אין דער תורה אַריינגעגעבן זיין תכונה פון „אין סוף"...

אונדזער זיידע ר' מרדכלי נאַדווערנער, פלעגט זאָגן אַ שמחת־תורהדיק ווערטל: פאַר וואָס זינגען מיר „נגיל ונשיש בזאת התורה", ווייל אַן „אלף" מיט אַן „עין" פאַרביטן זיך אַמאָל און אַזוי ווי „אָגיל" מיינט פרייען זיך מיינט „עגול", קיילעכדיק. פרייען מיר זיך דעריבער וואָס די תורה איז קיילעכדיק און האָט נישט קיין ענד און קיין סוף...

שמיני עצרת סימבאָליזירט אויך אַ סיום מיט אַן התחלה. מיט הושענה רבה, ענדיקט זיך נישט נאָר דער יום טוב סוכות, נאָר אויך דער חג האסיף. אַ ייד איז פאַרזאָרגט מיט אַ יאָר פרנסה... קומט צוגיין דער שמיני עצרת און זאָגט:

ר' ייד! דו קענסט נישט און טאָרסט ניט וואַרטן. דו מוזט שוין, גלייך, אָנפאַנגען זאָרגן אויף שפּעטער. די תבואה און די אַנדערע

פראָדוקטן וועלן נישט האַלטן אייביק. איצט ביזטו פול און זאַט, איצט איז די צייט צו בעטן אויף שפּעטער, ווען דו וועסט זיין הונגעריק וועט שוין זיין צו שפּעט... בעט ביים רבונו של עולם אויף „גשם״ שוין איצט... און דאָ זעען מיר די טיפע פאַרבינדונג פון די צוויי טעג. ווילסטו האָבן אַ פריילעכן „שמחת תורה״ מוזטו זאָרגן פאַר „גשם״ אין שמיני עצרת, ווייל „אם אין קמח אין תורה״... גלייך נאָך דעם „חג האסיף״ קומט „גשם״ פונקט ווי נאָך „ישראל״ קומט „בראשית״.

יזכור איז אויך אַ מין „חג האסיף״, דער יום טוב פון די איינגעזאַמלטע אין דער אייביקייט... (פון ויאסף אל עמיו). אויך ביי די נשמות איז יום טוב ווען זייערע קינדער און אייניקלעך דערמאָנען זיך אין זיי און לאַדן זיי איין אין שול. אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט דער מנהג פון יזכור זאָגן? ווען די קינדער זאָגן יזכור נאָך זייערע עלטערן, זאָגן זיי, אין דער זעלבער צייט, צו זיך אַליין, מיט אונדזערע עלטערן האָט זיך נישט געענדיקט. ווו זיי האָבן אויפגעהערט דאָרטן האָבן מיר אָנגעפאַנגען... דאָס איז אויך אַ סוף מיט אַן התחלה איינגעפלאָכטן צוזאַמען... און דאָס איז דער אָרט „היכי דנשקיי ארעי ורקיע אהדדי״. ווו הימל און ערד נעמען זיך אַרום. ווייל „בראשית״ נאָך גאַנץ אין אָנפאַנג „ברא אלוקים את השמים ואת הארץ״ האָט ג־ט די וועלט אַזוי באַשאַפן, אַז דער שמים מיטן ארץ זאָלן מוזן האָבן אַן אייביקע פאַרבינדונג. פונקט ווי דער „ארץ״ קען נישט זיין אָן דעם „שמים״, ווייל „גשם״ קומט מן השמים (ועצר את השמים ולא יהיה מטר) אַט פונקט אַזוי קען דער „שמים״ נישט זיין אָן דעם „ארץ״. ווי קען מען מקבל זיין אויף זיך דעם „עול מלכות שמים״ אויב נישט אויף דער ערד?...

און עס קען זיין, אַז דאָס ליגט אויך אין די ווערטער פון דער תפילה „משיב הרוח ומוריד הגשם״. זאָל בלאָזן דער ווינט און זאָל אַרונטערנידערן דער רעגן. „רוח״ מיינט ווינט און „רוח״ מיינט אויך גייסט „רוחניות, „גשם״ מיינט רעגן און „גשם״ מיינט אויך „גשמיות״. רוחניות און גשמיות זענען געקניפּט און געבונדן.

דער קמח העלפט דער תורה... און די תורה זאָרגט זיך פאַרן קמח... „משיב הרוח", ווען עס בלאָזט מיט גייסטיקייט, „מוריד הגשם" שפּילט גשמיות די צווייטע ראָלע, האָט גשמיות אַ שטיקל ירידה. אָבער פאַר דעם זאָגט מען גלייך „מכלכל חיים בחסד", דער אויבערשטער שפּייזט זיינע לעבעדיקע באַשעפעניש מיט חסדים. דאָס הייסט מיט גוטסקייט און איבערגעבנקייט. ווייל ווידער אַמאָל; אם אין קמח אין תורה...

„והארץ היתה תוהו ובוהו". ווייסטו פאַרוואָס די ערד איז כסדר אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד? ווייל „ורוח אלוקים מרחפת על פני המים". אַלץ וואָס מענטשן ווילן פון ג-ט איז ער זאָל זיי געבן מים, גשם, גשמיות... אָבער ווען מענטשן וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז גשמיות אָן רוחניות האָט נישט קיין עקזיסטענץ באַרעכטיקונג וואָלט די וועלט אָן אַנדער פּנים געהאַט... און נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס די חכמים האָבן צוגעגליכן תורה צו מים. „אין מים אלא תורה". ווי דערמיט צו פּראָבירן אָפּציען די מאַכט פון גשמיות איבערן מים און זאָגן, אַז מים מיינט דווקא תורה...

„שישו ושמחו בשמחת תורה". זאָגט דער ספר פנינים, אַ שמחה אויף וועלכער נאָר איין צד איז זיך משמח און דער צווייטער צד גייט אַרום פאַר מרהשחורהט, איז נישט קיין עכטע שמחה.ביידע צדדים זאָלן זיך משמח זיין, ביידע מחותנים זאָלן זיין פריילעך. נישט נאָר איר זאָלט זיך פרייען מיט דער תורה, נאָר די תורה זאָל זיך אויך פרייען מיט אייך... נישט נאָר זאָל די תורה האָבן קמח... נאָר דער קמח זאָל אויך האָבן תורה...

---

1) שיר השירים פ"ז.

בראשית

בראשית א׳

דער בראשיתדיקער ישראל

בראשית ב׳

ליכט און פינסטערניש

נח א׳

תמימות און חן

נח ב׳

דער אמתער מאמין

לך לך

שטרעבן צו וואָס?

וירא א׳

מצות פון ג־ט פאַר מענטשן

וירא ב׳

כמות און איכות

חיי שרה א׳

דאַנק און אומדאַנקבאַרקייט

חיי שרה ב׳

די רעלאַטיוויטעט פון גוטס און שלעכטס

תולדות

פאַרפירטע עלטערן

ויצא

ישראל קום אַהיים

וישלח א׳

גרייט צום קאַמף

וישלח ב׳

לזכרון פון אונדזער מוטער הרבנית ע״ה

וישב א׳

דעם טאַטנס־קוק

וישב ב׳

אַן עליה פאַרן גוף

מקץ — שבת חנוכה

וואָס געווען וועט זיין

ויגש

ווען הערצער דערנענטערן זיך

ויחי

דער אייביקער סוד

בראשית א׳

ישראל דער בראשית

„בראשית ברא אלקים״...
„בשביל ישראל שנקרא ראשית: קודש ישראל לד׳״ (ירמיה ב׳)
„בשביל התורה שנקרא ראשית: ד׳ קנני ראשית דרכו״ (משלי ח׳).
„בשביל היראה שנקרא ראשית: ראשית חכמה יראת ד׳״. (תהילים קי״א). (אותיות דר׳ עקיבא).

א

די תורה ענדיקט זיך מיט ישראל (לעיני כל ישראל) און פאנגט זיך אן מיט בראשית (בראשית ברא אלקים). אזוי נאר ווי מיר ענדיקן די תורה, אזוי פאנגען מיר זי גלייך אויפדאסניי ווידער אן. קומט אוים, אז מיר לייענען ישראל-בראשית, וואס קען מיינען, אז ישראל איז שטענדיק „בראשית״, אויפן ערשטן פלאץ, אלעמאל אויפן טאג-ארדענונג, אלעמאל פאר אלץ און פאר אלעמען. לאזט זיך דעריבער זאגן, אז דאס האבן די חז״ל אין זינען געהאט ווען זיי האבן געזאגט: „בראשית ברא אלקים, בשביל ישראל שנקרא ראשית״. דער רבונו של עולם האט באשאפן די וועלט צוליב די וועלכע הייסן ראשית און דאס איז ישראל. קומט לויט דעם ווידער אוים, אז די תורה ענדיקט זיך מיט ישראל און זי פאנגט זיך ווידער אן מיט ישראל... די גאנצע תורה, הייסט עס פון „ברא״ ביז „כל״, ליגט איינגעוויקלט, אזוי צו זאגן, אין ישראל. די תורה ווידער איז א „תורה מן השמים״,

אַ הימלישע תורה „מן השמים השמעך את קולו ליסרך״ 1) אָבער זי איז נישט מער אין הימל נאָר אויף דער ערד 2) ווילט זיך אונדז טייטשן דעם ערשטן פסוק אין דער תורה אַט אַזוי: בראשית ברא אלקים דעם „בראשיתדיקן-ישראל״ וואָס ג-ט האָט באַשאַפן „את השמים ואת הארץ״, האָט ער אים אַזוי באַשאַפן, אַז ער זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט סיי פון „שמים״ און סיי פון „ארץ״, אויסגע־קנאָטן פון הימל און ערד. און פונקט ווי שמים און ארץ קריגן זיך נישט אַרום, זענען נישט מקנא איינער די אַנדערע, נאָר זיי פירן אוים די באַפעלן פון זייער באַשעפער און זענען משלים איינע די אַנדערע, אַזוי און נישט אַנדערש מוזן, סיי עם ישראל און סיי מדינת ישראל, לעבן בשלום ווי הימל און ערד . . . און העלפן איינער דעם צווייטן...

עס וואָלט באמת געווען אַ ווונדערלעכער „בראשית״ ווען די ישראלדיקע וועלט וואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנערקענט, אַז אַ „הבדל״ צווישן שמים און ארץ איז נישט גוט. (אַ סימן, אַז ביים צווייטן טאָג ווען ג-ט האָט געמאַכט דעם הבדל שטייט נישט „כי טוב״, ווי ביי אַלע אַנדערע טעג). און די עקזיסטענץ פון דער וועלט איז אָפהענגיק פון דער קאָאָפּעראַציע צווישן הימל און ערד און דער געטלעכער דעקרעט איז: כאָטש דעם גרויסן אונטערשייד צווישן שמים און ארץ, זאָלן זיי לעבן בשלום. וואָרום דער אויבערשטער זאָגט: „השמים כסאי והארץ הדום רגלי״. דער הימל איז חשוב, ווייל ער איז מיין שטול אָבער די ערד איז אויך נישט אומוויכטיק זי איז מיין פוסבענקעלע און אַ פוסבענקעלע פון כביכל איז אויך נישט אַוועק־צומאַכן 3).

ב

ווען מיר וועלן פרעגן: ווי אַזוי ווערט אַן התחברות צווישן הימל און ערד. ווען איינע איז אַזוי דערווייטערט פון די אַנדערע? קומט אַ צוויי־טער מאמר חז״ל און ענטפערט אויף דער פראַגע. „בראשית ברא אל־קים״, צריך האדם להשתדל בדרך ארץ ולעשות עתים לתורה ולהיות עמלו בשני הדרכים האלו, מפני שיגיעת שניהם משכחת עון. ושמא יאמר האָדם הרני בן אבות העולם, משפחת גדולים אינינו ראוי לי לע־

שות מלאכה ולהזבזות... אמר לו שוטה! כבר קדמך יוצרך. שנאמר, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. הוא עשה מלאכה קודם שבאת לעולם . . . ומנא לן ? שנאמר וישבות ביום השביעי מכל מלאכתו אשר עשה. ד״ה, אַ מענטש מוז טאַקע מתעסק זיין זיך אין תורת ד׳, אָבער ער טאָר אויך נישט אָפּלאָזן דעם דרך העולם. און טאָמער וועסטו זאָגן: וואָס הייסט, איך בין דאָך עפּעס אַ יחסן, פון גרויסע עלטערן. עס שטייט מיר נישט אָן זיך מבזה צו זיין מיט הבלי העולם הזה . . . ענטפער אים: שוטה, ג־ט אליין כביכל, איז, אַ בעל מלאכה, ער האָט באַשאַפן די וועלט נאָך איידער ער האָט דיך באַשאַפן . . . ווי עס שטייט אין פסוק: און ג־ט האָט דעם זיבעטן טאָג גערוט פון דער אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט . . .(4

דאָס מיינט אין אַנדערע ווערטער: ישראליקל זיי וויסן, אַז דו ביזט טאַקע אַ יחסן דו ביזט אַ גאַנצער „בראשית״ . . . אָבער פאַראַן נאָך אַ „בראשית״ . . . „בשביל התורה שנקרא ראשית״ . . . וואָרום דיין גאַנצער יחוס איז, ווי געזאָגט, וואָס דו נעמסט אַרום די תורה, וואָס די תורה איז איינגעוויקלט אין דיר, אָבער אָן איר, אָן דער תורה האָסטו נישט קיין אָנפאַנג און נישט קיין סוף . . . וואָרום דיין גאַנצער בראשית, ווערט נאָר אַרויסגעלערנט פון דער תורה . . . זאָל דעריבער דער למדן, דער תלמיד חכם זיך נישט האַלטן גרעסער פון דעם אַרבעטער, דעם בויער, דעם שאַפער, דעם „בעל מלאכה״ . . . און זאָל דער ציגל־לייגער, דער וואַנט־שמירער . . . נישט קוקן מיט ביטול אויפן ישיבה בחור . . . ווייל „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״ . . . ביידע דערגענצן איינער דעם אַנדערן . . .

די צוויי באַרימטע ברידער, דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און דער רבי ר׳ זושע פון אַניפּאָליע ז״ל, האָבן צווישן זיך אַמאָל געהאַט אַ וויכוח וועגן דעם סדר פון דער מענטשלעכער אויפפירונג. אַזוי ווי דער מענטש מוז אָנערקענען פון איין זייט די גרויסקייט פון ג־ט און פון דער צווייטער זייט די אייגענע נישטיקייט, מיט וואָס זאָל אַ מענטש אָנפאַנגען ? האָט איינער פון די ברידער געהאַלטן, אַז דער מענטש מוז קודם כל אָנערקענען זיין אייגענע שפלות, און נאָר אַזוי אַרום וועט ער קענען דערקענען די גדלות פון ד׳. דער צווייטער

ווידער האָט געהאַלט ניין, קודם מוז מען אָנערקענען די געוואַלדיקע גרויסקייט פון השי״ת, און במילא און וועט ער דערזען די ני־דעריקייט פון זיך אַליין. נישט קענענדיק דורכקומען צווישן זיך זענען זיי געגאַנגען פרעגן ביי זייער גרויסן רבין ר׳ בער, דעם מגיד פון מעזריטש, ער זאָל מכריע זיין צווישן די ביידע דרכים. האָט דער מגיד זיי געענטפערט: לעולם זענט איר ביידע גערעכט, „אילו ואילו דברי אלקים חיים״. נאָר עס איז לייכטער צו זען ג־טס גרויסקייט, ווען מען זעט די אייגענע קליינקייט. אויף דעם זאָל זיך האָבן אָפגערופן אַ חסיד: אייגנטלעך איז דאָס דאָך אַן אַלטע מחלוקה צווישן די בית שמאי און די בית הלל: די בית שמאי האַלטן, „שמים נבראו תחילה״, אַז די הימלען זענען פריער באַשאַפן געוואָרן און דערנאָך די ערד. און די בית הלל האַלטן פאַרקערט: קודם איז באַשאַפן געוואָרן די ערד און ערשט נאָכדעם די הימלען. מיר ווילן צו דעם צוגעבן: דער כלל איז דאָך, בית שמאי ובית הלל, הלכה כבית הלל. אַז כמעט אומעטום ווו עס איז פאַראַן אַ פלוגתא צווישן די צוויי, איז די הלכה אַזוי ווי די בית הלל. קומט דאָך אויס, אַז די ערד איז פריער באַשאַפן געוואָרן. איז אַ ראיה פונדאַנען, אַז ערלעכע „ארציות״ ברענגט צו גרויסער „שמימיות״ ווייל דער גורם צום תכלית, איז נישט ווייניקער וויכטיק, ווי דער תכלית אַליין. לימוד גדול שמביא לידי מעשה. 5).

ג

דאָס אַלעם איז טעאָריע, ווי איז די פּראַקטיק? לעבן שמים וארץ געמיינזאַם צופרידן? ליידער נישט. ממש „איש את רעיהו חיים בלעו״. איינער וויל איינשלינגען דעם צווייטן. קומט דאָ אַביסל צונוץ דער דריטער בראשית. „מוראה״ אָדער ווי דער ציטירטער מאמר רופט דאָס „יראה״. דער ירושלמי, פרעגט: למה נברא העולם בבי״ת ולא באל״ף? מפני שהבי״ת לשון ברכה והאל״ף לשון ארורה. אָמר הקב״ה, איני בורא אותם באל״ף, שלא יאמרו איך יעמוד העולם שנברא בלשון ארורה, אלא אני בורא אותם בבי״ת לשון ברכה והלואי יעמוד. ד״ה. פאַרוואָס האָט ג־ט באַשאַפן די וועלט מיט דעם צווייטן

אות פון דעם אַלף בית נישט מיטן ערשטן די אַ? ווייל ג-ט האָט געזאָגט: ווי קען איך אָנפאַנגען די וועלט מיט אַל"ף? דאָס איז דאָך דאָס ערשטע אות פון דעם וואָרט „אָרור" אַ קללה. גיכער וועל איך אָנפאַנגען מיט דעם אות פון דעם וואָרט „ברכה". און הלואי זאָל דאָס העלפן, די וועלט זאָל בלייבן שטיין. 6).

אַלע פרעגן אויף דעם ירושלמי פאַרשידענע קשיות דער „תורה תמימה" פרעגט: עס זענען דאָך פאַראַן ווערטער וואָס פאַנגען זיך אָן מיט אַן אַלף און זיי מיינען אַ ברכה, ווי למשל: „אורה" ליכטיקייט, „אַהבה", ליבע, „אמונה", גלויבן אאַז"וו. און ווידער זענען פאַראַן ווערטער וואָס פאַנגען זיך אָן מיט אַ בי"ת און מיינען דוקא אַ קללה. למשל: „בכיה" וויינען, „בגידה" פעלשונג, „בזיון" שאַנדע, וכדומה. טאָ וואָס מיינט דער ירושלמי ? אויך זאָגט נישט דער ירושלמי מיט וואָספאַראַ וואָרט מיט אַן א עס האָט זיך געקענט אָנפאַנגען די תורה? און ער ענטפערט, לויט אַ גמרא 7). דער מלך תלמי האָט איינגעלאַדן זיבעציק גרויסע יידישע חכמים, זיי איינגעשפּאַרט יעדן אין אַ באַזונדער חדר, זיי זאָלן נישט קענען האָבן קיין שום קאָמוניקאַציע איינער מיטן צווייטן און זיי געהייסן אָנשרייבן תורת משה. איז געשען אַ נס און אַלע האָבן גלייך אָנגעשריבן דעם אָנפאַנג פון דער תורה „אלקים ברא בראשית". (אַנשטאָט בראשית ברא אלקים) ווייל זיי האָבן געטראַכט, אַז עס איז מער כבוד אָנצופאַנגען די תורה מיט דעם נאָמען פון ג-ט. קומט אויס, זאָגט דער „תורה תמימה", אַז די תורה האָט זיך טאַקע געקענט אָנפאַנגען מיט אַן אַל"ף „אלקים". טאָ פאַרוואָס האָט ג-ט די תורה נישט אָנגעפאַנגען מיט דער אַל"ף, כאָטש עס וואָלט דאָך געווען מער כבוד פאַר ג-ט" ? ווייל לויט דעם כלל קומט אויס, אַז אלקים איז מידת הדין און ג-ט האָט געוווסט, אַז די וועלט וועט נישט קענען האָבן קיין קיום בלויז מיט מידת הדין, וואָלט דאָך דאָס געווען אַ קללה, פאַר דער וועלט, האָט ער דעריבער אָנגעפאַנגען מיט דעם לשון פון ברכה. דאָס איז בקיצור וואָס דער „תורה תמימה" זאָגט. אַנדערע גיבן נאָך פאַרשידענע פירושים.

מיר וועלן זיך דערלויבן און גיין, אַזוי צו זאָגן, לשטתנו. מיר האַלטן, אַז לויט דעם ביז איצט געזאָגטן, איז דער בי"ת, וואָס מיינט

צוויי, אָן און פאַר זיך אַ ברכה. נישט ווייל דאָס וואָרט „ברכה" הויבט זיך אָן מיט אַ בי"ת, וואָרום אַ סך אַנדערע ווערטער וואָס זענען נישט דווקא קיין ברכה, הויבן זיך אויך אָן מיט אַ בי"ת. נאָר ווייל די בי"ת רעפּרעזענטירט די גאַנצע יצירה, די שאַפונג פון „שמים וארץ", די צוויי וואָס זענען דער יסוד פון דער גאַנצער שאַפונג. אַלע אַנדערע שאַפונגען זענען, אָדער אין הימל ווי די זון, לבנה און שטערן, אָדער אויף דער ערד די פיר יסודות פון „דומם", „צומח, חי און מדבר". און דעריבער איז דער אָנפאַנג פון דער בריאה מיט אַ בי"ת. נאָר צו אַט די צוויי וועלן ברענגען ברכה צו קללה אין דעם איז אפילו כביכול נישט געווען זיכער און ער האָט געזאָגט: איך שאַף די וועלט מיט דער בי"ת, (די דערמאָנטע צוויי) אָבער „הלואי יעמוד". אַ מערקווירדיקער אויסדרוק פאַר דעם „יודע יצר כל יצורים". נאָר עס איז פשוט: דער רבונו של עולם האָט זיי באַשאַפן מיט ברכה, נאָר צו זיי וועלן זיך באַנוצן מיט דער ברכה פון דערגענצן איינער דעם צווייטן, צו מיט דער קללה פון באַקעמפן איינער דעם אַנדערן, דאָס איז שוין נישט ביי ג-ט אין די הענט (הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים).

ד

און מיר זעען ווען שמים און ארץ קאָאָפּערירן נישט, צו וואָסער קאַטאַסטראָפע די וועלט קען קומען׳ ביי די ערשטע זינד וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן, קודם דורך אדם און חוהן און דערנאָך דורך קינען, זייער זון, (דער עפּל פאַלט נישט ווייט פון בוים) איז די ערד פאַרשאָלטן געוואָרן. צו אדמן זאָגט ג-ט: „ארורה האדמה בשבילך". די ערד ווערט פאַרשאָלטן צוליב דיר. צו קינען זאָגט ג-ט: „ארור אתה מן האדמה", דו ביזט פאַרשאָלטן פון דער ערד. פרעגט זיך: וואָס האָט די ערד דאָ אינדערמיטן צו טאָן? וואָס איז איר זינד? נאָר עס איז גאַנץ פשוט. שוין גלייך ביים ערשטן „בראשית", ביים ערשטן מענטשן, ווו עס האָט זיך באַדאַרפט פאַראייניקן הימל און ערד, גוף און נשמה, אַז ביידע זאָלן צוזאַמען פירן אַ לעבן פון שלום און אחדות, פון איין זייט היטן דעם „ארץ" דעם אָנזאָג פון ג-ט פון „מכל עץ הגן אכל

תאכל", האָב הנאה פון דער ערד, עס און טרינק און זיי אַ מענטש. פון דער צווייטער זייט, אָפּהיטן דעם „שמים", דעם אָנזאָג פון „ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל", איז פּלוצלונג געוואָרן אַן איבערקערעניש און דער „ארץ", די ערד, האָט פאַרנומען דעם גאַנצן אויבנאַן און פאַרבליבן איז בלויז תאכל „נצחו אראלים את מצוקים". די ערד האָט אינגאַנצן מנצח געווען דעם הימל. (מיר דערמאָנען זיך, אין שטאָט פון וואַנען מיר קומען, איז געווען אַ ייד אַ לץ, אָבער אַ שטיקל יודע ספר האָט ער אַמאָל געטייטשט: „והארץ היתה תוהו ובוהו", די ערד האָט פאַראורזאַכט די גאַנצע איבערקערעניש, אַזוי ווייט, „ורוח אלקים מרחפת על פני המים", אַז דער גייסט פון ג-ט איז געבליבן ווי אויפן וואַסער . . .) דערפאַר איז די ערד פאַרשאָלטן געוואָרן, ווייל עס איז געווען זי וועלכע האָט פאַרפירט סיי אָדם מיט חוהן און סיי זייער טייער זונעלע קין. און מערקווירדיק, אַז סיי אדמה און סיי ארץ פאַנגען זיך אָן מיט אַן אל"ף. אַזוי, כדי צו קענען פאַרזיכערן די צו־קונפט פון ביידע „בראשיתן", סיי דעם „ישראלדיקן", סיי דעם „תורהדיקן", מוז מען אָפּהיטן דעם דריטן, „יראהדיקן" בראשית, וואָס מיינט אָפּצוהיטן ג-טס ווילן פון „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אַז איינער זאָל רעספּעקטירן דעם צווייטן.

---

1) דברים ד' ל"ו.
2) לא בשמים היא, דברים ל' י"ב.
3) ישעיה ס"ו א'.
4) מדרש הנעלם.
5) קדושין מ'.
6) ירושלמי חגיגה פ"ב.
7) מגילה ט'.

בראשית ב׳

ליכט און פינסטערניש

„ויאמר אלוקים יהי אור ויהי אור" (בראשית א׳ ג׳).

א

די ערשטע געטלעכע שאפונג, נאך דער באשאפונג פון הימל, ערד און פינסטערניש, איז געווען דאס ליכט. כאטש מיר געפינען א גמרא וואס זאגט נישט אזוי, אלכסנדרוס מוקדון שאל לזקני הנגב אמר להן אור אור נברא תחילה או חושך? אמרו לו מלתא דא לית לה פתר. אלכ־סנדר, דער קעניג פון מוקדון, האט געפרעגט די זקנים פון „נגב" וואס איז איז פריער באשאפן געווארן דאס ליכט אדער דאס פינסטערניש! האבן זיי געענטפער: די זאך האט נישט קיין ענטפער. 1) איז אבער „אין המקרא יוצא מידי פשוטו". און אין דער ורה שטייט „והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך על פני תהום" און דערנאך ערשט שטייט „ויאמר אלוקים יהי אור"... קומט אויס, אז דאס ליכט איז באשאפן געווארן נאך דער פינצטערניש . . . דער מדרש זאגט דאס קלאר: אמר הקב"ה עד מתי יהי העולם מתנהג באפילה ? תבוא האורה ! ויאמר אלוקים יהי אור 2). ג־ט האט געזאגט: ווי לאנג זאל די וועלט זיך פירן אין דער פינצטערניש ? זאל ווערן ליכטיק ! פון דאנען איז קלאר. אז הימל און ערד זיינען באשאפן געווארן אין דער פינצטערניש און אלע אנדערע שאפונגען זענען שוין געשאפן געווארן אין דער ליכטי־קייט. קען זיין, אז פאר דעם זענען אלע אנדערע שאפונגען לייכטער דערפארשט צו ווערן דורך דעם מענטשן, ווי הימל און ערד. (קיינער

האָט זיך נאָך נישט דערגרונטעוועט צו דער טיפסטער טיפעניש פון דער ערד און, מיר גלייבן, אַז קיינמאָל וועט דעם מענטש נישט גע־לינגען צו דערגרייכן די העכסטע הויכן פון די הימלען . . .).

דאָס איז דרך אגב. אונדז אינטערעסירט גאָר אַן אַנדער זאַך. מיר געפינען אַן אינטערעסאַנטע דעבאַטע צווישן אונדזערע געלערנ־טע: ר׳ שמעון בן יהוצדק שאל לר׳ שמואל בר׳ נחמון: מהיכן נבראת האורה? אמר לו מלמד שנתעטף הקב״ה כשלמה להבהיק כל העולם כלו מזיו הדרו . . . אמר לו בלחישה . . . אמר ר׳ ברכיה אלולא שדרשה רבי יצחק ברבים לא היה אפשר לאומרה: ממקום בית המקדש נברא האורה . . . אמר רבי סימון: חמשה פעמים כתיב כאן אורה כנגד חמשה חומשי תורה . . . ר׳ שמשון האָט געפרעגט ביי ר׳ שמואל: פון וואַנען איז די ליכט באַשאַפן געוואָרן האָט ר׳ שמואל געענטפערט: ג־ט האָט זיך איינגעוויקלט ווי אין אַ קלייד און מיט זיין ליכטיקער פערזענלעכקייט, האָט ער באַשטראַלט די גאַנצע וועלט . . . זאָגט אים ר׳ שמעון „בלחישה" דאָס איז מיט שטילקייט . . .

האָט ר׳ ברכיה זיך אָנגערופן: ווען נישט וואָס ר׳ יצחק האָט דאָס געדרשנט אין דער עפנטלעכקייט וואָלט מען דאָס נישט געטאָרט זאָגן: די ליכט איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם „פּלאַץ" פון בית המק־דש . . . רופט זיך אָן ר׳ סימון: פינף מאָל שטייט אין דער פרשה דאָס וואָרט „אור" צו ווייזן, אַז דאָס ליכט איז באַשאַפן געוואָרן פון דער תורה (פון די פינף ספרים). 2).

אין וואָס אייגנטלעך איז באַשטאַנען די דיסקוסיע? צו זאָלן מיר זאָגן, אַז די חכמים האָבן פשוט געוואָלט דערטראַכטן זיך פון וואָס פאַראַ מאַטעריאַל דאָס ליכט איז באַשאַפן געוואָרן? מאי נפקא מינה? צו וואָס איז דאָס נייטיק צו וויסן? און ווען דער רבונו של עולם זאָל געוואָלט וועלן, אַז די מענטשן זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער עס געוועזן דערציילט אין דער תורה. אַ סימן האָט איר, אַז ג־ט האָט געוואָלט דער מענטש זאָל וויסן פון וואָס פאַראַ מאַטעריאַל דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, האָט ער דאָס אים גאַנץ קלאָר און אָפן געזאָגט: ויצר ד׳ אלוקים את־האדם עפר מן האדמה, און ג־ט האָט באַשאַפן דעם מענטשן פון דעם שטויב פון דער ערד . . . וואָרום ג־ט

האָט געוווסט, אַז דעם מענטש, דעם „בעל גאוה" וועט נישט שאַדן ער זאָל וויסן זיין יחוס . . . אָבער ביי קיין שום אַנדער זאַך האָט דער באַשעפער נישט אַנטדעקט דעם סוד פון זיין צוזאַמענשטעל־לונג . . . טאָ וואָס האָבן די חכמים פּלוצלינג אַריינגעלאָזט זיך אין אַ אומפּרוכטבאַרע דעבאַטע פון וואָס פּאַראַ רוי־שטאָף דאָס ליכט איז געשאַפן געוואָרן ? . . . דעריבער זענען מיר געקומען צו דער מסקנא, אַז מיר האָבן דאָ דוקא גאָר אַ מאָדערנע „שקלא וטריה". דער אינטערעס איז נישט געווען וועגן דעם אור־שפּרונגלעכן ליכט וואָס ג־ט האָט באַשאַפן, דאָס איז זיי די חכמים באמת ווייניק וואָס אַנגע־גאַנגען. נאָר די פראַגע „היכן נבראת האורה"? מיינט, פון וואַנען ווערט באַשאַפן די ליכט ? וואָס זאָל באַלייכטן דעם יידישן וועג ? וואָס דאַרף זיין דעם מענטשנס ציל אין לעבן, אַז זיין לעבן זאָל זיין ליכטיק נישט פינצטער ? זעט איר דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ לעבע־דיקע מיינונגס־פאַרשידנהייט, שיטות און וועלט־אַנשויאונגען פון גרויסן פאַרנעם, וועלכע מוזן גוט אויסגעפאָרשט ווערן. ר' שמואל זאָגט: דער איינציקער וועג ווי אַזוי די וועלט בכלל און דער ייד בפרט זאָלן שאַפן פאַר זיך אַ ליכטיקע וועלט, איז נאָר דורך דער אמונה אין איין איינציקן ג־ט.

ווען די וועלט, פון איין עק ביז צום אַנדערן, זאָל אָנערקענען, אַז „לית אתר פנוי מיניה", אַז אַלץ איז פאַרבונדן מיט ג־ט און דער מענטש איז מחויב צו פאַרטיפן זיך בלויז אין גלויבן פון „מציאת ד'" און מער גאַרניט, ווען דער „לכו ונלכה באור ד'" וואָלט געווען דער „מאָטאָ" פון דער וועלט, וואָלט די וועלט געהאַט אַ ליכטיק לעבן . . . ענטפערט אים ר' שמעון: יאָ מיין חבר, דו ביזט גערעכט, אוודאי איז דאָס זייער שיין, ווען די נבואה פון דעם נביא ישעיה, אַז די גאַנצע וועלט זאָל פול ווערן מיט וויסן פון דער ג־טהייט, ווי דער ים איז פול מיט וואַסער (ומלאה הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים) וואָלט שוין מקוים געוואָרן, וואָלט געווען גוט און פיין אָבער דערוויל איז דאָס נאָך „בלחישה" עס איז נאָך זייער שטיל אויף דעם פראָנט... נאָר אַ קליינע מינדערהייט, זענען אין דעם מאָמענט, דערהויבן גענוג, צו באַגרייפן אָט די הויכע שיטה . . . דאָס איז צו מיסטיש, און צופיל

אבסטראַקט פאַר די גרויסע מאַסן, צו באַנעמען. מיר מוזן דערוויילן זיין מער פּראַקטיש אין אונדזער צוגאַנג פון באַלויכטן דעם יידישן וועג . . . רופט זיך אָן ר׳ ברכיה: ר׳ שמעון איז גערעכט ! מיט בלויזער אמונה קען מען די מאַסן נישט צוציען דאָס איז צו שטיל, צו סודותדיק . . . מען מוז זיי געבן עטוואָס וואָס איז מער פּאָפּולער. דערפאַר זאָגט ער: „ממקום בית המקדש נבראת האורה״. די ליכט קען און דאַרף באַשאַפן ווערן פון דעם „מקום״ . . . יידישקייט מוז האָבן אַ פּלאַץ ווו עס זאָלן זיך קאָנצענטרירן די יידישע אַקטיוויטעטן: אַ שול, אַ צענטער, אַ טעמפּל, אָרגאַניזאַציעס, קלובן, אַ מין מאָדערנער בית המקדש . . .

דאָס זאָגט ר׳ ברכיה איז דער בעסטער מיטל צו דערגרייכן דעם ציל פון אַריינברענגען ליכטיקייט אין דעם מענטשלעכן לעבן . . . רופט זיך אָן ר׳ סימון: יאָ, דאָס וואָלט געווען רעכט, ווען די פּלעצער וואָלטן אויסגענוצט געוואָרן פאַר געטלעכער ליכטיקייט, ווען אין די שולן און אין די טעמפּלען, אין די אָרגאַניזאַציעס און אין די צענטערס, וואָלט מען געפּלעגט דעם גלויבן אין ג־ט. מיר זעען דאָך אָבער ליידער פּאַרקערטע סימנים, סימנים פון חילול השם . . . כדי אַ טעמפּל זאָל זיין מער דערפאָלגרייך מוז מען שפּילן „פּיאַנאָ״ אום יום כיפור . . . און יידישע צענטערס האָבן שוין נישט קיין אַנדערע נעכט אין יאָר צו שפּילן טעאַטער נאָר אין אַ יידישן יום טוב... אַאַז״וו. ניין ! זאָגט ר׳ סימון, נישט דער אַבסטראַקטער גלויבן און נישט די טעמפּלען אַפילו נישט די שולן זענען דער מיטל צו באַלייכטן דעם יידישן וועג. זיי קענען זיין צוגאָב־מיטלען אָבער נישט די הויפּט־מיטלען... דער הויפּט מיטל איז „חמשה חומשי תורה״ די פינף ספרים פון משה רבינו זענען אַנטקעגן די פינף מאָל „אור״ וואָס שטייט אין דער פּרשה. ווילט איר באמת האָבן „אורה״ מוזט איר אָנקומען צו „תורה״. נישטאָ קיין דערזאַץ פאַר תורה, ווילט איר אויספּילן דעם יידנס גייסטיקע נויטבאַדערפענישן, ווילט איר, אַז דער ייד זאָל נישט בלאָנדזשן אין די פינצטערע וועגן און שטעגן פון דעם וועלטס־לאַבי־

רינט איז דאָ איין מיטל, לערנט אייערע קינדער „תורת משה"! דאַן וועלן זיי גלויבן באמונה שלימה אין דעם בורא כל עולמים און דאַן וועלן זיי אין די שולן און אין די בתי מדרשים לערנען די תורה און זיך אויפפירן לויט אירע דינים און הלכות און נאָר דאָס וואָלט גע־היילן א ליכטיקע יידישע וועלט...

---

1) תמיד ל"ב.

3) ב"ד פ"א.

נח א׳

תמימות און חן

„אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו" (בראשית ו׳ ט׳).

א

נח איז אין דער תורה באַטיטולט געוואָרן מיט דריי וויכטיקע נעמען „איש", „צדיק", און „תמים". דאָס זענען דריי מדרגות וואָס קומען איינס נאָכן אַנדערן און וואָס וואַקסן אַרויס איינע פון דער אַנדערער. דאָס ערשטע אויף וואָס אַ מענטש דאַרף שווער האָרעווען איז צו זיין אַ „מענטש". ביאָלאָגיש זענען מיר אַלע מענטשן, אָבער ווען מיר אונטערשטרייכן און מיר זאָגן אויף איינעם: אָט דער איז אַ מענטש! מיינט עס, אַז ער איז דאָס, וואָס אַ מענטש דאַרף זיין — מענטשלעך... נישט חיהש און נישט בהמהש. אייגנטלעך איז דאָך דאָס דער מינימום וואָס מען דאַרף דערוואַרטן פון יעדן בן אדם. זענען אָבער אין דער וועלט פאַראַן גאָר אַ גרויסע צאָל „בני אדם יושבי חושך וצלמות" וואָס פאַרמאָגן נישט קיין פונק מענטשלעכקייט. נאָר, ווען איינער דערדראַפּעט זיך צו דער ערשטער מדרגה, וואָס הייסט מענטש, קען ער גיין ווייטער אויפן וועג צו דער מדרגה פון „צדיק". ר׳ ישראל סאַלאַנטער ז״ל פלעגט זאָגן אויפן פסוק „ואנשי קודש תהיו לי": 1) נאָר דורך מענטשלעכקייט קענט איר גרייכן צו קדושה...

צדקות מיינט ספּעציעלע אָפּגעהיטנקייט, אַז ער זאָל מיט זיין מענטשלעכקייט, אין וועלכן עס איז נאַטירלעך אויך פאַראַן שוואַכ-

קייט, זיין אויסגעהאַלטן און גערעכט. דער נביא 2) זאָגט דאָס אין די ווערטער „וצדיק באמנתו יחיה". דער צדיק לעבט מיט זיין גלויבן. וואָרום דער צדיק האָט אמונה נישט בלויז אין ג-ט נאָר אויך אין מענטש. אין אונדזער פשטות וואָלטן מיר געזאָגט, אַז ווען מיר הערן אַ מענטש זאָגן: אָה, זאָל מיינס איבערגיין! דאָס איז מער ווי מענטשלעכקייט, דאָס איז די שפּראָצונג פון צדקות. און במילא איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אַ צדיק איז שוין נישט „מעור אחד". עס זענען פאַראַנען, ווי די גמרא זאָגט: אַ „צדיק גמור" און אַ „צדיק שאינו גמור". אַ קאָמפּלעטער און אַן אומקאָמפּלעטער צדיק. אַ טייל פון די חז"ל ווילן האָבן, אַז כאָטש די תורה זאָגט, אַז „נח איז געווען אַ צדיק" איז ער אָבער נישט געווען קיין פולשטענדיקער צדיק. „אף נח מקטני אמונה היה מאמין ואינו מאמין שיבוא המבול". 3) נח איז אויך געווען פון די קליינע מאמינים. ער האָט יאָ און נישט געגלייבט, אַז דער מבול וועט טאַקע קומען. עס ווייזט אויס, אַז דאָס האָט דער נביא געמיינט ווען ער האָט געזאָגט: דער צדיק לעבט אין זיין אמונה (באמנתו) וואָרום נישט אַלע צדיקים האָבן גלייכע אמונה. און דאָס מאַכט אויך פאַרשטענדלעך דעם „ויש דורשין לגנאי", אַז אַ טייל האָבן געדרשנט דאָס וואָרט „בדורותיו", אַז בלויז אין זיין דור איז נח געווען אַ צדיק, אָבער וואָלט ער געלעבט אין דור פון אַברהמן וואָלט ער נישט פאַררעכנט געוואָרן פאַר קיין צדיק 4). אונדזער פאָטער, דער רבי, שליט"א, דערציילט: דער באַרימטער צדיק ר' וועלוועלע זבאַרזשער ז"ל, פלעגט יעדן ייד, וואָס פלעגט צו אים אַריינקומען, אָנרופן צדיק. איין מאָל קומט צו אים אַריין זייער אַ פּראָסטער ייד מיט אַ בקשה און דער רבי רופט זיך אָן צו אים: איך האָף, צדיק לעבן, אַז דו וועסט האָבן אַ ישועה. דער ייד האָט דערהערט ווי דער רבי רופט אים אָן צדיק, איז ער זייער איבעראַשט געוואָרן. זאָגט ער: רבי איך בין אַ צדיק? זאָגט דער רבי: יאָ, דו ביזט אַ צדיק. דער ייד בלייבט אויסער זיך און קען נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר (דער ייד האָט זיך דוקא גוט געקענט). אָבער, אַז דער רבי זאָגט, אַז ער איז אַ צדיק, מסתמא איז עס אַזוי. דער ייד פאַרטראַכט זיך אויף אַ רגע און רופט זיך אָן צום רבין: אויב אַזוי, רבי, איר זענט אַ צדיק און איך בין אַ צדיק, לאָמיר

זיך משדך זיין!... ענטפערט אים דער רבי: פאַרשטייסטו, דו ביזט טאַקע אַ צדיק אָבער מען רעדט פאַר מיין קינד אַ שידוך מיטן בעלזער צדיק. מיט וועלכן צדיק דענסקטו דאַרף איך זיך משדך זיין, מיט דיר צי מיטן בעלדזער צדיק? . . .

קומט אויס, אַז די וועלכע האַלטן, אַז נח איז נישט געווען קיין פול־שטענדיקער צדיק זענען נישט קעגן דער תורה וואָס רופט אים אויס־דריקלעך צדיק. נישט מער אַזוי ווי די תורה זאָגט נישט וואָס פאַרא צדיק ער איז געווען דערלויבן זיי זיך צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַ „צדיק שאינו גמור". פונדעסטוועגן גייט די תורה אַ שריט ווייטער און רופט אים אָן „תמים" אַ גרעסערע מדרגה פון צדיק, ווייל תמים מיינט דאָך גאַנץ, אַבסאָלוטע ערלעכקייט. טאָ ווי שיקט זיך, אַז נישט קיין גאַנצער צדיק זאָל אָנגערופן ווערן „תמים"?

אַ סך מפרשי התורה שמועסן וועגן דעם און יעדער ענטפערט אויף זיין שטייגער. לאָמיר פּראָבירן געבן אַן אָריגינעלן רעיון און זען צו וועט דער ענין ווערן קלאָרער.

די פריערדיקע סדרה, בראשית, ענדיקט זיך: „כי נחמתי כי עשיתם, ונח מצא חן בעיני ד'". זאָגט אויף דעם די גמרא: „אף על נח נגזר דין אלא שמצא חן". ד"ה, אויך אויף נחן איז נגזר געוואָרן ער זאָל אומקומען, נאָר ער האָט געפונען חן ביי ג־ט אין די אויגן(4). פרעגט זיך, וואָס איז דער חן וואָס נח האָט געהאַט? און אויב נח איז געווען אַ בעל־חן פאַרוואָס האָט ער גאָרנישט געקענט אויפטאָן ביי זיינע מיט־מענטשן, אַז זיי זאָלן אויך גלייבן אין ג־ט? (אגב „ונח מצא חן", קען מען זאָגן, אַז אין דעם וואָרט נח ליגט דער „חן" אותיות נח...) איז דער ענטפער „אלה תולדות נח", אָט גיט אַ קוק ווער עס זענען געווען נחס מיט־געבוירענע, אַזעלכע אויף וועלכע די תורה זאָגט: „וירא ד' כי רבה רעת האדם בארץ וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום". און ג־ט האָט געזען, אַז די שלעכטקייט פון דעם מענטשן אויף דער ערד איז זייער גרויס און אַ גאַנצן טאָג איז ער פול מיט שלעכטע מחשבות אין האַרצן 5). דאָס, הייסט עס, זענען געווען די מענטשן מיט וועלכע נח האָט געלעבט צוזאַמען און פונדעסטוועגן „נח איש צדיק", איז נח געווען אַ צדיק טאַקע מיט מענטשלעכע

שוואַכקייטן, נישט קיין הונדערט פּראָצענטיקער, אָבער „תמים היה". דערפאַר איז ער געווען אַ „תמימותדיקער", אַן ערלעכער. ער האָט נישט געוווּסט קיין חכמות, כאָטש פאַר דער וועלט איז ער נישט געווען אַזאַ גרויסער צדיק. ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסע השפּעה, אָבער אין האַרצן איז ער געווען פּונקט פּאַרקערט ווי זיינע מיט־מענטשן. אין האַרצן איז ער געווען גאַנץ און ערלעך, גוט און אָנ־שטענדיק... דאָס איז געווען נחס חן אָבער נאָר „בעיני ד'", נאָר ג־ט האָט געזען דעם חן. „אלקים יראה, ללבב". וואָרום תמימות ליגט באמת אין האַרצן (בתום לבבי ובנקיון כפי עשיתי זאת 6) בתום לב וביושר 7) ואתהלך בתום לבבי 8). די פּסוקים באַווייזן, אַז תמימות געפינט זיך אין דעם מענטשלעכן האַרץ ווו נאָר ג־ט אַליין קען אַריינקוקן און אַט די תמימות האָט נח געהאַט, און דאָס האָט געפונען חן ביי ג־ט אין די אויגן. תמימות איז בכלל באחנט. מעג איינער טאָן עטוואָס נישט אַזוי גוט, קוים אָבער מיינט ער דאָס ערלעך, האָט עס חן און מען איז אים מוחל.

מען דערציילט, אַז ביים ריזשינער צדיק אין בית מדרש האָט גע־דאַוונט אַ ייד און נאָך יעדן סוף־פּסוק, ווו עס שטייט געוויינטלעך צוויי פינטעלעך, האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם שם. ווען יידן האָבן דאָס דערהערט האָבן זיי אָנגעפאַנגען צו שרייען: עס האַרץ, גראָבער יונג! מען טאָר נישט דערמאָנען ג־טס נאָמען לבטלה! דער ייד נעבעך איז געבליבן פאַרשעמט, ווייל ער האָט נאָר געוווּסט, וואָס מען האָט אים געזאָגט, אַז צוויי פינטעלעך זענען צוויי יודן, און צוויי יודן זענען דער נאָמען פון ג־ט. איז ער אַריינגעגאַנגען צום רבין, בעטן ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה אויף דער גרויסער זינד. ענטפערט אים דער רבי: דו דאַרפסט נישט קיין תשובה. זיי די שרייער דאַרפן תשובה. דו האָסט געמיינט אַז אומעטום ווו עס שטייען צוויי פינטעלעך, מיינט עס דער נאָמען פון ג־ט, אפילו ווען איין פינטעלע שטייט איבערן אַנ־דערן, האָסטו דאָס געטאָן בתמימות, קומט דיר גאָרנישט. אָבער זיי, זיי ווייסן דאָך יאָ, אַז דער נאָמען פון ג־ט מיינט נאָר ווען די צוויי יודן שטייען איינער לעבן אַנדערן. טאָ וואָס האָבן זיי אויף דיר געשריגן?

דערמיט, גלייבן מיר, ווערט דער גאַנצער נח־קאָמפּלעקס קלאָר און עס פאַלן אַוועק אַלע קשיות.

ב

נאָכן „דור המבול" איז געקומען דער „דור הפלגה". די זינד פון דעם „דור הפלגה" איז געווען וואָס זיי האָבן שנעל פאַרגעסן פון דעם שרעקלעכן מבול און געוואָלט אָפּרייסן די וועלט פון דעם גלויבן אין ג־ט, מיט דער פאַלשער אידייע פון „עם אחד ושפה אחת". „איין פאָלק און איין שפּראַך", וואָס דאַרף נישט קיין ג־ט נאָר קען גלויבן אין זיך אַליין. דער מדרש זאָגט: רצו לשנות סדרי החברה שלא יהי קנינים פרטים להאדם כי אם קניני חברה, והדבר הזה לא מצא חן בעיני המקום ובא והפר את המחשבה הזאת. ד"ה, זיי האָבן געוואָלט ענדערן דעם סיסטעם פון דער וועלט, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין פּריוואַטע אייגנטומס נאָר אַלעס זאָל געהערן דער געזעלשאַפט. אָבער ג־ט איז דאָס נישט געפעלן און ער האָט צושטערט זייער פּלאַן 9).

דאַכט זיך, אַז דער מדרש מאָלט אונדז אַ זייער באַקאַנטע בילד. נאָך פאַרן היטלעריסטישן בלוט־מבול, פון וועלכן עס איז פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום, געבליבן נישט מער ווי „שניים בעיר ואחד במשפּחה", און אַמאָל דאָס אויך נישט, האָט זיך פאַרשטאַרקט דער „דור הפלגה־שער" טיראַנישער כח אונטער דער מכלומרשטער אידייע פון וועלט באַפרייאונג, פון אויסגלייכן די מענטשהייט, עס זאָל נישט זיין קיין רייכע און קיין אָרעמע, נאָר אַלע זאָלן גלייך געניסן פון די רעסורסן פון דער וועלט. אויפן ערשטן בליק קען זיך דאַכטן, אַז דאָס איז אַ הומאַניטאַרער פּלאַן, אַ פּלאַן פון טיפער מענטשלעכקייט און ער דאַרף געשטיצט און אָנגענומען ווערן פון אַלע גוט־דענקענדע מענטשן. טאָ פאַרוואָס ווערט דער קאָמוניזם אַזוי באַקעמפט ביי צוויי דריטל פון דער וועלט? אויף דעם גיבן די חז"ל אויף אַ קלאָרן ענטפער ווען זיי זאָגן: בנו את המגדל גבוה שבעים מיל, ומעלות היו לו ממזרחו וממערבו, אילו שהיו מעלין את הלבנים היו עולים ממזרחו, ואילו שהיו יורדין היו יורדין ממערבו, ואם נפל אדם ומת לא היו שמים אל לבם, ואם נפלה לבינה, היו יושבין ובוכין ואומרים: אוי לנו אמתי תעלה

אחרת תחתיה. וזהו במקום להטיב את חיי האדם באו לזלזל בחיו ושכחו את הכלל היותר גדול: כי אין לך דבר היותר חשוב בעולם מחיי האדם וכו׳ ד״ה, דער דור הפלגה האָט געבויט אַ טורעם פון זיבעציק מייל די הויך. טרעפּ זענען געווען פון מזרח און מערב־זייט. פון איין זייט זענען זיי אַרויף און פון דער צווייטער זייט זיינען זיי אַרונטער, אויב אַ מענטש איז אַרונטערגעפאַלן און געהרגעט געוואָרן, האָבן זיי אַפילו נישט געוואוסט און עס האָט זיי נישט געאַרט. טאָמער אָבער איז אַ ציגל אַרונטערגעפאַלן האָבן זיי געוויינט: אוי ווי אַזאַ שאָדן!... איז אויסגעקומען, אַנשטאָט צו ראַטעווען די מענטשהייט און צו פאַר־בעסערן איר מערכה, האָט דאָס מענטשלעכע לעבן פאַרלאָרן זיין ווערט 10).

ג

ווען די שורות ווערן געשריבן איז דאָס יידישע פאָלק ווידער איינגעהילט אין טרויער צוליב דער זינקונג פון דער ישראל־שיף „אילת״ און דעם גרויסן פאַרלוסט פון טייערע לעבנס פון אונדזערע יונגע העלדן. דער שונא האָט אומבאַרעכטיקט און אומברחמנותדיק פאַרשניטן זייער לעבן. דער יום טוב פון „זמן שמחתנו״ איז פאַר־שטערט געוואָרן דורך דער בעסטיאַלישער אַטאַקע פון דעם שונא. יאָ ישראל האָט נישט פאַרשוויגן און באַצאָלט כפל כפלים, אָבער עס איז נישט דאָס וואָס מיר ווילן. דאָס איז נישט דער תכלית. דער תכלית איז „וחי אחיך עמך״. מיר ווילן לעבן און מיר ווילן יענעם לאָזן לעבן. מיר און די גאַנצע וועלט ווייסט גענוי, ווער עס שטייט הינטער די אַטאַקעס און ווער עס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי. עס איז דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד וועלכער איז אַרויס מיט פופציק יאָר צוריק צו דער וועלט מיט דער לאָזונג פון דעם אַמאָליקן „דור הפלגה״. „אַרבעטער פון דער וועלט פאַראייניקט זיך״! פאַראייניקט זיך צוליב וואָס? כדי צו פאַרבי־ליקן דאָס מענטשלעכע לעבן? כדי אויסצוהרגענען הונדערטער טויזנ־טער מענטשן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועןּ? כדי צו העצן אַ וועלט צו בלוטיקע רעוואָלוציעס און זיי דאָן פאַרשקלאַפן? כדי צו שטאַרקן דעם נייעם היטלער־נאַסער צו פאַרגיסן נאָך יידיש בלוט? כדי אומפאַר־שעמטערהייט זיך אַוועקצושטעלן פאַר דער וועלט און רעדן פון שלום

און יושר און אין דערזעלבער צייט געבן א מעסער אין רוקן דעם צע־בראָכענעם, מיט בלוט־אָפּגעגאָנגענעם יידישן פאָלק?

נישט מער, דאָס יידישע פאָלק וואָס גלייבט יאָ אין ג־ט און אין זיין תורה, וועט אויך דעם שונא איבערלעבן. די תורה אין דער היינ־טיקער סדרה זאָגט: „ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש מיד חיה אדרשנו ומיד האדם". איך וועל פאָדערן רעכענונג פאַר אייער בלוט סיי פון מענטשן און סיי פון חיות אין מענטשן געשטאַלט... „שופך דם האדם באדם דמו ישפך" ...דער וואָס פאַרגיסט דעם מענטשנס בלוט וועט זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן...

אָבער וואָס עס טוט אָמשטאַרקסטן וויי, איז וואָס צווישן אונ־דזערע אייגענע ברידער, צווישן יידן, זענען נאָך, היינטיקע צייטן, פאַראַן אַזעלכע וואָס שטיצן אָט דעם געפערלעכן שונא פון די יידן און פון דער גאַנצער מענטשהייט... פאַראַן אַפילו כלומרשטע יידישע כלל־טוער, קהלס־פאַרזאָרגער, וואָס שטיצן זיי מיט וואָרט און טאַט, זיי שעמען זיך נישט צו רעדן וועגן קאָמוניסטן ווי פון אייגענע, אַנשטאָט זיך צו עקלען פון זיי און זיי דערווייטערן. אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה. וויי צו דער שאַנדע און וויי צו דער חרפה . . .

מיר וועלן ענדיקן מיט דער האָפענונג פון נביאס אויסרוף „יום נקם לד'" עס וועט קומען א טאָג פון נקמה פאַר דער ג־טהייט „ושנת שילומים לריב ציון", און א יאָר פון באַצאָלונג פאַר דעם קריג, וואָס ער האָט פאַראורזאַכט אין ציון 11). אָט דער וועלטס שונא וועלכער וויל אָפּמעקן דעם „צלם אלקים" פון דער מענטשהייט, וועלכער אונ־טערדריקט דעם יידן גייסטיק און דערצו שאַרפט ער די ציין אויף דער יידישער מדינה, וועט אין קורצן שווער באַצאָלן פאַר זיינע פאַר־ברעכנס...

---

1) שמות כב ל'.
2) רש"י ז' ז'.
3) רש"י ו' ט'.
4) סנהדרין ק"ח א'.
5) בראשית ו' ה'.
6) בראשית כ' ה'.
7) מ"א ט' ד'.
8) תהילים ק"א ב'.
9) ב"ר ל"ח.
10) פרקי ד"ר אליעזר פכ"ד.
11) ישעיה לד' ח'.

נח ב׳

דער כח פון אמונה

„ויבא נח ובניו ואשתו ונשי בניו אל התבה מפני מי המבול
(בראשית ז׳ ז).
„אף נח מקטני אמונה היה! מאמין ואינו מאמין שיבא המבול
(רש״י).

ב

ווייל אין פסוק שטייט „ויבא נח״ נח איז אריינגעקומען אין דער תבה „מפני מי המבול״ צוליב די וואסערן פון דעם מבול. ווייל רש״י פון דאנען לערנען, אז נח איז אויך געווען א שוואכער מאמין, אז דער מבול וועט טאקע קומען, נאר ווען די וואסערן האבן אים שוין צוגע־דריקט איז ער ערשט אריין אין דער תבה. איז כאטש די תורה זאגט בפירוש „נח איש צדיק״, און ווי קען געמאלט זיין א צדיק א שוואכער מאמין? וועלן מיר זיך, פונדעסטוועגן, חלילה נישט דינגען מיט רש״י ...נאר אויב אזוי ארט אונדז גאר אינגאנצן עפעס אנדערש... און מיר וועלן פרעגן טאקע פון א רש״י אויף א רש״י. אין סוף פון דער היינ־טיקער סדרה, געפינען מיר א פסוק „וימת על פני תרח אביו וכי״ 1) זאגט דארטן רש״י: „על ידי אביו מת״. הרן דער זון פון תרח, דער ברודער פון אברהמן איז געשטארבן צוליב זיין פאטער. און רש״י דערקלערט פארוואס „שקבל תרח על אברהם בנו לפני נמרוד על שכתת את צלמיו״. תרח האט זיך באקלאגט פאר דעם מלך נמרוד, אז זיין זון אברם האט צעבראכן די געטשקעס... והשליכו לכבשן האש ... האט נמרוד אריינגעווארפן אברמן אין ברענענדיקן קאלך־אויוון.

והרן יושב ואמר בלבו... און הרן איז געזעסן און בײ זיך געטראַכט... אם אברהם נוצח אני משלו... אויב אברם וועט אַרויס דער געווינער וועל איך זײַן פֿון זײַנע מענטשן.... ואם נמרוד נוצח אני משלו... און אויב נמרוד וועט זיגן וועל איך זײַן פֿון זײַנע מענטשן... וכשניצל אברם אמרו לו מי אתה... און ווען אברהם האָט געוווּנען און איז נישט פֿאַרברענט געוואָרן פֿרעגט מען בײַ הרנען צו וועמען געהערסטו? זאָגט הרן: ער געהערט צו אברמען... השליכוהו לכבשן האש ונשרף... האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין קאַלכאויוון און ער איז פֿאַר־ברענט געוואָרן... איז דאָך אײגנטלעך שווער צו פֿאַרשטײן. בײדע, סײ נח און סײ הרן זענען געווען, לויט רש״י, צווײפֿלער. טאָ פֿאַרוואָס איז נח יאָ געראַטעוועט געוואָרן און הרן נישט? מיט וואָס איז הרן געווען ערגער פֿון נחן?

לערנען מיר פֿון דאַנען, אַז באמת איז עס גאַנץ נאָרמאַל, אַז אַ מענטש זאָל אַמאָל האָבן ספקות. נאָכאַלעמען, איז דער מענטשלעכער מח אַ דענקונג־אַפּאַראַט וועלכער לאָזט זיך, מאַנכעס מאָל נישט קאָנטראָלירן. (אויף דעם איז אויך פֿאַראַן אַן אינטערעסאַנטער באַ־וווּסטער טײַטש אויף דער רש״י פֿון אָנפֿאַנג פ׳ צו „ביותר צריך לזרז במקום שיש חסרון כיס״ אַזוי ווי דאָרטן רעדט זיך וועגן מחשבה פֿון עבודה זרה ר״ל און דער מח איז אַן אבר מיט אַ „חסרון כיס״ דאָס מײנט ער האָט נישט קײן צודעק... מען קען אים נײט קאָנטראָלירן, זאָגט רש״י, אַז בײַ דעם אבר מוז מען זײער געוואָרנט זײַן... און לא ימלט, אַז אַ מענטש זאָל אַמאָל נישט האָבן אַ מחשבה פֿון ספק)... וואָס דאַרפֿן מיר מער? לאָמיר נעמען למשל אונדזער מאַמע שרה. געווען, דאַכט זיך אַ גאַנץ ערלעכע פֿרוי... און פֿונדעסטוועגן ווען דער מלאך האָט איר געזאָגט, אין נאָמען פֿון ג־ט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט זי גע־בוירן אַ זון זאָגט דער פּסוק „ותצחק שרה בקרבה״ האָט זי אויך גע־האַט מאָמענטן פֿון אומזיכערקײט, אַז אויף דער עלטער וועט זי נאָך האָבן אַ קינד... און נישט אײנמאָל באַגעגענען מיר אין דעם נאָרמאַלן לעבנס־גאַנג סיטואַציעס וועלכע ברענגען אַרויס ספּיקות און שאלות. דער אמתער מאמין אָבער, מעג ער אַמאָל אַפֿילו זיך אָנטרעפֿן מיט אומפֿאַרשטענדלעכקײטן, וועט ער אָבער אַקטואירן און האַנדלען נישט

לויט זיינע, מאָמענטאַלע, ספיקות נאָר אין איינקלאַנג מיט זיין שטענדיקן טיפן גלויבן... אַז ער פאַרשטייט נישט, אַז עפּעס עגבערט זיין מוח, דאָס האָט מיט זיינע מעשים, מיט זיין שטענדיקער אויפפירונג גאָרנישט וואָס צו טאָן... הרן איז נישט ווערט געווען עס זאָל אים געשען אַ נס און ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון דעם קאַלך־אויוון, ווייל ער האָט גאָרנישט געטאָן צו באַווייזן זיין אמונה. ער איז געזעסין אויפן „פלויט"... ווי מען זאָגט, צו זען וועלכער וועג איז דער זיכערער אַהין וועט ער שפּרינגען... הייסט דאָס, אַז ביי אים איז געווען רעכט, צו זיין אויף נמרודס זייט אויב דער לעבן איז איינגעשטעלט . . . דער איז נישט קיין שוואַכער מאמין נאָר דער איז בכלל קיין מאמין נישט. נח דאַקעגן, כאָטש עס האָט זיך אים טאַקע נישט געגלויבט, אַז דער מבול זאָל טאַקע קומען האָט ער פונדעסטוועגן אויסגעפאָלגט דעם געבאָט פון ג־ט און ער האָט געבויט, יאָרן לאַנג, די תבה. און כאָטש. ווי מיר קענען פאַרשטיין, איז דאָס אים נישט אָנגעקומען זייער לייכט. מיר זענען זיכער, אַז זיינע מיטמענטשן און שכנים האָבן געהאַלטן אין איין אָפּחוזקן פון דעם נאַרישפאַנטאַזיאָר. גיט נאָר אַ קוק, האָבן זיי זיכער געלאַכט, אַט שטייט ער דער „צדיק" און מאַכט אַ קאַסטן, מיט וועלכן ער זאָגט, אַז ער אַליין וועט זיך ראַטעווען פון דעם קומענדיקן מבול... מיר אַלע וועלן אומקומען נאָר ער וועט בלייבן. נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן... אַזאַ סצענע, צווישן „חמסניקעס" קען אויך אַמאָל מיינען סכנת נפשות ...אָבער נח איז אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט און אויסגעפאָלגט ג־טס באַפעל מיט אַלע פרטים אונטער די געפערלעכסטע אומשטענדן פאַר יאָרן לאַנג... דעריבער איז נח יאָ געראַטעוועט געוואָרן....

מען דערציילט פון צוויי רוסישע קאָלכאָזניקעס, אַז זיי האָבן געקויפט צוויי בילעטן צו פאָרן, צום ערשטן מאָל, אויף דער אייזנבאַן. ביידע האָבן פריער אין זייער לעבן קיין לאָקאָמאָטיוו נישט אָנגעזען און די משונהדיקע מאַשין, האָט ביי זיי אויסגעזען ווילד און מוראדיק — און זיי האָבן פשוט נישט געגלויבט, אַז אָט דער גולם וועט טאַקע קענען שלעפן די אַלע צוגעטשעפעטע וואַגאָנען. ווי איז דאָס מעגלעך? איינער פון די צוויי איז אַרויף אויף דער באַן און אָנגעהויבן אויספרעגן

דעם מאשיניסט, דעם לאָקאָמאָטיוו אָנפירער, געבעטן ער זאָל אים דערקלערן ווי אזוי דער גולם פונקציאָנירט... דער צווייטער אָבער האָט זיך נישט פארלאָזט אויף בלויזער אינפאָרמאציע נאָר ער האָט געוואָלט אליין אויסגעפינען, ווי מען זאָגט, „פון וואנען די פיס וואקסן"... איז ער געבליבן אונטן, באטראכט און אונטערזוכט דעם לאָקאָמאָטיוו פון אלע זייטן געוואָלט דערגיין דעם סוד... דערווייל האָט דער צוג אָנגעפאנגען צו פאָרן און ביז ער האָט זיך געכאפט, איז שוין די באַן געווען ווייט אוועק און ער איז געבליבן אליין אויף דער סטאנציע... ביידע האָבן טאקע געהאט ספיקות, נאָר איינער איז ארויפגעגאנגען אויף דער באַן און דאָרטן געגומען נאָכפאָרשן... דער צווייטער איז אינגאנצן געבליבן הינטערשטעליק... דעם מיטפאָרער וועלן מיר אָנרופן נח און דעם איבערבלייבער וועלן מיר א נאָמען געבן הרן...

1) בראשית י"א כ"ח.

לך לך

שטרעבן צו וואָס?

„ושמתי את זרעך כעפר הארץ אשר אם יוכל איש למנות את עפר הארץ כן יהיה זרעך". (בראשית י"ג י"ז).

„ויוצא אותו החוצה ויאמר לו הבט נא השמימה וספור את הכוכבים אם תוכל לספור אותם ויאמר כה יהיה זרעך (בראשית ט"ז ה').

„ולוט ישב בערי הכבר ויאהל עד סדום" (י"ג י"ב).

„ויאהל אברם... ויבן שם מזבח לד'". (י"ג י"ח).

א

דער אומפאַרגלייכבאַרער כאַראַקטער פון דעם יידישן פאָלק, איז אויסגעפאָרעמט געוואָרן נאָך אין די צייטן פון אַברהם אבינו. די צוויי געטלעכע צוזאָגן צו אברהמען, אין פאַרבינדונג מיט זיינע נאָכקומענדיקע דורות, שטעלן מיט זיך פאָר, אָנגעשריבענע יידישע היסטאָריע נאָך איידער דער יידישער פאָלק איז געבאָרן געוואָרן.

נאָך דעם ווי אברהם און לוט האָבן זיך צעשיידט און יעדער איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג... זאָגט ג-ט צו אברהמען: „דיינע קינדער וועל איך מאַכן ווי שטויב פון דער ערד און אַזוי ווי אַ מענטש קען נישט ציילן די שטויב, אַזוי וועט מען דיינע קינדער נישט קענען ציילן"... ביים „ברית בין הבתרים" ביים היסטאָרישן פאַקט, וואָס ג-ט האָט געשלאָסן מיט אברהמען, געפינען מיר אָבער אַן אַנדער צו־זאָג: און דער פסוק זאָגט אונדז: „ג-ט האָט אברהמען אַרויסגענומען

אין „דרויסן" און ער זאָגט צו אים"; קוק אַרויף צום הימל און צייל די שטערן, דו קענסט זיי ציילן? אַזוי וועלן זיין דיינע קינדער".

דער קאָנטראַסט צווישן די צוויי צוזאָגן, איז זייער אויפפאַלנד און ווייט, ממש ווי הימל פון דער ערד... הימל און ערד זענען צוויי עקסטרעמען וועלכע נעגירן און באַקעמפן זיך איינער דעם אַנדערן, נישט ווייל זיי האָבן זיך פיינט, נאָר פאַרקערט, יעדער וויל מזכה זיין דעם צווייטן מיט וואָס ער פאַרמאָגט; הימל וויל פאַרהימלישן די ערד און די ערד וויל פאַרערדישן דעם הימל און זיי ווייסן נישט, אַז איינער אָן דעם אַנדערן וואָלטן זיי גאָר אויפגעהערט צו עקזיסטירן... און ג-ט האָט אויסגעקליבן אָט די צוויי, די נידעריקע ערד און די הויכע הימלי־שע ספערן, צו פאַרזיכערן די אייביקייט פון דעם יידישן פאָלק... און אַזוי ווי „אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד", צוויי מלכים קענען נישט קיניגן מיט איין און דער זעלבער קרוין, קען אויך דער צוזאָג פון ג-ט צו אַברהמען, אַז זיינע קינדער וועלן זיין ווי די ערד און ווי די שטערן נישט מקוים ווערן אין איין און דערזעלבער צייט נאָר די צוויי הבטחות בייטן זיך לויט דער צייט און לויט אירע אומשטענדן און לויט דער ערע פון דער יידישער געשיכטע... כאָטש דער ציל זייערער איז צו זיין פאַראייניקט...

דער קאָקצער רבי ז"ל האָט געטייטשט: „לך לך" אויב דו ווילסט קומען צו זיך... איז „מארצך", קענסטו דאָס באַוויזן בלויז פון דיין לאַנד ... נאָר ארץ ישראל איז מסוגל צוריקצוברענגען אַ ייד צו זיך אַליין... אַי וועסטו דאָך זאָגן „וממולדתך ומבית אביך". מען קען דאָך זיין אַ ייד ווייל מען איז געבאָרן אַ ייד ווייל מען האָט אַ יידישע מאַמע? איז דער ענטפער „אל הארץ אשר אראך". אויך זיי זענען אָפּהענגיק פון ארץ ישראל... און די צייט וועט דאָס באַוויזן...

דער בעל שם טוב ז"ל האָט געזאָגט צו זיין תלמיד, צום גרויסן רבי ר' בער ז"ל: פונקט ווי דאָס יידישע פאָלק איז דאָס אויסדער־ווײלטע פאָלק, פונקט אַזוי איז ארץ ישראל דאָס אויסדערוויילטע לאַנד. ארץ ישראל איז באַשטימט געוואָרן פון דער השגחה עליונה פאַרן פאָלק ישראל. עס איז דער אָנגעצייכנטער זיווג, וועלכע קענען איינער אָן דעם צווייטן קיין רו נישט געפינען... ווען ישראל זיצט

אויף זיין ערד איז „מצא מין את מינו" דאַן באַקומען זיי ביידע דעם געהעריקן תיקון; ווען אָבער ישראל איז דערוויטערט פון זיין לאַנד איז ער דערוויטערט פון זיין אייגענעם „איך" און איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה... ווי אָפּגעריסן פון זיין שורש... איז דעריבער „לך לך", ווען דו ווילסט קומען צוריק זיך צו דיין אייגענעם שורש, מוזסטו גיין „אל הארץ אשר אראך" צו דעם לאַנד וואָס איז פאַר דיר באַשטימט געוואָרן...

די הייליקע ארץ ישראל פאָדערט אָבער פון זיין „זיווג" צו זיין אַ ייד און זיך פירן ווי אַזעלכער און זי טענהט; פונקט ווי איך האָב קיינמאָל נישט פאַראַטן מיין באַשעפער, וועלכער האָט מיר באַשטימט פאַר דיר און פאַלג אוים זיין באַפעל, דיר שטענדיק צוריק אַריינצולאָזן אין מיינע גרענעצן... פונקט אַזוי פאָדער איך פון דיר, אַז אויך דו זאָלסט נישט פאַראַטן דיין באַשעפער און היטן זיין תורה, וועלכע האָט דיר געמאַכט פאַר דעם יידישן פאָלק, וואָס זאָל זיין באַרעכטיקט צו מיר... און אויב דו אָנערקענסט נישט זיין תורה, אויב דו מאַכסט זיך פאַרגעסנדיק, אַז דו און איך זענען אַ „קדושהדיקער" צוזאַמענבונד פון כביכל אַליין, דאַן קען דער שידוך נישט „עולה יפה" זיין און עס מוז קומען צו אַ, פון ג-ט, באַפולמעכטיקן גט... דער ספר „הכתב הקבלה" פרעגט: צי קען מען דען באמת נישט איבערציילן די יידן, צו זענען זיי דען טאַקע אַזוי פיל?... און ער ענטפערט, אַז דאָס וואָרט „למנות" הייסט טאַקע ציילן. עס האָט אָבער נאָך אַ באַדייטונג, אָפּשאַצונג, פעסטשטעלן דאָס חשיבות פון אַ זאַך, ווי „אחריתו יהיה מנון" 1) אָדער „דבר שבמנין לא בטיל", וואָס די כונה איז, אַ דבר חשוב ווערט נישט בטל... „אשר אם יוכל למנות את עפר הארץ" מיינט פונקט ווי מען קען נישט אָפּשאַצן דאָס חשיבות פון דער ערד, ווייל דאָס האָט קיין שיעור נישט, פונקט אַזוי חשוב וועלן זיין דיינע קינדער. „גם זרעך ימנה"... ווייל אויך זייער חשיבות האָט קיין שיעור נישט. אָבער ווען די קינדער פאַרלירן זייער חשיבות, דורכדעם וואָס זיי רייסן זיך אַליין אָפּ פון דעם שורש און פאַרנאַכלעסיקן די פליכטן פון זייער ג-ט און זייער תורה איז, ווי געזאָגט דער זיווג נישט קיין פאַסיקער... דאָס האָט

פאַסירט פאַר די צװײ חורבנות פון אונדזערע בתי מקדשים און פון אונדזער לאַנד...

ב

דער רבונו של עולם װיל דאָך אָבער נישט, אַז זײן פאָלק זאָל, ח"ו, אומקומען און דאָס אױסגעריסן װערן פון דער ערד, פון ארץ ישראל, קען דאָך חלילה ברענגען צו פאַרניכטונג... איז דעריבער װען אײן פעריאָד װאָס מיר װעלן אָנרופן „דער עפר הארץ" פעריאָד, גײט פאַרביי, װען דער ייד פאַרלירט זײן פאַרבינדונג מיט זײן לאַנד... װאָס דאָס קען באַצײכנט װערן אַלס אַ צײט פון „ויוצא אותו החוצה" װען ג-ט פאַרטרײבט דעם יידן אינדרױסן אַרױס... זאָגט ער צו אים אױב „הבט נא השמימה", אױב דו װעסט תשובה טאָן און װידער קוקן צו די הימלען צום רבונו של עולם... איז דאָ אַן עצה „וספור את הכוכבים", װעסטו צײלן דײנע שטערן... װעלן אױפשײנען אין דײן פאָלק גײסטיקע ריזן װעלכע װעלן פאַר דיר שאַפן אַן „אַאַזיס" אין דער מדבר און דאָרטן װעסטו פאַרזעצן צו זײן דאָס פאָלק ישראל ביז עס װעט קומען די צײט און דו װעסט זיך צוריקקערן צו דײן הײמלאַנד און װידער זיך פאַרבינדונג מיט דײן „זיווג" באָדן... אױב בבל און שפּאַניע, פראַנקרײך און דײטשלאַנד, רוסלאַנד און ליטע, זענען געאָגראַפיש געװען צײטװײליקע װױן-ערטער. פאַר דעם יידן, זענען זײ אָבער פאַרבליבן אױף אײביק די ערטער, װו די יידישע שטערן האָבן אַזױ ליכטיק געשײנט און באַלױכטן דעם יידישן װעג אױף צוריק-אַהײם...

װער װײסט נישט דאָס באַקאַנטע מעשהלע פון דעם שטעטלדיקן יידן װעמעס הױז, האָב און גוטס איז אַװעק מיטן רױך, אין דער שטעטלדיק שריפה, צוזאַמען מיט די הײזער פון די גױאישע שכנים. דער נישט ייד האָט ביטער געװײנט און געקלאָגט אױף זײן שרעקלעכן פאַרלוסט, דער ייד דאַקעגן, האָט נישט געװײנט, נאָר האָט ממש געטאַנצט פאַר שמחה. און װען מען האָט אים געפרעגט „ולשמחה מה זו עושה"? װאָס איז די שמחה מיט דיר אַזױ גרױס? האָט ער געענטפערט: דער גױ װײנט, נישט בלױז אױף זײן הױז, נאָר דער עיקר װײנט ער, װײל זײן אָפגאָט איז אױך פאַרברענט געװאָרן...

אָבער אַזוי ווי מיין לעבעדיקער באַשעפער איז דאָ, טאָ וועט ער שוין געבן אַן אַנדער הויז... דעריבער טאַנץ איך... אין גלות האָט אַ ייד געגלייבט אין ג־ט און עס האָבן פאַר אים געשיינט זיינע שטערן און ער איז נישט אומגעקומען...

איצט, ווען מיר האָבן מיט דער „אתחלתא דגאולה" ווידער דערלעבט צום „עפר הארץ" און ווידער זענען מיר פיזיש פאַרבונדן מיט אונדזער ערד און אונדזער לאַנד, טאָרן מיר אָבער בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז אונדזערע שטערן זאָלן אויסגעלאָשן ווערן. די שטערן מוזן בלייבן לייכטן און טאָרן נישט פאַרשטויבט ווערן פון דער ערד...

ג

ווען דער יידישער פאָלק איז ביים ערשטן חורבן פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל און דער יידישער פרינץ דניאל, איז געווען אַן אריינגייער אין קעניגלעכן פאַלאַץ פון נבוכדנצר און ער איז געוואָרן גע־וואָרן, אַז עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ קעניגלעכער דעקרעט, צו פאַרבאָטן יעדע רעליגיעזע ג־טעס־דינסט אַחוץ צו זייער אָפּגאָט „דאַריאוס" דערציילט דער פסוק: „ודניאל כדי ידע די רשים כתבא על לביתה וכיוון פתיחן ליה בעליתה נגד ירושלם וזמנין תלתא ביומא ברך על ברכוהי ומצלי ומודה קדם אלהה קבל די עבד מן קדמת דנא".
ווען דניאל האָט זיך דערוווסט פון דעם אונטערגעשריבענעם דעקרעט איז ער אַרויף אויף זיין בוידעם־שטיבל, געעפנט זיין פענצטער צו דער זייט פון ירשלים און דריי מאָל אַ טאָג געקניט און מתפלל געווען צו ג־ט פונקט אַזוי ווי פריער. 2) דאָס עפענען אַ פענצטער האָט באמת מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין שום אויסערגעוויינלעכע זאַך און די פערסישע שקלאַפן־דינער, וועלכע האָבן געדינט ביי דניאלן האָבן נישט געזען אין דעם קיין שום פאַרדעכטיקעס אָבער פונדעסטוועגן ווען נאָר דניאל האָט געעפנט דאָס פענצטער פון זיין בוידעם־שטיבל האָט דאָס געמיינט, אַז דניאל האָט אין דער זעלבער צייט געעפנט זיין הארץ קיין ירושלים. און מיט אַ נשמה וואָס האָט געלעכצט צוריק אַהיים האָט ער זיך גייסטיק דערנענטערט צום מקום המקדש...

אויגן האָבן געגאָסן מיט טרערן און ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ שטילע תפילה, אַ געהיימען געבעט פאַר יידישער גאולה. דאָס אָפענע פענצ־טער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אינערלעכע ברויזנדיקע רעוואָ־לוציע זיך אַרויסצורייסן פון די קייטן פון גלות... דאַכט זיך אַ פשוט פענצטער, געעפנט אין אַ פשוטער בבלישער הויז, צו אַ פשוטער בבלישער גאַס, אָבער אַזויפיל סימבאָלישע וויכטיקייט איז פאַרבונדן דערמיט...

די צוויי לעצטע ציטירטע פסוקים פון אויבן, ברענגען נאָך בולטער אַרויס דעם רעיון: „לוט ישב בערי הכבר ויאהל עד סדום”. לוט האָט זיך באַזעצט אין די שטעט פון כבר און זיינע געצעלטן האָבן זיך געצויגן ביז סדום... לכאורה, זעט זיך דאָ נישט קיין שום שלעכטס פון לוטס פאַרנעמען די שטעט און מאַכן אַ קעמפּ אוי פרוכטבאַרן באָדן. פאַרוואָס נישט? שאָף האָט ער, רינדער האָט ער, דאַרף ער גוטע פאַשע, גענוג וואַסער און עס איז גאַנץ נאַטירלעך צו זוכן דעם בעסטן באָדן פאַר דעם. אָבער דער מאָראַלישער פאַרברעכן איז געלעגן אין דעם ציל פון „ויאהל עד סדום” וווהין האָבן זיך געצויגן זיינע געצעלטן? וווהין האָט ער געוואָלט גרייכן? „עד סדום”. קיין סדום! איז געווען זיין פּאַראָל... אַהין ווילן מיר צילן און אַהין ווילן מיר גרייכן... נישט דער פּלאַץ איז געווען שלעכט נאָר די כוונה און דאָס שטרעבן... אויך אברהם איז געווען רייך, אויך ער האָט געהאַט שאָף מיט רינדער, מיט שקלאַפן מיט דינסטן און אויך ער האָט זיך געניייטיקט אין אַ פּלאַץ, אָבער ביי אים שטייט „ויאהל אברהם” וווהין האָט אברהם געצילט? צום „ויבן שם מזבח לד’” זיין ציל איז געווען דער „חי עולמים” זיין שטרעבן איז געווען אַ גרייטקייט צו קענען ברענגען קרבנות פאַר ג־ט... דניאלס פענצטער איז געווען געעפנט קיין ירושלים. אברהמס ציל איז געווען די ג־טהייט און לוטס איז געווען „סדום”...

וואָס קענען מיר לערנען פון דעם? אַז עס זענען פאַראַן אַקציעס וואָס אַן און פאַר זיך, זענען זיי אויס צו זיין גאַנץ אומשולדיקע, אָבער ווען מען קוקט אַריין טיפער אַנטדעקן זיי פאַר אונדז, דעם כאַראַקטער פון דער כוונה און די געדאַנקען פון די ווונטשן... (3

אַלס קליינעםביישפּיל, לאָמיר נעמען דעם מדינת־ישראלדיקן מאָדערנעם פּראָבלעם פון „נתוח מתים״. אויפן ערשטן בליק וועלן מיר, מאָדערנע מענטשן, זען אין דעם אַ צייטלעכע נויטווענדיקייט. די מעדיצינישע פאָרשער מוזן האָבן טויטע גופים, צו פאָרשן די אורזאַכן פון די קראַנקהייטן, כדי צו קענען געפינען מיטלען פאַר זייער היילונג. דאָס מיינט פשוט ראַטעווען מענטשלעכע לעבנס, און קען דעריבער אַרונטערגיין אונטער דעם טערמין פון „פקוח נפש״ וואָס איז אַ תורה־דיקע קאָנצעפּציע. וואָלט דאָך אייגנטלעך באַדאַרפט זיין שאַ שטיל... איז אָבער ווען מען בעאָבאַכטעט מיט וואָס פאַרא פאַרביטערטקייט און אומגלויבלעכער אכזריות עס האַנדלען די ממשלה וואָרטזאָגער אין דעם ענין און עס קען אַזש קומען דערצו עס זאָל פאַסירן, אַז אַ גאַנצער מושב, מושב רווחה, זאָל קאָלעקטיוו, באַשטראָפט ווערן, אַז די איינוווינער פון דעם מושב זאָלן נישט קענען באַקומען קיין מעדיצינישע הילף... נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן געוואַגט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם פאַלמעסן פון איינעם פון זייערע איינוווינער — וואָס דאָס איז דאָס עלעמענטאַרע רעכט פון יעדן מענטשן, אין אַ פרייער דעמאָקראַטיע (נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו באַהאַנדלען דעם גאַנצן ענין. מיר וועלן זיך אַמאָל צוריקקערן צו דער טעמע און זי באַהאַנדלען לארכה ולרחבה). זעט איר, דאָס באַווייזט שוין דעם ציל פון די, אַזוי גערופענע „לוחמי הומאַניטאַריזם״. דאָס באַווייזט גאָר קלאָר, אַז נישט דער מיטל און נאָך ווייניקער דער ציל זענען פון די גאָר כשרע... וואָרום אַלעמאָל איז די שאלה וווהין גייט דער „ויאהל״? גייט ער קיין סדום? אָדער גייט ער קיין ירושלים צום „ויבן מזבח לד׳״... — ??

---

1) משלי כ״ט כ״א.

2) דניאל ו׳ י״א.

3) עפּעס לויט הרב יצחק פילער ר. מ.

וירא א׳

מצות פון ג-ט פאַר מענטשן

„ויאמר, ד׳ אם נא מצאתי חן בעניך אל נא תעבור מעל מעברך״. (בראשית י״ח ג׳).
„ואברהם עודנה עומד לפני ד׳״. (בראשית י״ח כ״ב).
„ויטע אשל בבאר שבע ויקרא שם בשם ד׳ אל עולם״. (בראשית כ״א ל״ג).

א

אין די קינדער-יאָרן נאָך, ווען דער רבי פלעגט לערנען מיט אונדז די ערשטע פסוקים פון דער היינטיקער סדרה, פלעגן מיר שטוינען און עס פלעגט בײַ אונדז בלייבן אַ קשיה. ווי איז דאָס מעגלעך? די תורה דערציילט: ג-ט באַווײַזט זיך צו אברהמען אין אלוני ממרא, ווען ער, אברהם, איז געזעסן אויפן שוועל פון זײַן הויז אין דער שטאַרקסטער היץ פון טאָג. אויף דעם דרשענען די חז״ל, אַז דער רבונו של עולם איז געקומען צו אברהם אבינו אים מבקר חולה זײַן, ווײַל דאָס איז געווען דער דריטער טאָג פון זײַן מילה, און דאַן איז דער מענטש זייער שוואַך. פון דאַנען לערנען די חכמים אויך אַרויס די גאַנצע מצוה פון ביקור-חולים. 1) אונדזער גאַנצער קינדערישער מוחל צעשפּילט זיך אין אַ געוואַלדיקער פאַנטאַזיע; אַה, איין קליינִיקייט! ג-ט אַליין איז געקומען זען וואָס מאַכט אברהם און ווי ער פילט... ווער נאָך האָט זוכה געווען צו אַזאַ זאַך? און אין אונדזער קינדערישער פאַרשטעלונגס-קראַפט ווילט זיך דוקא שאַפן אַ בילד פון דעם לעבעדיקן ג-ט, וועלכער איז אַזוי האַרציק צו אונדזער טאַטן אברהם און ווי עס וואָלט

זיך וועלן זיין אַן עד ראיה צו דעם גרויסן געטלעכן וויזיט... און דאָ לערנען מיר ווייטער: און אברהם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען ווי דריי מענטשן שטייען פאַר אים. איז ער זיי אַנטקעגנגעלאָפן אויפצונעמען. דערוויל דערמאָנט ער זיך, אַז ג־ט איז דאָך דאָ ביי אים, אַנטשולדיקט ער זיך און זאָגט: ג־ט, זיי אַזוי גוט און גיי נישט אַוועק... ווי איינער זאָגט ג־טעניו וואַרט נאָר צו אַ קאַפּיטשקע אָט קום איך שוין צוריק... איר הערט אַ מעשה? וואָס? אברהם הייסט ג־ט וואַרטן? הייסט אים זיך מאַכן באַקוועם (סו קאַסאַ, רבונו של עולם) און ג־ט שווייגט און נעמט אַן פאַר ליב? וואָס טוט זיך דאָ וואָס קומט דאָ פאָר?...

דער רבי זעט ווי אונדזער פּנים פלאַמט און די אויגלעך גלאַנצן כאַטש צום אַרויסשפּרינגען. נעמט ער זיך מפרש זיין: עה, קינד מיינס, דו מוזט פאַרשטיין, אַז פון דאַנען לערנען אונדזערע חכמים אַרויס גרויסע זאַכן: דער גרויסער ר׳ יהודה זאָגט אין נאָמען פון רבין: „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה״. אויפצונעמען אורחים, געסט, איז גרעסער און וויכטיקער ווי אויפצונעמען די שכינה. 2) אָט די מימרא צוטומלט אונדז שוין אינגאַנצן הא וואָס? אויפנעמען אַן אורח איז מער וויכטיקער ווי אויפנעמען ג־ט? דער רבי וויל אַלץ מאַכן בעסער און ער מאַכט ערגער... ער ציטירט נאָך אַ גמרא שוין פון רבי אליעזרן: „בא וראה שלא כמידת הקב״ה מידת בשר ודם, מידת בשר ודם אין קטן יכול לומר לגדול המתן עד שאבוא אצלך והנה בהקב״ה כתיב אל נא תעבור מעל עבדך״. אַ מענטש זאָגט טאַקע נישט צו אַ גרויסן מענטשן ער זאָל אויף אים וואַרטן אָבער ג־ט מעג מען יאָ הייסן וואַרטן. אַ סימן, אַז אברהם האָט אַזוי געטאָן... ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ טבע פון חלשות וואָלטן מיר דאָ שוין זיכער אַוועק געחלשט.... אָבער צום גליק האָט דער רבי פאַרמאַכט דעם חומש ביז מאָרגן. און ביז מאָרגן איז ג־ט אַ פאָטער...

טויזנטער מאָרגנס זענען אַוועק און הלמאי זאָלן מיר ליגן זאָגן, דער ענין איז נאָך אַלץ נישט גאַנץ אויפגעקלערט. טאַ לאָמיר, דעריבער פּראָבירן, אים מסביר זיין אויף אונדזער שטייגער, אויף אַ ביסל אַ נייעם אופן. אין דער צווייטער פּרשה, פון דער היינטיקער סדרה,

געפינען מיר נאָך אַ מערקווירדיקן פּסוק: „ויפנו משם האנשים וילכו סדומה ואברהם עודנה עומד לפני ד׳״. די מענטשן זענען אַוועק קיין סדום און אברהם איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר ג-ט. די מפורשים מאַטערן זיך אויסצוטײטשן די ווערטער. וואָס הייסט, אברהם איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר ג-ט? אברהם איז דאָך אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער, געגאַנגען זאָגן שרהן זי זאָל צוגרייטן גוטע חלות, אַליין איז ער געגאַנגען שעכטן אַן אָקס, צוגעגרייט די בעסטע מאכלים, געכאַפּט אַ שמועס מיט די מענטשן (מלאכים) וועגן שרהן, וועגן דעם זון, וואָס זי וועט אים נאָך געבוירן אאז״וו, און אברהם שטייט נאָך אַלץ פאַר ג-ט? רש״י פרעגט טאַקע: עס האָט דאָך גיכער באַדאַרפט שטיין „וד׳ עודנה עומד לפני אברהם״... נאָך אַלעמען האָט דאָך אברהם איבערגעלאָזט ג-ט און נישט פאַרקערט. רש״י גיט אַ תירוץ, דער „שפתי חכמים״ טייטשט אויס דעם תירוץ, ווייל ער איז שווער. דער ספורנו זאָגט אַן אַנדער טעם, אָבער די ווערטער בלייבן אַלץ קשהדיק.

דער כלי יקר זאָגט: פאַרוואָס שטייט „וירא אליו ד׳״ נישט „וירא ד׳ אל אברהם״ ווי עס שטייט אין דער פריערדיקער סדרה? ווייל, זאָגט ער, איידער אברהם האָט זיך מל געווען האָט ג-ט גערעדט צו אים נישט פאַר זיין גרויסער פּערזענלעכקייט אַליין, וואָרום ער איז נאָך דאַן געווען אַן ערל און ער האָט נישט געקענט נאָך באַגרייפן די גאָטהייט אַזוי גוט, נאָר ווייל ער איז געווען דער „אב המון גוים״, דער פאַר־שטייער פון דער מענטשהייט שטייט דעריבער „וירא ד׳ אל אברהם״ אָבער נאָכן מל זיין, ווען ער איז געוואָרן אַ גאַנצער ייד און האָט שוין יאָ געקענט משיג זיין דעם אלוקות אַרום און אַרום, אין זיין גאַנצער גרויסקייט און דערהויבנקייט שטייט „וירא אליו ד׳״. ג-ט האָט זיך באַוויזן „צו אים״ פאַר זיין אייגענער וויכטיקייט... און מיר שטעלן זיך פאָר, אַז פריער, אַלס ערל, וואָלט אברהם נישט געווען געוואַגט איבערצולאָזן ג-ט און גיין אויפנעמען אורחים, ווייל פריער איז ג-ט נאָך געווען ווייט פון אים, „רם על כל גוים ד׳״, אָבער אַ ג-ט פאַר וועמען מען לאָזט פון זיך שניידן שטיקער, פאַר וועלכן מען פאַרגיסט בלוט, דאָס איז שוין אַן אייגענער, אַ היימישער אַ נאָנטער ג-ט... און ווייל ער האָט שוין געקענט באַנעמען ג-ט, אין זיין גאַנצער גרויס־

קייט, האָט ער שוין אויך געקענט באַגרייפן ג־טס באַשיידנקייט...
„אמר ר׳ יוחנן כל מקום שאתה מוצא גבורתו (גדולתו) של הקב״ה שם אתה מוצא ענותנותו״ איבעראַל ווו דו געפינסט ג־טס גרויסקייט און שטאַרקייט דאָרטן טאַקע געפינסטו זיין עניוות אויך. 4).

ב

זיכער האָט אברהם אבינו געוווינן און געמאָסטן צו ער זאָל איבערלאָזן כביכל וואָרטן און גיין אויפנעמען די אורחים. אָבער, ווי געזאָגט, נאָכדעם ווי דער רבונו של עולם האָט זיך באַוויזן צו אים אין זיין גאַנצער גרויסקייט האָט אברהם אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די גרויסקייט פון ג־ט איז נישט בלויז אַ רעליגיעזע, אין דעם אָנגענומענעם זין, נאָר ג־טהייט מיינט אַ „סינטעז״ פון אמונה צוזאַמען מיט מעשים טובים, וואָרום איינס אָן דעם אַנדערן קען נישט זיין פּערפעקט. נאָר ערלים האַלטן „על השמים כבודו״, אַז ג־ט איז אַ מושל נאָר אין די הויכע ספערן און ער מישט זיך נישט מיט דער נאַרישער וועלט. יידן האַלטן „המשפילי לראות בשמים ובארץ״. דאָרטן ווו מיר אָנערקענען זיין שמימות, זיין גרויסקייט און הויכקייט... דאָרטן מוזן מיר אויך אָנערקענען זיין ממשלה אין ארציות, זיין עניוותדיקייט... און זיינע אינטערעסן אין די טאָג־טעגלעכע מענטשישע הנהגות... אויפן פּסוק אין ירמיהו ט״ו „ואותי עזבו ואת תורתי שמרו״ זאָגט דער ירושלמי 4) הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו, שהאור שבה היה מקרבן אצלי״... הלואי וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזן און מיין תורה אָפּגעהיט (זאָגט ג־ט) וואָרום די ליכט פון דער תורה וואָלט זיי סיי ווי דערנענטערט צו מיר״ ...שרייען בלויז, אַז מען גלייבט אין ג־ט און נישט אָפּהיטן זיינע מצות דאָס וויל נישט ג־ט. דאָס איז נישט קיין יידישע מידה. יידן האָבן אַפילו געשאַפן דעם וואָרט „מען דאַרף זיין צו ג־ט און צו לייט״... און די משנה זאָגט עס קלאָר: כל שרוח הבריות נוחה המנו רוח המקום נוחה המנו, וכל שאין רוח הבריות נוחה המנו, אין רוח המקום נוחה המנו 5): „פון דעם וואָס מענטשן זענען צופרידן איז ג־ט אויך צופרידן, און פון דעם וואָס מענטשן זענען נישט צופרידן איז ג־ט אויך צופרידן, וואָרום ג־ט און מענטש זענען געקניפּט און געבונדן...

אין אונדזער צייט געפינען מיר אָפט אַ שפּאַלטונג אין די צוויי... פאַראַן צום באַדויערן אַזעלכע (אין אַ קליינער צאָל) וואָס האָבן אָנגענומען די ג־טהייט בלויז אין דעם, אַזויגערופענעם, רעליגיעזן זין, דאַווענען, לערנען, זאָגן תהילים וכדומה, פאַרנאַכלעסיקן אָבער זייערע אָבליגאַציעס צו דעם מענטשן... און דאַקעגן האָבן מיר אַזעלכע (אין גאָר אַ גרויסער צאָל) וואָס האַלטן, אַז זיי זענען גוטע יידן, בלויז מיט דעם וואָס זיי זענען גוט צו מענטשן. ביידע, אָבער, זענען אומגערעכט. אַ גאַנצער ייד איז נאָר דער וועלכער אַנערקענט סיי דעם „בין אדם למקום" און סיי דעם „בין אדם לחברו". און דאָס, גלייבן מיר, האָט אונדז דער ערשטער ייד, אברהם, געלערנט אין דער היינטיקער סדרה „וירא אליו ד'" וועגן ג־ט האָט זיך „צו אים" באַוויזן און אברהם האָט באַגריפן די גדלות אלוקים, האָט ער גלייך געוווסט דעם רצון ד', אַז ער וויל ביידע זאַכן, אַז עס איז נישטאָ קיין קאָנטראַסט צווישן דער ג־טהייט צו דער מענטשהייט. ג־ט וויל מען זאָל אים אָנערקענען, מען זאָל האָבן אמונה אין אים, אָבער ער פאָדערט אויך דעם מענטשן נישט צו פאַרלאָזן. ווי ר' ישראל סאַלאַנטער ז"ל האָט געטייטשט: „ואנשי קודש תהיו לי" 6) מענטשלעך הייליק זאָלט איר זיין צו מיר ... הייליקייט איז זייער פיין אָבער אָן מענטשלעכקייט איז נישטאָ קיין הייליקייט... דעריבער „וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו", ווען אברהם האָט דערזען דריי מענטשן שטייען פאַר אים, און ער האָט די מעגלעכקייט מקיים צו זיין איינע פון די מצות פון בין אדם לחברו, „וירץ לקראתם", איז ער זיי גלייך אַנטקעגן געלאָפן און „וישתחו ארצה", ער האָט זיי אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד און ער זאָגט צו ג־ט: „אם נא מצאתי חן בעיניך", אויב מיין אויפירונג געפעלט דיר, וואָרום דערמיט בין איך דאָך מקיים דיינע מצות. ווײַס איך דאָך, אַז „לא תעבור מעל עבדך", אַז דו וועסט קיינמאָל נישט אַוועקגיין פון מיר, ווייל אפילו בשעת איך באַדין מענטשן טו איך דאָך אויך דיין ווילן... און אברהם האָט געטאָן אַלץ וואָס עס איז נאָר נייטיק געווען צו דער מצוה פון הכנסת אורחים און נאָכאַלעמען איז „ואברהם עודנו עומד לפני ד'", איז ער אַלץ געבליבן שטיין פאַר ג־ט. איינס האָט נישט געשטערט דאָס צווייטע, נאָר איינס האָט מחזק געווען דאָס צווייטע.

אַט דער רעיון ליגט דאָך אייגנטלעך אָפּן אין דעם אויבן ציטירטן פּסוק. „ויטע אשל בבאר שבע ויקרא בשם ד׳ אל עולם״. וואָס איז גע־ווען דער אשל וועלכן אברהם האָט געפלאַנצט? רב זאָגט: אַ פּרדס פון פרוכט פאַר די אורחים און שמואל זאָגט: אַן אכסניה, אַ מין האָטעל פאַר די אורחים (אשל איז אויך די ראשי תיבות אכילה, שתיה לינה, עסן, טרינקען, שלאָפן) זאָגט דער פּסוק „ויטע אשל״, אברהם האָט געבויט אַ האָטעל פאַר אורחים און דאָרטן „ויקרא שם בשם ד׳״ האָט ער אויסגערופן ג־טס נאָמען... עס שטייט נישט ער האָט געבויט אַ שול, אַ בית המדרש און דאָרטן גערופן אין ג־טס נאָמען, ווארום דאָס וואָלט קיין חדשות נישט געווען, נאָר דוקא אין אַ רעסטאָראַן פאַר אָרעמע, דוקא אין אַ האָטעל ווו ער האָט געגעבן מענטשן צו עסן און צו טרינקען דאָרטן, און מיט דעם האָט ער מקדש השם געווען...

ג

און אַזוי האָט ג־ט באַשאַפן דעם מענטש; „ויאמר אלוקים נעשה אדם״. און ג־ט זאָגט לאָמיר באַשאַפן אַ מענטש. 7) דאַכט זיך אויס, אַז ג־ט רעדט צו עמעצן אַנדערש און ער זאָגט צו אים ער זאָל אים העלפן באַשאַפן אַ מענטש. צי דאַרף דען חלילה ג־ט עמעצנס הילף? טאָ וואָס הייסט נעשה אדם? אַלע מפורשים רעדן וועגן דעם. דער רמב״ן טייטשט, אַז ג־ט האָט דאָס געזאָגט צו דער ערד: לאָמיר צוזאַמען מאַכן אַ מענטש, דו וועסט געבן דעם גוף און איך די נשמה. אונדז דאַכט זיך, אַז אין פּתיחה פון זוהר איז פאַראַן אַ גאונישע איינטערפּרעטאַציע, וואָס גייט טיפער ווי אַלע אַנדערע. דער זוהר זאָגט: פקידא תשעה למיחן למסכני ולמיהב לן טרפא דכתיב נעשה אדם״. דער נייַנטער באַפעל איז געווען: צו האָבן רחמנות אויף די אָרעמע און צו געבן זיי שטיצע ווארום עס שטייט „נעשה אדם״. אַט האָבן מיר, ווי עס שיינט, דעם שליסל צום גאַנצן מענטשלעכן לעבן וואָס איז פאַרבונדן מיט דער ג־טהייט.

ווען ג־ט האָט באַשאַפן די וועלט און דעם מענטש האָט ער אין זיי אַריינגעגעבן די פּאָטענציאַליטעט צו זיין פּערפעקט אָבער ער האָט אַבזיכטלעך נישט פאַרענדיקט כדי זיי זאָלן זיך אַליין מוזן פאַר־

פעקציאָנירן. „אשר ברא אלוקים לעשות" זאָגט די תורה. ג-ט האָט טאַקע באַשאַפן עס איז אָבער נאָך געבליבן „לעשות" אַ סך צו טאָן, כדי דאָס געשאַפענע צו קאָמפּלעטירן... „נעשה אדם" מיינט אַלזאָ, אַז ד'ער רבונו של עולם האָט איינגעלאַדן דעם מענטשן צו אַרבעטן צוזאַמען מיט ג-ט אויף אויסצואַרבעטן דעם מענטש צו זיין דאָס וואָס אַ מענטש דאַרף זיין. אויב דער גאַנצער אַקט פון באַשאַפונג איז געטאָן געוואָרן טאַקע נאָר פון ג-ט אַליין, מוז דער מענטש אָבער זיך אַליין העלפן אַנטוויקלען. ווען די חז"ל זאָגן, אַז דער מענטש איז געוואָרן אַ שותף צו מעשה בראשית, מיינט דאָס, אַז ווען דער מענטש אַרבעט צו דערלענגערן דעם מענטשלעכן לעבנס-שפּאַן, טוט ער דאָס בשותפות מיט ג-ט. ווען אַ דאָקטאָר ראַטעוועט אַ מענטשנס לעבן, אַרבעט ער בשותפות מיט ג-ט. ווען אַ מענטש אונטערשטיצט אַ צווייטן אין זיין נויט אַרבעט ער בשותפות מיט ג-ט, אין דעם גאַנצן פּאַרוים מאַרש פון דער, אַזוי גערופענער, ציוויליזאַציע, איז דער מענטש דער אינסטרומענט פון ג-ט... און אין אברהמן האָט ג-ט באַקומען דעם ערשטן ריכטיקן און ערלעכן שותף... ויטע אשל... ויקרא שם בשם ד'.

---

1) סוטה י"ד, בבא מציאה פ"ו.
2) שבת קכ"ז א'
3) מגילה ל"א א'.
4) חגיגה פ"א ז'.
5) שמות כ"ו ל'.

וירא ב׳

כמות און איכות

„וירא ד׳ אל אברם ויאמר אליו אני אל שדי התהלך לפני והיה תמים" (בראשית י״ז א׳).
„ויהי אחרי הדברים האלה ויגד לאברהם לאמר הנה ילדה מלכה גם היא בנים לנחור אחיך" (בראשית כ״ב כ׳).

א

קוואַליטעט און קוואַנטיטעט, אָדער ווי מיר רופן דאָס, איכות און כמות, פירן שטענדיק אַ העפטיקע קאָנקורענץ צווישן זיך. דער „כמות" טענהט: ער איז דער יחסן ווייל מיט אים איז די מערהייט. און „איכות" ענטפערט צוריק: וואָס איז ווערט אייער מערהייט, אַז איר זענט אַלע גאָלע גאָרנישטן. אמת, אָפיציעל האָט די וועלט אָנגענומען דעם כלל פון „אחרי רבים להטות", אַז די מערהייט באַשטימט, אָבער אָט דער „כלל" איז שוין אָפּגעפרעגט געוואָרן פון זיין פריערדיקן „כלל" וואָס זאָגט: „ולא תהיה אחרי רבים לרעות". דו זאָלסט נישט זיין נאָכן רבים פאַר שלעכטסקייט. און אונדזערע חכמים האָבן אונדז געלערנט: „כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כלו יצא", אַז יעדע זאַך וואָס איז געווען אין דעם כלל און איז דערנאָך אַרויס פון אים, ענדערט דאָס דעם גאַנצן כלל 1). וואָלט דאָך אייגנטלעך געדאַרפט זיין לייכט צו דעצידירן, איז אָבער די דעפיניציע אַ שווערע. דער רבים טענהט; אַז מיט דעם אַליין וואָס זיי, די מערהייט, באַשטימט איז אַ ראיה, אַז די זאַך

איז גוט. בלייבט דאָך אָבער די קשיה אויב אַזוי טאָ וואָס מיינט דער פּסוק מיטן „ולא תהיה אחרי רבים לרעות״? דאָס ווייזט דאָך, אַז דער רבים קען אויך טאָן פעלערן. ענטפערט די מערהייט: די דאגה לאָזן מיר צו דער מינדערהייט...

מיר גלייבן, אַז דער ענין איז דווקא גאַנץ פשוט. לעולם איז טאַקע „אחרי רבים להטות״ וואָרום דער רבים איז גערעכט מיט זיין אַרגו־מענט, אַז: אויב דער רבים באַשטימט איז עס זיכער לטובה. און דער „ולא תהיה אחרי רבים לרעות״ לערנט אונדז גאָר עפּעס אַנדערש. דער טעקסט זאָגט נישט: ולא תטה אחרי רבים לרעות, וואָס דאָס וואָלט געמיינט בויג זיך נישט נאָך דער מערהייט צום שלעכטן, וואָ־רום דאָס, ווי געזאָגט, קען נישט זיין, דער פסוק זאָגט „ולא תהיה״ דו זאָלסט נישט זיין „אחרי רבים״ אונטער דער מערהייט „לרעות״ צום שלעכטן. אין אַנדערע ווערטער, זיי נישט קיין שלעכטער, קיין העצער, קיין אונטערצינדער, שטיי נישט הינטער די מאַסן אַלס צעשטערונגס עלעמענט! אוודאי ווען די מערהייט באַשטימט איז גוט אָבער ווער זאָגט, אַז די מערהייט באַשטימט? צי איז דען נישט באַוויזן געוואָרן אַז מאַסן ווערן פאַרפירט? וויפיל אומגליקן האָבן מאַסן געבראַכט אויף זיך אַליין און ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי זענען פאַרפירט געוואָרן פון העצער און שווינדלער איז שוין געווען צו שפּעט? יאָ, ווען מען לאָזט די מאַסן, דעם רבים, דענקען מיט קלאָרע קעפּ, ווען מען קלערט זיי אויף ערלעך און זיי קענען דעצידירן איז קיין ספק נישט, אַז זיי וואָלטן באַשטימט גערעכטיקייט, ווי די וועלט פלעגט זאָגן: די שטים פון פאָלק איז די שטים פון ג־ט. אָבער ווען איז דאָס גערעדט? ווען דאָס איז די שטימע פון פאָלק און נישט די שטימע פון עפּעס אַ שאַרלאַטאַן וואָס נוצט דאָס פאָלק פאַר אייגענע צוועקן...

און דעריבער האָבן אונדזערע חכמים געגעבן דווקא גרויס פאַר־צוג דעם „איכות״ נישט דעם „כמות״. ווען זיי האָבן געזאָגט: „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו״ קוק נישט אויפן אויסערלעכן גלאַנץ, נאָר קוק וואָס ער אַנטהאַלט 2) האָבן זיי דאָס געזאָגט אויס טיפער מאָראַלישער איבערצייגונג, אַז נישט שטענדיק איז די מאַסע מיט איר אויסערלעכן פּאָמפּ גערעכט. וואָס דאַרפן מיר מער? אַפילו ביי תורה

לערנען האָבן זיי געהאַט דעם זעלבן כלל. „סיני ועוקר הרים סיני עדיף״ 3) סיני הייסט דער וואָס איז אַ בקי אין משניות און ברייתות און ער לערנט טיף און גרינטלעך און כאַטש ער לערנט אַפּ ווייניקער דפים אָדער ווייניקער הלכות איז ער אָבער אַ „חריף״ האָט אַ שאַרפע קאָפּ וואָס שניידט זיך אַריין טיף אין דעם סאַמע גרונט פון דעם ענין און ער קען דעריבער מברר זיין על פי אמיתה של תורה. לויטן אַבסאָלוטן אמת פון דער תורה. דאַקעגן דער צווייטער דער „עוקר הרים״ ער לערנט אַפּ אַ סך מער בלעטער גמרא מיט רמב״ם מיט ראשונים און אחרונים, ער געדענקט אַ סך און ער קען מדמה זיין איין ענין צום צווייטן, ער קען, לויטן לשון פון די חכמים, אויסרייסן גאַנצע בערג מיט תורה און זיי צוזאַמענפירן אויף איין אָרט. ער קען בויען פשטלעך „גג על גג״ (איין דאַך איבערן אַנדערן) אָבער לויט דער גמרא איז זיין יסוד אַ שוואַכער ווייל עס פעלט אים טיפקייט. דעריבער האָבן זיי אָן קווענקלענישן געזאָגט „סיני עדיף״ (דאָס, זאָגט אויך די גמרא אין ערובין י״ג, איז דער טעם וואָס ווען ס׳איז דאָ אַ פלוגתא צווישן ר׳ מאירן און ר׳ יהודהן איז שטענדיק די הלכה ווי ר׳ יהודה). „טבא חדא פלפתא חריפתא ממלא צנא דקרי״, עס איז בעסער איין שאַרף פעפערל פון אַ גאַנצן קויבער דוניעס, זאָגט נאָך מאמר חז״ל 4) עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ צו אויסרעכענען אַלע פלעצער ווו די חז״ל ציען פאָר דעם „איכות״ פאַר דעם „כמות״. זאָל אונדז נאָר דערלויבט זיין צו באַווייזן, אַז כביכל אַליין מאַכט אויך אָט דעם פאַרצוג...

ב

אין דער פאָריקער סדרה לך לך, באַווייזט זיך ג-ט צו אברמען און זאָגט צו אים: „אני אל שדי״. זאָגט אויף דעם דער מדרש: אמר אברהם עד עכשיו היו עובדים ושבים באים אלי תאמר משמלתי הן באים אלי? אמר לו הקב״ה דייך שאני שדי בא אליך. ד״ה אברהם זאָגט צו גט־: ביז אַצינדערט זענען מענטשן געקומען צו מיר. דענקסטו, אַז איצט ווען איך וועל זיך מל זיין וועלן זיי אויך קומען? ענטפערט ג-ט: גענוג דיר אברם, אַז איך דער ג-ט „שדי״ קום צו דיר... 5) מיר זענען אין דער מדרש דעם

גאַנצן דערמאָנען רעיון. מיר ווייסן, אַז אברהם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס ער האָט דערנענטערט מענטש צו ג-ט אויפן פסוק „ואת הנפש אשר עשו בחרן", זאָגן די חז"ל „שהכניסן תחת כפני השכינה, אברהם מגייר אנשים ושרה מגיירת נשים". אברהם פלעגט מגייר זיין מענער — און שרה פרויען, און פון דאַנען לערנען זיי אַראָפּ, אַז „כל המלמד את בן חברו תורה כאילו ילדו". דער וואָס לערנט מיט יענעמס קינד תורה ווערט ער פאַרעכנט ווי זיין גייסטיקער פאָטער. 6)

די געשיכטע ווייסט צו דערציילן וועגן צייטן ווען גרויסע מאַסן פון די נישט יידישע פעלקער האָבן געהאַלטן ביים אָנעמען דעם יידישן גלויבן נאָר דער חיוב פון מל זיין זיך, האָט זיי פון דעם אָפּגעהאַלטן. אין דער תקופה, נאָנט צום חורבן בית שני, האָבן אַ סך פעלקער אָנגעהויבן צו אָנערקענען די נישטיקייט פון זייערע עבודה זרהס און האָבן זיך דערנענטערט צום יידישן דת. באַוווּסט איז די געשיכטע פון דער קעניגין העלענע און אירע קינדער. אויך רוימער פון העכערן קלאַס, ביי וועלכע עס האָבן געדינט יידישע געפאַנגענע האָבן אונטער זייער השפעה געהאַלטן ביי ווערן יידן און נישט איינמאָל איז געווען זייער נאָנט דערצו, אַז גאַנצע פעלקער זאָלן אַריבער צום יידישן גלויבן, נאָר דאָס דאַרפן דורכגיין דעם גרויסן צער און וויטאָג ביים מל זיין, ספּעציעל ביי גרויסע מענער, האָט זיי פון דעם אָפּגעהאַלטן. דאָס האָט אגב געעפנט אַ טיר פאַר די „נוצרים", די קריסטן, וועלכע האָבן געזאָגט: עס איז נישט מער נייטיק דורכצוגיין דעם ברית מילה כדי צו ווערן אַ ייד. 7)

דעם זעלבן חשש האָט אברהם אויסגעדריקט צום רבונו של עולם: פריער, איידער איך האָב זיך מל געווען, זענען מענטשן געקומען צו מיר, עוברים ושבים, און ווען איך האָב זיי דערציילט די גרויסקייט פון איינאונאיינציקן ג-ט, וועלכער האָט באַשאַפן הימל און ערד, האָב איך זיי געקענט איבערצייגן און זיי אַרונטערנעמען אונטער דער אמתער אמונה. אָבער היינט, ווען איך וועל זיי זאָגן, אַז בכדי צו אַריינגיין אין דעם ברית מיט ג-ט מוז מען זיך מל זיין און דורכגיין ליידן און שמערצן צי וועל איך דען זיי קענען איבערצייגן? האָט ג-ט אים געענטפערט: זאָרג נישט אברהם, מיין נאָמען איז „שדי" וואָס

קומט פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט „די" צו דער אויסשפּרייטונג פון הימל און ערד. ווען נישט וואָלטן זיי נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אויסשפּרייטן זיך 8) אָבער ווער דאַרף וועלטן אָן אַן עק? עס איז גענוג ווען איך קום צו דיר און זאָג דיר „והפרתי אותך במאד מאד", איך וועל פון דיר מאַכן אַ גרויס פאָלק. אין אַנדערע ווערטער, דער אויבער־שטער האָט בכוונה געמאַכט, אַז גרות זאָל שווער אָנקומען. (לא כל הרוצה ליטול את השם יבא ויטול...) נישט יעדער וועלכער קומט און זאָגט: איך וויל ווערן אַ ייד קען דאָס ווערן, וואָרום אויב יאָ וועט „כל צרוע וכל זב" קומען און שרייען איך בין אַ ייד' דאָס, האָט ג-ט געזען, קען ברענגען גרויס שאָדן דעם יידישן פאָלק. דער ערב רב האָט דאָס בולט באַוויזן. און אפשר איז קריסטנטום געוואָרן אַ געצנדינסט ווייל זיי האָבן יאָ אַריינגענומען אַלעמען, אבי צו האָבן די מאַסן. און דער רבונו של עולם לערנט אברהמן: אויב דו וועסט מגייר זיין יהיה מי שיהיה, דו וועסט דיך אַרומרינגלען מיט אַ כאַפּטע מענטשן וועלכע וועלן נישט זיין ראוי דערצו, ווי וועל איך קענען זיין מיט דיר? ווי וועט מיין שכינה קענען רוען איבער דיר אין זייער שכנות? בעסער אַביסל און גוטע, איידער אַ סך אומווירדיקע. נאָר דער וועלכער וועט זיין גרייט פאָר אַ קרבן, ער וועט איינגיין אויף אַלע שוועריקייטן כדי צו ווערן אַ ייד, נאָר דער איז באמת כדאי צו זיין אַ ייד, און נאָר אים קענסטו אַרונטערברענגען תחת כנפי השכינה. „מעט הכמות ורב האיכות" אָט דאָס איז דער פאַרלאַנג פון ג-ט אַליין.

ג

אויך די היינטיקע סדרה „וירא" לערנט אונדז דאָס אייגענע. די סדרה איז אָנגעפּיקעוועט מיט דראַמע. ג-ט אַליין קומט אברהמן מבקר חולה זיין נאָך דעם מל זיין זיך. אברהם און שרה קריגן די גרויסע בשורה, אַז אין דעם יאָר וועט זי געבוירן אַ זון. און אַזוי איז געווען. די מלאכים קערן איבער די דאַמאָלסטדיקע באַרימטע שטעט „סדום און עמורה". לוטס טעכטער האָבן קינדער פון זייער אייגענעם פאָטער. שרה ווערט פאַרנומען פון אַבימלכן, דעם קעניג פון גרר, און ער מוז זי אויפן באַפעל פון ג-ט צוריקשיקן אומבאַרירט. די שטאַרקסטע,

אויפטרייסלדיקסטע דראַמע איז אָן ספק דער באַפעל פון ג־ט מקריב זיין יצחקן אויפן מזבח און דאָן דער אויסרוף פון דעם מלאך: „אל תשלח ידך אל הנער". מיט איין וואָרט, די גאַנצע סדרה לייענט זיך מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, אָבער די גאָר לעצטע עטלעכע פּסוקים קומען און שאַפן אַ מאָדנעם „אַנטי־קלימאַקס" מיט אַ לכאורהדיקער אומבאַדייטנדער פּאַסירונג. „ויהי אחרי הדברים האלה", און עס פּאַסירט, נאָך די אַלע אויבנדערמאָנטע זאַכן, „ויגד לאברהם לאמר", ווערט אָנגעזאָגט אברהמען „הנה ילדה מלכה גם היא בנים לנחור אחיך". מזל טוב! מלכה, אברהמס שוועגערין האָט אויך געהאַט קינדער. און דאָ גייט אַוועק אַ צעטל פון בנים וואָס זי האָט געבוירן נישט איינס נישט צוויי נאָר גאַנצע אַכט שטיק און נישט נאָר זי, נאָר אויך נחורס קעפּס־ווייב, האָט אויך געהאַט גאַנצע פיר חברה־לייט און מיט דעם ענדיקט זיך די סדרה. עפּעס איז דאָ נישט קלאָר, מאי נפקא מינה? צו איז דען געווען אַ סברה, אַז זי וועט נישט האָבן קיין קינדער און דאָ קומט די גרויסע בשורה? רש"ין איז דאָס אויך קשה געווען און דערפאַר זאָגט רש"י, אַז צוליב דעם וואָס עס שטייט אויך „ובתואל ילד את רבקה", און רבקה איז דאָך געוואָרן שפּעטער יצחקס ווייב, דעריבער האָט די תורה אויסגערעכנט די גאַנצע כאַפּטע, און דאָס איז אַ בשורה. אַנדערע מפרשים, ווי דער רמב"ן און דער „ספורנו" מאַטערן זיך צו געפינען דעם ריכטיקן טעם פון דער בשורה. בעטן מיר רשות ביי די חשובע לייענער צו זאָגן אַט וואָס:

ג־ט האָט ווידעראַמאָל געוואָלט דורך דער תורה אַרויסברענגען דעם גרויסן קאָנטראַסט צווישן דעם „איכות" פון יצחקן און דעם „כמות" פון אַלע אַנדערע, מעגן זיי זיין אַפילו די גאַנץ נאָנטסטע משפּחה פון אַברהמען. די תורה האָט געוואָלט ווייזן, אַז ג־ט קלייבט נישט קיין קוואַנטיטעט נאָר קוואַליטעט. ווי שווער עס איז אָנגעקומען דער איינאונייציקער יצחקל און ווי לייכט עס קומט אָן אַנדערע גאַנצע טוצן קינדער. וואָרום צו געבוירן אַ יצחק און אים אויפצוציען אַלס אַזעלכער מוז מען ברענגען די שווערסטע קרבנות. מען מוז זיין גרייט דורכצוגיין אַלע סאָרטן נסיונות בכדי זוכה צו זיין צו האָבן אַ יצחק, פון וועלכן עס זאָל זיך אַנטוויקלען דאָס פאָלק

וועמען ג-ט האָט אויסגעקליבן אַלס דער „עם הנבחר״. די תורה וויל אונדז לערנען, אַז צו געבוירן קינדער איז קיין קונץ נישט. דאָס איז אַ נאַטירלעכער ביאָלאָגישער פּראָצעס, אַלע קענען דאָס, אָבער צו געבוירן קינדער ווי יצחק און שפּעטער זיי צו דערציִען אַלס מוסטער פֿאַר דער וועלט, דאָס קומט שוין זייער שווער אָן און אויף דעם דאַרף מען שטאַרק האָרעווען. נאָך די אַלע דראַמאַטישע סצענעס און איבערלעבונגען פון אַברהמען „ויגד לאברהם הנה ילדה מלכה גם היא בנים״ זאָגט מען אים: ווילסטו וויסן אברהם צו עס האָט זיך געלוינט דיין שווערע דורכקומעניש ? אָט האָט דיין שוועגערין אויך געהאַט קינדער אָבער אפשר ווייסטו אברהם וואָס עס וועט ווערן פון עוצן מיט בוזן פון פלדשן און פון ידלפן ? ווער קען זיי און ווער ווייסט זיי ? וואָס וועט פון זיי איבערבלייבן ? דאַקעגן פון דיין איין יצחק וועט וויסן אַ וועלט. טויזנטער יאָרן וועלן זיינע קינדער מאַכן געשיכטע וועלכע וועט האַלטן געשפּאַנט די גאַנצע וועלט. עס וועט זיי אָנקומען שווער, זיי וועלן ברענגען קרבנות ? אָבער אָן קרבנות האָסטו, אברהם אויך נישט געקענט באַקומען יצחקן . מיר האַלטן, אַז מיר, אָט די נאָך טויזנטער יאָריקע דורות, דאַרפן נאָך אַלץ לערנען און דווקא פון די לעצטע פּסוקים פון דער היינטיקער סדרה צו אַנטוויקלען אין זיך דעם „איכות״ על אפּם ועל חמתם פון דעם „כמות״ . . .

---

1) יבמות ז׳.
2) אבות פ׳ ד׳.
3) סוף ברכות.
4) יומא פ״ח.
5) בראשית רבה מ״ו.
6) סנהדרין צ״ב ט׳.
7) זע „ג-ט, ייד און היסטאָריע״, פון מאַקס דוומאָנד.
8) מי שאמר לעולם די מ״ר בראשית.

חיי שרה א׳

דאַנק און אומדאַנקבאַרקייט

„ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה" (בראשית כ״ג א׳).

„ואברהם זקן בא בימים ודי ברך את אברהם בכל" (בראשית כ״ד א׳).

א

אין דער היינטיקער סדרה טרעפן מיר זיך אָן אין דעם טויט פון אונדזערע ערשטע „אָבות", אַברהם און שרה. די פּטירה פון אונדזער מאַמע שרה און אונדזער טאַטע אַברהם איז אַרומגערינגלט מיט זייער אַ סך מיסטיק און אונדזערע לערער, רבנים און חכמים, האָבן געשעפּט אוצרות פון „מוסר השכל" פון דעם לעבן און פון דעם שטאַרבן פון די גרינדער, בויער און שאַפער פון דעם יידישן פאָלק.

אין דער אַלטער היים איז די סדרה „חיי שרה" ווי אויך די סדרה „ויחי" געוועזן געווידמעט דער „חברה קדישה". „חיי שרה" איז געוועזן די וואָך פון דער פּרויען־סעקציע פון דער „חברה קדישה" און „ויחי" פון די מענער. ווייל דער טויט לערנט דעם יידן נישט ווייניקער ווי דאָס לעבן און אַמאָל נאָך מער . . . יעדער וואָס האָט אַמאָל געלערנט אַ פּסוק חומש, ווייסט וואָס רש״י זאָגט אויף דעם ערשטן פּסוק פון דער היינטיקער סדרה. צוליב וואָס שטייט דאָס וואָרט „שנה" נאָך יעדער צאָל ? „מאה שנה, ועשרים שנה ושבע

שנה" הונדערט יאָר, צוואַנציק יאָר און זיבן יאָר ? נישט הונדערט זיבן און צוואַנציק יאָר ? צו לערנען אונדז, אַז ווען שרה איז אַלט געווען הונדערט יאָר איז זי געווען אַזוי ריין פון זינד ווי אַ מיידל פון צוואַנציק יאָר. (ווייל לויט דער הלכה איז אַ פרוי נישט קיין בת עונשין ביז צוואַנציק יאָר) און ביי צוואַנציק איז זי געווען אַזוי אומשולדיק מיט איר שיינקייט ווי ביי זיבן יאָר . . . פרעגט דער מדרש: טאָ צו וואָס שטייט נאָך צום סוף ווידער אַמאָל „שני חיי שרה" ? לומר לך שחביב חייהם של צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא. דער טייטש איז דעריבער: „שני", די פריער דערמאָנטע הונ־דערט זיבן און צוואַנציק יאָר, וועלכע שרה האָט געלעבט אויף דער וועלט, „חיי שרה" זיי האָבן דערפירט צו איר אייביקן לעבן בעולם הבא . . .

דער ילקוט יהודה וויל האָבן, אַז פאַר דעם שטייט צום סוף „שני חיי שרה", ווייל דער פסוק קומט אונדז דערציילן, אַז מיר זאָלן נישט זאָגן, ווייל שרה איז דאָך געשטאָרבן ביי דער בשורה פון דער „עקדה„ 1). קען עמעצער טראַכטן, אַז איר טויט איז געווען אַ פריי־צייטיקער, פאַראורזאַכט דורך דער מעשה עקדה און ווען נישט דאָס, וואָלט שרה נאָך געקענט לעבן . . . קומט דער פסוק און ענדיקט „שני חיי שרה" צו זאָגן, אַז די הונדערט זיבן און צוואַנציק יאָר זענען געווען די אָנגעצייכנטע יאָרן וואָס שרה האָט באַדאַרפט און געקענט לעבן אויף דער וועלט. אָבער אַזוי ווי יעדער טויט האָט זיך זיין סיבה . . . איז די עקדה געווען די סיבה פון שרהס טויט.

ב

אַזוי שנעל ווי שרה איז נפטר געוואָרן און אברהם האָט זי מספיד געווען, באַוויינט און מקבר געווען, זאָגט דער פסוק: „ואברהם זקן בא בימים", אברהם איז אַלט געוואָרן און געקומען אין די יאָרן. אויף דעם פסוק, ספּעציעל אויף דעם וואָרט „זקן" האָבן די חז"ל זייער פיל געדרשנט. פרעגט זיך: אייגנטלעך געפינען מיר דאָך שוין איינמאָל אין דער תורה די זעלבע ווערטער און דאָרטן האָבן די חז"ל געמאַכט אַ שוויג ? אין דער פריערדיקער סדרה שטייט

„ואברהם ושרה זקנים באים בימים״. אַברהם און שרה זענען געווען אַלט, און געקומען אין די יאָרן. און מיר געפינען כמעט נישט קיין קאָמענטאַר אויף די ווערטער. און דאָ, ווי געזאָגט, איז פאַראַן אַ היפּש ביסל אינטערעסאַנטע דרשות. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

אונדז דאַכט זיך, אַז דער ענין איז גאַנץ פּשוט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן: אַ פּאָרפאָלק, וואָס האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען, אַן ערך פון זיבעציק, אַכציק יאָר, אָבער זייער צוזאַמענלעבן האָט קיין פּרוכט נישט געבראַכט. ווארום אַן אַ קינד איז אַן אַ צוקונפט און דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן סתם מענטשן נאָר וועגן מענטשן אידעאַליסטן, וועלכע פּראָפּאַגאַנדירן די גרויסע, הייליקע אידייע פון „מאָנאָטעאיזם״ און זיי וויסן, אַז טאָמער שטאַרבן זיי אָפּ אָן אַ יורש, אָן אַ נאָכפאָלגער איז אַלץ פאַרלאָרן. ווער וועט איבערנעמען די גייסטיקע ירושה? ווער וועט פאַרזעצן די ג־ט אידייע? ווער וועט זאָגן ג־ט פון אַברהם? . . . און כאָטש עס איז זיי גוט געגאַנגען, זיי זענען געווען רייך און פּאָפּולער, האָט אָבער אַברהם געטענהט צו ג־ט: „מה תתן לי ואנכי הולך ערירי״. 2) וואָס ג־ט ווועסטו מיר דען געבן ווען איך גיי צו חורבן, צו אומקום? . . . און אַזוי גייט אַוועק אַ חודש נאָך אַ חודש אַ יאָר נאָך אַ יאָר. אַברהם איז שוין ניין און ניינציק יאָר אַלט און שרה ניין און אַכציק און קיין קינד איז אַלץ נישטאָ . . . כאָטש אין יענע יאָרן איז דאָס נישט געווען אַזוי אַלט, אָבער זייער צער און זייערע דאגות האָבן זיי אַלט געמאַכט פאַר דער צייט. און דאָס זאָגט דער פּסוק: ואברהם ושרה זקנים באים בימים. אַברהם און שרה זענען אַלט געוואָרן, גלייך זיי וואָלטן שוין געווען אין די יאָרן פאַרוואָס? וואָס האָט זיי אַזוי אַלט געמאַכט? און דער פּסוק ענטפערט „חדל להיות לשרה אורח כנשים״ ווייל פון שרהן איז פאַרמיטן געוואָרן דאָס גליק צו זיין ווי אַלע אַנדערע פרויען . . . אַ פרוי איז נאָר דאַן אַ פרוי, ווען זי קען אויספירן איר פונקציע און די פונקציע פון אַ פרוי, איז צו געבוירן קינדער און ברענגען נייע דורות אויף דער וועלט. קען זי דאָס נישט באַווייזן איז דער לעבן פון איר און איר מאַן קיין לעבן נישט . . . און מען ווערט אַלט יונגערהייט . . . איז דער פּסוק דעריבער אַזוי קלאָר און דייטלעך, אַז די חכמים האָבן

גאָרנישט געהאַט צוצוגעבן צו דעם . . . ווען אָבער, נאָך שרהס טויט זאָגט דער פסוק „ואברהם זקן בא בימים" און גיט גלייך צו „וד' ברך את אַברהם בכל" איז דאָך באמת שווער ? נאָך שרהס טויט האָט דאָך אייגנטלעך באַדאַרפט אַברהמען אַלץ פעלן. נישטאָ מער זיין ליבע און טייערע שרה. נישטאָ מער זיין חבר און שותף אין לעבן, טאָ וואָס איז די גרויסע ברכה ? קומען דעריבער די חז"ל און דרשענען פאַרשידענע דרשות . . .

לויט דעם אויבן געזאָגטן איז לייכטער צו פאַרשטיין דעם רעיון וואָס די חז"ל ברענגען, אַז אַברהם האָט נישט צופיל געוויינט נאָך שרהן. זיי נעמען דאָס פון דעם וואָס די כ' אין דעם וואָרט „ולבכותה" איז קלענער פון די אַנדערע אותיות. איז אַ ראיה, אַז אַברהם האָט ווייניק געוויינט. פרעגט זיך ווי קומט עס טאַקע וואָס אַברהם זאָל נישט האָבן פאַרגאָסן קיין סך טרערן אויף זיין טייערער שרה ? און דער ענטפער איז ווייל אַברהם האָט נישט געוואָלט זיין קיין „כפוּי־טובה" דעם רבונו של עולם. ער האָט גוט געדענקט זיין שרה מיט זיבן און דרייסיק יאָר צוריק, ווען זי איז געווען אַן אויסגעדאַרטע, איינגעשרומפּענע אַלטע פרוי 3) וועלכע האָט שוין געהאַט שלום געמאַכט מיט איר גורל אַוועקצוגיין פון דער וועלט מיט גאָרנישט... און פּאַר זיינע אויגן איז פאָרגעקומען אַן אומגלויבלעכע קערפּער־לעכע טראַנספאָרמאַציע און זיין שרה איז פּלוצלונג צוריק יונג געוואָרן, האָט אים געבוירן אַ זון און געהאַט גענוג מילך צו האָדעווען נישט נאָר איר קינד נאָר נאָך אַנדערע קידער 4) און גאַנצע זיבן און דרייסיק יאָר האָט זי געשפּילט די וווּנדערלעכע ראָלע פון אַ פרוי און אַ מאַמע . . . זאָל ער, אַברהם וויינען ? זאָל ער האָבן טענות צו ג־ט: אָה, ניין! פאַרקערט, ער האָט נישט קיין אורזאַך צו באַקלאָגן זיין גורל נאָר ער איז דאַנקבאַר צו ג־ט... און דאָס איז דער טייטש „ואברהם זקן בא בימים". איצט, איז אַברהם שוין באמת אַלט געווען, פון יאָרן . . . אָבער ער איז געווען גליקלעך, ווייל „וד' ברך את אַברהם בכל", ווייל ער האָט אָנערקענט, אַז מער האָט ג־ט פאַר אים נישט בעדאַרפט טאָן...

ג

אין בערדיטשעוו איז געשטאָרבן אַ ייד אַ גביר, וועלכער איז געווען באַוווסט פאַר אַ גרויסן קמצן. די חברה קדישא האָט פון די יורשים געפאָדערט אַ גרויסע סומע געלט פאַר דער „קרקע". די יורשים אָבער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט געבן די געמאָנטע סומע, איז געבליבן מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דעם בערדיטשעווער רב ר' לוי יצחק ז"ל. ווען ר' לוי יצחק האָט געהערט דעם ענין, איז ער שטאַרק גערירט געוואָרן פון דער טרויעריקער ידיעה, אַז דער ייד איז נפטר געוואָרן און געפסקנט, אַז מען זאָל גאָרנישט פאָדערן פון די יורשים נאָר זיי זאָלן געבן וויפל זיי ווילן. דערביי האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים לאָזן וויסן ווען די לוויה וועט זיין, ווייל ער אַליין וויל אויך קומען צו דער לוויה. די שטאָט בעלי בתים זענען געבליבן געפּלעפט פון דעם פסק און נאָכמער פון דעם וואָס דער רב וויל אַליין קומען צו דער לוויה. אַז די שטאָט האָט דערהערט, אַז דער רב גייט איז די גאַנצע שטאָט געווען ביי דער לוויה און דער נפטר האָט געהאַט גרוים כבוד. צוריקקומענדיק פון דער לוויה, פרעגט מען ביים רב: וואָס עפּעס האָט דער רבי אָנגעטאָן אַזאַ גרויסן כבוד צו אַזאַ פּוסטן קמצן? האָט ר' לוי יצחק געענטפערט: דער ייד האָט ביי מיר געהאַט צוויי דין תורהס און ביי אַלע צוויי האָט ער זוכה בדין געווען. פאַר דעם איז אים געקומען אַזאַ כבוד. און דער רב דערציילט.

— דין תורה נומער איינס:

איינער אַ קאָמיסיאָנער פון וויין, וועלכער פלעגט נעמען געלט ביי יידישע שענקערס און פאָרן אויפקויפן פאַר זיי די נייטיקע ווינען, האָט אַמאָל פאַרלאָרן די גאַנצע סומע געלט וואָס מען האָט אים געגעבן און ווען ער האָט באַדאַרפט באַצאָלן פאַר דעם וויין און געזען דעם אומגליק, איז ער פאַרחלשט געוואָרן און מען האָט אים בשום אופן נישט געקענט דערמונטערן. ווען עס איז געקומען אַ דאָקטאָר און אויך נישט מצליח געווען דעם יידן אויפצוועקן, האָט ער געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין עצה סיידן מען זאָל אים אַריינשרייען אין

אויער, אַז דאָס געלט איז געפונען געוואָרן. אָבער ווי קען מען זאָגן אַזאַ זאַך ווען עס איז נישט אמת? דער עולם שטייט פאַרדאַגהט. פּלוצעם קומט צו אַ ייד און זאָגט, אַז ער האָט געפונען דאָס געלט און נעמט אַרויס די סומע געלט און לייגט אַוועק פאַרן דאָקטאָר. מען האָט דעם יידן אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט. דער אמת אָבער איז געווען, אַז דער ייד האָט די געלט נישט געפונען, נאָר זעענדיק די סכנות נפשות פון דעם געליטענעם, האָט ער פון זיין קעשענע געגעבן דאָס געלט. דער ייד, זאָגט דער רב, איז אונדזער נפטר. צווישן דעם עולם, דערציילט ווייטער דער רב, איז געווען דער וועלכער האָט דאָס געלט געפונען און זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. זעענדיק אָבער די גרויסע נאָבלקייט פון אונדזער נפטר, איז ער צו אים געקומען און זיך מודה געווען, אַז ער האָט דאָס געלט געפונען, אים געבראַכט דעם גאַנצן סכום און געבעטן אַנטשולדיקונג. ערשט אונדזער נפטר וויל נישט נעמען. ג־ט, האָט ער געטענהט, האָט אים צוגעשיקט אַ מצוה פון הצלת נפשות און ער וועט די מצוה נישט פאַרקויפן פאַר קיין געלט אין דער וועלט. זענען ביידע, זאָגט ר׳ לוי יצחק געקומען צו מיר צו דין תורה. דער טענהט, איך האָב דאָס געלט געפונען און ער מוז דאָס נעמען, פון מיר. דער נפטר וויל בשום אופן נישט הערן דערפון. און דער נפטר האָט געוואונען די דין תורה, אַז ער מוז נישט נעמען . . .

— דין תורה נומער צוויי:

אַן אָרעמער ייד פון בערדיטשעוו האָט געוואָלט אַרויספאָרן אויף דער וועלט, פּראָבירן מזל, אָבער זיין פרוי האָט אים נישט געלאָזט, מורא האָבנדיק, אַז אָן אים וועט זי אינגאַנצן שטאַרבן פאַר הונגער. פאַלט דער מאַן אויף אַן המצאה און זאָגט דער פרוי אַז דער גרויסער גביר פון שטעטל, האָט אים אַריינגענומען אין זיין מסחר און ער שיקט אים אַוועק געשעפטלעך אויף אַ שטיקל צייט און יעדן דאָנערשטיק וועט דער קאַסיר איר געבן, אופן חשבון, וויפל זי דאַרף האָבן צום לעבן. אַזוי האָט די פרוי מסכים געווען און ער איז אַוועקגעפאָרן. דאָנערשטיק גייט די פרוי אין געשעפט פון דעם גביר און זי רעדט

צום קאַסיר, ער זאָל איר געבן דאָס געלט. ערשט דער קאַסיר ווייסט פון גאָרנישט און וויל גאָרנישט געבן. די פרוי פאַנגט אָן שרייען און בעטן; ס'טייטש, מיין מאַן איז נישט קיין ליגנער און וואָס וועל איך איצט טאָן ? . . . דער גביר האָט געהערט, אין זיין אָפּיס דעם טומל קומט ער אַרויס און פרעגט וואָס דאָ קומט פאָר. דערציילט אים דער קאַסיר פון דעם אינצידענט. רופט זיך אָן דער גביר: עס איז אמת, די פרוי איז גערעכט. איך אַליין האָב מיט איר מאַן אַזוי אָפּגעמאַכט און פאַרגעסן די הייסן דעם קאַסיר באַצאָלן איר יעדע וואָך אַ געוויסע סומע. דער אָרעמאַן ווידער וועלכער איז אַרויסגעפאָרן האָט דערוויל זייער מצליח געווען אויפן וועג און נאָך אַ לענגערער צייט איז ער אַהיימגעקומען מיט אַ סך געלט. געציטערט האָט ער ווי די ווייב וועט אים אויפנעמען . . . אָבער ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן, ווען די ווייב האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און אים אַלץ איבערגעגעבן און אים געזאָגט, אַז שוין לאַנגע יאָרן האָט זי אַזוי באַקוועם נישט געלעבט ווי אין דער צייט וואָס ער איז נישט געווען אין דער היים . . . נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג איז אים געווען ווען ער איז געקומען צום גביר אים אָפּצאָלן די גאַנצע געלט וואָס ער האָט געגעבן זיין פרוי און דער גביר וויל גאָרנישט נעמען: נישט איך קען אייך, נישט איך ווייס אייך, איך האָב אייך קיין געלט נישט געגעבן און איך וויל ביי אייך גאָרנישט נעמען . . . און דער ייד בעט זיך: ס'טייטש עס איז דאָך מיין פרוי און איר זענט נישט מחויב זי אויסצוהאַלטן, און דער גביר באַין אופן ניין . . . זענען זיי ביידע געקומען צו דין תורה און דער גביר, וואָס איז דער נפטר, האָט ווידער זוכה בדין געווען און ער האָט טאַקע נישט גענומען . . . נו, רופט אויס ר' לוי יצחק ז"ל, איז ער ווערט געווען דעם כבוד ? וווּ טרעפט מען היינט אַזעלכע קמצנים ? . . .

---

1) לויט רש"י און מדרשים.
2) בראשית ט"ו ב'.
3) לויט רש"י.
4) רש"י.

חיי שרה ב׳

די רעלאַטיװיטעט פון גוטס און שלעכטס

„ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה" (בראשית כ״ג א׳).

„ואברהם זקן בא בימים וד׳ ברך את אברהם בכל" (בראשית כ״ד א׳).

א

די סדרה װעלכע דערציילט װעגן דעם טויט פון אונדזער מוטער שרה און שפּעטער אויך פון אונדזער פאָטער אַברהם װערט, פּאַראַדאָקסאַל, אָנגערופן „חיי שרה", דאָס לעבן פון שרהן. דאָס רעגט אָן די חז״ל צו זאָגן: „מה צריך לומר שני חיי שרה באחרונה? לומר לך שחביב חייהם של צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא". ד״ה, נאָכװאָס דאַרף דער פּסוק צום סוף װידעראַמאָל זאָגן דאָס זענען די יאָרן פון שרהן? עס שטייט דאָך שוין אין אָנהויב פּסוק? נאָר דערמיט צו װייזן, אַז דאָס לעבן פון די צדיקים איז ליב און טייער אויף ביידע װעלטן, סיי אויף דער װעלט און סיי אויף יענער װעלט 1).

דער „ילקוט יהודא" זאָגט: „דער געדאַנק פון דעם מדרש מיינט, אַז דאָס לעבן פון שרהן אויף דער װעלט האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרזאָרגן זיך מיטן אייביקן לעבן אויף יענער װעלט"... װעט אפשר דאָס מיינען דער תנא אין דער משנה: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", אַז אַלע יידן האָבן אַ חלק אויף דער װעלט, מיט װעלכן זיי קענען זיך פאַרזאָרגן יענע װעלט. און װען רבי האָט,

ביי אַ געוויסער פּאַסירונג, געווײַנט און געזאָגט „יש קונה עולמו בשעה אחת", האָט ער געמיינט צו זאָגן: לײַדער זענען פאַראַן בלויז געציילטע פאַלן ווען אַ מענטש קען זיך קויפן עולם הבא אין בלויז אַ קליינער ווײַלע, אָבער געוויינטלעך דאַרף מען אויף דעם אַרבעטן דאָס גאַנצע לעבן. און ערשט איז אַ שאלה צו ער וועט דאָס באַקומען, ווײַל פּונקט ווי איינער קען אַמאָל זיך קונה עולם הבא זײַן אין אַ קליינער ווײַלע, אַזוי קען אויך איינער אַמאָל פאַרלירן זײַן עולם הבא (וואָרום די זעלבע משנה רעכנט אויס „ואלו שאין להם חלק לעולם הבא, אָט די האָבן נישט קיין חלק אין עולם הבא, מיינט עס דען, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט? נאָר עס מיינט, אַז זיי האָבן עס פאַרלאָרן. 2) פאַר דעם איז זייער פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די סדרה הייסט חיי שרה צו ווײַזן, אַ נאָכן פיזישן טויט לעבן זיי, אַברהם און שרה, ווייטער אין אייביקן לעבן . . .

וואָס אונדז אינטריגירט אַמיינסטן אין די ווערטער „שני חיי שרה", איז דאָס וואָס רש"י טײַטש אויף דעם „כלן שוין לטובה", אַלע יאָרן פון שרהס לעבן זענען געווען גלײַך אין גוטסקייט. דאָס קען הייסן, אַז שרה האָט געהאַט בלויז גוטע יאָרן. פרעגט זיך: איז דען דאָס ריכטיק? האָט דען שרה געהאַט בלויז גוטס אין איר לעבן? זי האָט דאָך דוקא, צוזאַמען מיט איר מאַן אַברהם זייער פיל געליטן. און אפשר נאָך מער פון אים. וואָרום ווי שווער עס זאָל נישט זײַן פאַר אַ מאַן אַרומצופאָרן און זײַן נע ונד, איז דאָס פאַר אַ פרוי נאָך פילפאַכיק שווערער. קיין גרויס עשירות האָט אַברהם אין די ערשטע יאָרן פון זײַן אַרומוואַנדערן אויך נישט געהאַט. געווען אַפילו צײַטן ווען ער האָט זיך באַדאַרפט באָרגן אויפן אויסקומעניש. אויפן פּסוק „וילך למסעיו" זאָגט רש"י „בחזרתו פרע הקפותיו" אַז ביים צוריקפאָרן פון מצרים, האָט אַברהם באַצאָלט די חובות וואָס ער איז שולדיק געווען 3). צוויי מאָל איז שרה געפאַנגען געוואָרן פון דעספּאָטישע קעניגן. איין מאָל ביי פרעהן און דאָס צווייטע מאָל ביי אַבימלכן. דאָס זענען שווידערלעכע איבערלעבונגען, פאַר אַ פרוי פון שרהס טיפ. דאָס זײַן קינדערלאָז איז פאַר יעדער פרוי דער גרעסטער צער און

מ׳קען זיך פאָרשטעלן ווי ביטער עס שרהן שוין געווען אויפן האַרצן, אַז זי האָט, אוים פאַרצווייפלונג, פאַרגעשלאָגן אַברהמן ער זאָל נעמען די דינסט (הגרן) און מיט איר חתונה האָבן, אפשר וועט זי דורך דעם אויך געהאָלפן ווערן. און ווען זי זעט, אַז לא די וואָס זי איז נישט געהאָלפן געוואָרן איז זי נאָך ביליק געוואָרן אין די אויגן פון דער דינסט. אַזאַ אייפערזוכט קען אַ פרוי ברענגן צו פאַרלירן איר זין . . . אַזוי האָט זי געלעבט און אַזוי איז זי אַלט געוואָרן. דאָס זענען גוטע יאָרן? טאָ וואָס מיינט רש״י, פאָרט מיט „כלן שוין לטובה״?...

ב

ווען מיר אָנקומען צו דער אַלטער אידייע, אַז גוטס, פונקט ווי שלעכטס, איז בלויז אַ רעלאַטיווער באַגריף און איז נישט אַבסאָלוט. דאָס וואָס פאַר איינעם איז גוט, קען דווקא זיין פאַר אַ צווייטן שלעכט און פאַרקערט. דער רבי ר׳ מאירל פרימישליאַנער ז״ל פלעגט צו־ווינטשן: אַ גוטע כתיבה וחתימה טובה. האָט מען אים געפרעגט: רבי! טובה מיינט דאָך שוין גוט? האָט ער געענטפערט: מיר ווילן אַזאַ גוטס, אַז מיר זאָלן אויך וויסן, אַז עס גוט . . . די גמרא דריקט דאָס אוים זייער טרעפלעך: כתיב, השמר לך פן תדבר עם יעקב מטוב ועד רע 4) בשלמא רע לחיי, אלא טוב אמאי לא? אלא ש״מ טובתן של רשעים רע היא אצל צדיקים. ד״ה, ג־ט זאָגט צו לבנען, ער זאָל נישט רעדן צו יעקב, נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. פרעגט די גמרא, מילא שלעכטס איז רעכט, אָבער פאַרוואָס זאָל ער מיט אים נישט רעדן קיין גוטס? נאָר, ענטפערט די גמרא, דעם רשעס גוטס איז ביים צדיק אויך שלעכטס . . . אין אמתן אַנטהאַלט יעדע זאַך גוטעס און שלעכטס. עס ווענדט זיך אין דער צייט, אין אומשטענדן, סענ־טימענטן, פאַרלאַנגען און עמאָציעס און דאָס קען אפשר זיין דער טייטש אין דער משנה 5) „כשם שמברכין על הטוב כך מברכין על הרע״, פונקט ווי אַ ייד איז דאָך מחוייב צו דאַנקען ג־ט פאַרן גוטן, אַזוי איז ער אויך מחוייב צו דאַנקען פאַרן שלעכטן. איז דאָך שווער צו פאַרשטיין? נאָר לויט דעם געזאָגטן פאַרשטייען מיר בעסער:

פונקט װי אַ מענטש דאַנקט דאַך פאַרן גוטן, און דערװײל קען גאָר אױסקומען אַז עס איז שלעכט אַזױ דאַרף אַ מענטש דאַנקען פאַר שלעכטן װאָס קען גאָר דוקא זײן גוט . . .

װען מען האָט געפרעגט דעם תנא ר מאיר, װעלכער האָט געלערנט תורה פון זײן רבין „אחר״, נאָכדעם װי ער איז געװאָרן אַן אַפּיקורס: ס׳טײטש, היתכן דאָס איז דאָך שלעכט, װי לערנט מען דאָס פון אַן אַפּיקורס תורה ? האָט ר׳ מאיר געענטפערט: מאיר רימון מצא תוכו אכל קליפתו זרק. מאיר האָט געפונען אַ מילגרױם, דאָס אינעװײניקסטע, װאָס איז זיס, האָט ער אױפגעגעסן און דאָס אױסגעװײניקסטע, װאָס איז ביטער, האָט ער אַװעקגעװאָרפן 6). עס איז שלעכט ? אװדאי איז שלעכט, אָבער אין דעם שלעכטן ליגט באַהאַלטן גוטס... מען דאַרף נאָר קענען אױסקלײבן...

זײן נע ונד איז טאַקע שלעכט, אָבער אַרומפאָרן אױף דער װעלט און מחזיר למוטב זײן מענטשן, אַרומפאָרן, אױף דער װעלט פאַרשפּרײטן אַ גלאָרײכע אידײע פון ג-טהײט, אַרומפאָרן אױף דער װעלט און באַרימט װערן אַלס גרױסע הומאַניטאַרע פּערזענלעכקײט, אַרומפאָרן אױף דער װעלט און װערן איר אױסלײזער, אין שרהס פאַל „די װעלטס מוטער״, דאָס זעט איר, איז שױן גאָרנישט אַזױ שלעכטס און װי שװער עס זאָל נישט זײן די פיזישע מאַטערניש טראָגט זי מיט זיך אַ גרױסע סאַטיספאַקציע, װאָס באַלױנט און באַקרױנט . . . צו געפאַנגען װערן פון אַ מלך, אַ דעספּאָט, איז פאַר אַן אָנשטענדיקער פרױ טאַקע אַ שװערע איבערלעבעניש, אָבער צו טריאומפירן איבער אים און אים לאָזן מיט אַ נאָז אין די אױגן פון דער גאַנצער װעלט, איז נישט קײן קלײנער זיג פאַר אַ פרױ... צו זײן אָרעם און צו דאַרפן אָנקומען צו מענטשן נאָך הילף און הלוואות איז זײער שלעכט, אָבער צו קענען באַװײזן, אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צײט, צו װערן רײך און צוריקצוצאָלן פאַר דער טובה, כפל כפלים, איז אַ מחיהדיקער געפיל . . . צו זײן קינדערלאָז און דערצו אײפערזיכטיק איז אַ ביטערער טראָפן, אָבער צו זײן פרײ און צו האָבן הונדערטער נאָכפאָלגער, גײסטיק-אַדאָפּטירטע קינדער, פאַר

ווען מען אויסצוגיסן די מוטער-ליבע, פאַרגיטיקט אין אַ גאָר גרויסער מאָס, פאַר דעם פּיין פון נישט האָבן קיין אייגן קינד.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען פאַראַן ספּעציעלע שולעס, אָנגעפירט פון אַ גוט אויסשטודירטן פּסיכאָלאָגישן סטאַף, וועלכע לערנען טויזנטער אומגליקלעכע מענטשן צו טרעפן גליק אין, דווקא, זייער גרויסן אומגליק. און וויפל איר זאָלט נישט הערן פון מענטשן זאָגן: אָה, אייך איז לייכט צו רעדן ווייל אייך טוט נישט וויי, זאָגט די סטאַטיסטיק, אַז זיבן און פופציק פּראָצענט פון די, אַזוי גערופענע, תלמידים אין די שולעס קומען אַרויס, נאָך אַ געוויסער צייט, אַנדערע מענטשן מיט אַן אַנדער בליק אויפן לעבן, מיט נייע האָפנונג און נייעם מוט.

אַלע ווייסן, אַז קריג, מלחמה איז שלעכט און אַמבעסטן ווייסן דאָס, מיר, יידן. פונדעסטוועגן דאַנקען אַלע, אַפילו די עלטערן פון די געפאַלענע קרבנות, דעם רבונו של עולם פאַר דעם לעצטן קריג אין מדינת ישראל. אמת די שרעק איז געווען גרויס, אָבער פאַר דעם איז דער נצחון געווען נאָך גרעסער וואָס מאַכט פאַרגעסן די שרעק...

מען זאָגט, אַז עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד ווען זיי האָבן געזען די געפאַר פון מלחמה און צו אונדזער גרויסער חרפה אויך פרומע יידן. דערמאָנט עס אונדז אין אַ באַוווסטן מאמר חז״ל. „ההוא פולמוסא דאתי לפומדיתא ערקו רבה ורב יוסף פגע בהו ר׳ זירא אמר להו ערוקאי! כזית שאמרו במקום מרה״. אין דער שטאָט פומבדיתא איז אָנגעקומען אַ סך מיליטער, זענען רבה און ר׳ יוסף אַנטלאָפן. אויפן וועג טרעפט זיי ר׳ זירא, רופט ער זיך אָן צו זיי: אַנטלויפער! דאָס וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, אַז אויב עס בלייבט איבער אַ כזית פון דער לעבער, איז די בהמה כשר, האָבן זיי געמיינט ווען דער כזית לעבער געפינט זיך לעבן דער גאַל. פרעגט די גאַנצע וועלט:: צו האָט שוין ר׳ זירא נישט געקענט טרעפן קיין פּאַסיקערע צייט צו איבערגעבן זיינע חברים די הלכה אין הלכות טריפות, נאָר דאַן ווען זיי זענען אַנטלאָפן

אין שרעק? און די וועלט ענטפערט: אַז ר׳ זירא האָט מיט דעם גע־געבן מוסר זיינע חברים פאַרוואָס זיי לאָזן איבער אַ שטאָט מיט יידן אין געפאַר און אַליין אַנטלויפן זיי. און אַלס משל האָט ער זיי געברענגט די הלכה, אַז דער כזית וועלכער קען העלפן דער גאַנצן לעבער געזונט ווערן, און פאַרדעם איז די בהמה כשר ווען עס בלייבט אַ כזית, איז נאָר ווען דער כזית געפינט זיך ממש לעבן דער גאַל. ווייל עס איז דוקא די ביטערקייט פון דער גאַל וואָס העלפט געזונט־מאַכטן די לעבער. דאָסזעלבע האָט ר׳ זירא געזאָגט צו זיינע חברים: איר אַנטלויפט ווייל עס איז ביטער? די געפאַר איז גרויס? אָבער דווקא פון דער ביטערקייט, דווקא פון דער געפאַר, קען אַרויסקומען אַ ישועה 7).

רש״י זאָגט: פאַר דעם שטייט ביי יעדער צאָל דאָס וואָרט „שנה״ צו ווייזן, אַז ביי הונדערט יאָר איז זי געווען אַזוי ריין פון זינד ווי ביי צוואַנציק און ביי צוואַנציק אַזוי אומשולדיק שיין ווי ביי זיבן, דאָס הייסט, אַז אין איר לעבן זענען נישט געווען קיינע קאָנפליקטן. דערפאַר ווען ער פסוק ענדיקט „שני חיי שרה״ נאָכוואָס? זאָגט רש״י צו ווייזן אַז אירע יאָרן זענען אויך געווען אַלע גלייך גוט. אַפילו אירע שוועריקייטן זענען ביי איר געווען פאַרעכנט פאַר גוטסקייט לויט מיר האָבן דערקלערט... כלן שוין לטובה.

ג

דאָס זעלבע זאָגט די תורה איז געווען ביי אַברהמען. „ואברהם זקן״, אַברהם איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, „בא בימים״ געקומען אין די יאָרן, „וד׳ ברך את אברהם בכל״ און ג־ט האָט געבענטשט אברהמען מיט אַלעמען. די מפרשים טייטשן פאַרשידענע פשטים אין דעם „בכל״ מיר טייטשן פשוט: ג־ט האָט אַריינגעגעבן זיין ברכה אין אַלץ וואָס אַברהם האָט געהאַט און געטאָן. לויט דעם פריער געזאָגטן מיינט דאָס, אַז אַפילו אין די שוועריקייטן וואָס אַברהם איז דורכ־געגאַנגען אין זיין לעבן, איז אויך געווען ג־טס ברכה. וואָס קען זיין

ערגער, למשל, ווי מען נעמט אַ מענטש און מען וואַרפט אים אַריין אין אַ ברענענדיקן קאלך-אויוון. וואָזשע פּאַסירט ? איז דאָרטן אין קאַלך-אויוון, אויך דאָ ג-טס ברכה און ער קומט אַרויס אַ לעבעדיקער 8) אאַז"ו, אַז מען וויל קען מען גאָר טייטשן: אַז ווען אַברהם איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן האָט אים ג-ט געבענטשט ער זאָל זיין „בכל" מיט אַלעמען, דאָס הייסט פּשוט ער זאָל זיין פולשטענדיק געזונט. וואָרום, אַז אַ מענטש איז נישט געזונט, זאָגט מען אויף אים: ער איז נישט מיט אַלעמען. אָבער וואָס מען קען באמת זאָגן איז: אַברהם איז געווען מיט אַלעמען, אין דעם זין פון טאָלעראַנץ, ער האָט יעדן געהאָלפן און יעדן פאַרשטאַנען.

דער מדרש זאָגט: „נקי כפים", זה אברהם, שנאמר אם מחוט ועד שרוך נעל. „ובר לבב", זה אברהם שנאמר „חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע". ד"מ ריינע הענט האָט געהאַט אברהם ווי עס שטייט, אַז ער האָט געזאָגט דעם מלך פון „סדום", נאָך דער מלחמה וואָס אברהם האָט געפירט מיט זיי, צו באַפרייען לוטן „איך וויל פון דיר גאָר נישט, אַפילו נישט קיין פאָדעם אָדער שיך-בענדל. אַ ריינע האַרץ האָט געהאַט אברהם ווי עס שטייט: ער זאָגט צו ג-ט: „פאַרמיטן זאָל זיין פון דיר צו הרגענען דעם צדיק צוזאַמען מיטן רשע". זאָגט ווידער דער „ילקוט יהודה": געוויינטלעך אַ פרומער איז מקטרג אויף די פרייע און אומגלויביקע, וואָס מיט דעם איז „יצא שכרו בהפסדו", פאַרלירט ער אויך פון זיין צדקות. אָבער אברהם איז נישט אַזוי געווען, כאָטש ער אַליין איז געווען דער גרעסטער „נקי כפים" און דער ערלעכסטער „בר לבב" אָבער ווען ג-ט זאָגט אים. אַז ער גייט פאַרניכטן „סדום" און „עמורה" ווייל זיי זענען פונקט דער היפך, זאָגט נישט אברהם: גוט ג-ט ! אַ מצווה אויף זיי ! מען דאַרף זיין באַשטראָפן! ניין ער שטייט און בעט זיך ביי ג-ט זיי צו לאָזן לעבן כאָטש זיי זענען „רעים וחטאים" ווייל אפשר איז אויך אין זייער שלעכטסקייט, פאַראַן עפּעס גוטעס . . . פאַרשטייט זיך ווען ג-ט איבערצייגט אים, אַז דאָרטן אין „סדום" איז אַלעס פאַרפוילט,

אַלעם פֿאַרדאַרבן און עס איז גאַרנישט איבערגעבליבן קײן שום גוטס, מוז ער אָנעמען דעם משפּט פֿון ג-ט און שװײַגן. אָבער בכלל איז אברהם געװען „בכל" מיט אַלעמען און פֿאַר אַלעמען.

---

1) בר", נ"ח.
2) ע"ז י' סנהדרין צ"א.
3) בראשית י"ג, ג'.
4) בראשית ל"א.
5) ברכות נ"ד.
6) חגיגה ט"ו.
7) חולין מ"ו.
8) פרקי דר"א פ' כ"ו.

תולדות

פאַרפירטע עלטערן

„ויתרוצצו הבנים בקרבה" (בראשית כ״ה, כ״ג).
„ויחרד יצחק חרדה גדולה עד. מאד" (בראשית כ״ז ל״ג).

א

„תולדות", די היינטיקע סדרה, איז אַזוי ניי היינט-צו-טאָג פונקט ווי זי איז געווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען משה רבינו האָט זי באַקומען פון ג-ט „תולדות, איז דער געשפּרעך פון טאָג. די טעמע גייט נישט אַראָפּ פון דעם סדר היום. די זאָרג „וואָס וועט ווערן פון אונ-דזערע קינדער? איז היינט, מער ווי ווען פריער אין דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס לאָזט אונדז נישט רוען. כמעט אַלע שרייבער פון די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, אַלע מחנכים און בכלל אַלע „קולטור-מענטשן", הערן נישט אויף אַרויסצווייזן זייער טיפע זאָרג. געוויסע זענען גרייט צו געבן פאַרשפּעטיקטע עצות, אַפילו, ווי אַזוי צוריקצוהאַלטן דעם שנעלן גאַלאָפּ, באַרג-אַראָפּ פון אונדזער יידיש-אומדערצויגענער יוגנט וועלכע הויבן אָן צו גיין אויף פרעמדע וועגן, „אשר לא ידעו אבותינו". ווילן מיר, נאַטירלעך, נישט זיין פון די וועלכע שרייען „אַי טאָלד יו סאָ", מיר האָבן אייך געוואָרנט... מיר ווילן אויך נישט זאָגן צו די וועלכע פאַרגיסן היינט „קראָקאָדיל טרערן" אויף דעם שוידערלעכן מצב און אויף דער פוסטקייט וואָס האָט אַרומגענומער דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע קינדער: ווער איז שולדיק אויב נישט איר? ווער האָט צעשטערט דעם יידישן

שבת און דעם יידישן יום טוב ? ווער האָט אַרויסגעריסן כשרות פון די יידישע היימען ? ווער האָט בכלל געוויזן דעם אַנטי-טראַדיציאָנעלן וועג אויב נישט אייערע „קולטור-פאַרשטייער" ? און מיר וואָלטן אויך געקענט צוגעבן: ווען איר פרעגט היינט „וווהין גייט די יידישע יוגנט? איז דאָ בלויז איין ענטפער: אויף דעם וועג וואוהין איר האָט זיי געפירט... אָבער מיר ווילן דאָס נישט טאָן. ערש-טנס איז נישט קיין קונץ צו שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן און צוויי-טנס, ווייל עס באַשטייט די געפאַר, אַז מען וועט אונדז ענטפערן, און מיט רעכט: און איר ? איר אָרטאָדאָקסישע רבנים און בכלל אָרטאָדאָקסישע יידן, איר זענט אומשולדיק ? וואָס אָט איר געטאָן פאַר די גרויסע מאַסן יידישע יוגנטלעכע פון צווייטן און דריטן דור ? איר זענט ריין פון זינד ? „טול קורה מבין עיניך" ! . . . לוינט זיך דעריבער נישט דער עסק אָבער פאַרשטיין מוזן מיר און לערנען פון דער לעקציע אוודאי און פראָבירן צוזאַמען ראַטעווען וויפל מעגלעך. וואָרום אַלע גלויבן מיר אַז „נצח ישראל לא ישקר" און ווי יאושדיק עס זאָל נישט אויסקוקן האָבן מיר יידן, קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט אין אָפּהענטיקייט. מיר זענען מאמינים, אַז „אין לך דבר העומד בפני הרצון" און מיר זענען פעסט איבערצייגט, אַז ס'איז דאָ אַ שטאַרקער רצון, ביי אַלעמען, חוזר בתשובה צו זיין, וויייניקסטנס אין דעם פּרט . . . ווייל מיר זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, ווי רש"י דריקט זיך אויס: „יעקב ועשו האמורים בפרשה". מיר שטייען, הייסט דאָס, אין פרינציפּיעלן קאַמף צו זאָלן אונדזערע קינדער ווערן עשום אָדער בלייבן יעקבס . . .

טאָ לאָמיר זען וואָס דערציילט אונדז די פרשה: צוויי יינגלעך — אַ צווילינג — זיינען געבאָרן געוואָרן ביי יצחקן און רבקהן. איינער פון זיי האָט געהייסן עשו און דער צווייטער יעקב. די פרשה גיט איבער וועגן דעם „ויתרוצצו" צווישן די צוויי ברידער וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך ביי דער מוטער אין בויך און די תורה זעצט פאָר צו אינפאָרמירן אונדז, געני וועגן דעם מהות פון די צוויי קינדער. און אָט האָבן מיר אַ קאַטעגאָרישע אָפּשאַצונג: „ויגדלו

הנערים, ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה ויעקב איש תם יושב אהלים". די יינגלעך זענען אויפגעוואַקסן און זייער כאַראַקטער האָט זיך בולט אויסגעשיילט: עשו איז געוואָרן אַ יעגער (פון מענטשן און חיות) אַ פעלד-מענטש און יעקב אַן ערלעכער מענטש, אַ היים-זיצער. דער „ויתרוצצו" ווערט פאַרגעזעצט מיט דער גאַנצער קראַפט אין טאַטעס מאַמעס הויז. עס ווערט רייף דער קאַמף, פון „מי בראש"? ווער זאָל איבערנעמען די גייסטיקע ירושה פון דעם זיידן אַברהם און טאַטן יצחק? זאָל עס זיין עשו, מיט זיין נייעם דרך און מאָדערנעם צוגאַנג צו רעליגיע? דער דרך פון „איך מעשרין את התבן ואת המלח"? דאָס מיינט, פירן מעג מען זיך ווי אַן עשו... „ויאכל וישת" מען עסט און מען טרינקט, וואָס מען וויל „ויקם וילך" מען לויפט אַרום ווי מען וויל . . . זיין דאַרף מען אַ „יודע ציד", איינער וואָס ווייסט ווי אַלץ צו פאַרכאַפּן . . . אַן „איש שדה" אַ פעלד-מענטש בעסער געזאָגט אַ ספּאָרטס-מענטש . . . מיט אַן אייגענעם צענטער... און רעליגיע איז מען יוצא מיט אַ מינימאַלע קוואָטע פאַר יידישע צוועקן וואָס עס איז גענוג אויף זאָלץ און שטרוי? אָדער זאָל יעקב דער „איש תם", דער גייסטיקער זשעני (רמב"ן) דער „יושב אהלים" (אהלי של תורה) זיין דער ממלא מקום וועלכער זאָל איבערנעמען אברהמס גמילות חסדים, יצחקס עבודה און זיי פאַראייניקן צוזאַמען מיט זיין תורה, וואָס ער האָט געלערנט פון „שם ועבר" און ער זאָל בלייבן דער פאַנען טרעגער פון דעם ד' אחד? . . . און מערק-ווירדיק: „די „עולה תמימה", דער נאַיווער יצחק, האָט אַ צייט לאַנג געלאָזט זיך פאַרפירן פון דעם כיטרען עשו און זיינע שמד-שטיק און נישט קיין וונדער: יצחק איז אויפגעוואַקסן אין אַ גייסטיקער היים, וו מען האָט נישט געוווסט פון קיינע שווינדלערייען און פאַלשקייטן. שרה און אַברהם האָבן יצחקן דערצויגן מיט די העכסטע מידות פון ערלעכקייט און אָנשטענדיקייט און ווען עשו, וועלכער האָט גוט געקענט די מלאכה פון חניפה און אָפּנאַרעריי (כי ציד בפיו) האָט יצחקן איינגערעדט, אַז ער, דער „בנו הגדול" איז דער באַרופענער איבערצונעמען זיין, יצחקס מיסיע, האָט ער מסכים געווען . . . צום

גליק אָבער, איז די מאַמע רבקה אויפגעוואַקסן אין אַ היים פון אַ בתואל און אַ לבן, אין אַ היים פון ליגן און באַטרוג, פון שווינדל און פאַלשקייט, האָט זי גלייך דערזען, אַז איר עשוקע קומט פון דעם זעלבן חדר. און דאָ איז איר זייער גוט צונוץ געקומען „לבנס טעכניק" מיט וועלכער עס איר געלונגען צו פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געדראָט צונישט צו מאַכן די אַנטשטייאונג פון אַ יידיש פאָלק אויף די יסודות פון תורת משה . . . צו שטייען מיר נישט פאַר דער־זעלבער דילעמע ? . . . צו זאָלן מיר לאָזן אונדזערע קינדער „פאַרע־שוט" ווערן און זאָגן, ווי אַ סך זאָגן „בעסער ווי גאַרנישט", אָדער זאָלן מיר, איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו דער זעלבסטנאַ־רעריי און אויסשרייען: גענוג, מיר אַנערקענען, אַז מיר זענען פאַר־פירט געוואָרן !!

ב

און כדי צו פאַרשטיין וואָס האָט סוף כל סוף געבראַכט דעם טאַטן יצחק צו אַנערקענען זיין טעות, ברענגען מיר דאָ שיינעם מאמר חז"ל וואָס גיט אונדז אַ טיפן אַריינבליק אין יצחקס נשמה און אפשר קענען מיר פון דעם אויך עפּעס לערנען . . .

ווען עשו איז אַריינגעקומען צו יצחקן נעמען די ברכות, נאָכדעם ווי יצחק האָט שוין געהאַט געבענטשט יעקבן, שטייט „ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאד" און יצחק האָט אויפגעציטערט אַ ביז גאָר גרויסן, ציטער. זאָגט אויף דעם דער מדרש „שתי חרדות חרד יצחק. אחד כשנעקד על גבי המזבח ואחד כאן ואיני יודע איזה מהן יותר גדולה ? כיון דכתיב כאן חרדה גדולה עד מאד הוי אומר שזו יותר גדולה — מחמת שראה גהינם פתוחה מתחתיו של עשו" 1) ד"ה, צוויי מאָל אין זיין לעבן האָט יצחק שטאַרק אויפגעציטערט. איינמאָל ווען אַברהם האָט אים געבונדן אויפן מזבח און איינמאָל דאָ. און ווייל דאָ שטייט, אַז יצחק האָט געציטערט גאָר אַ גרויסן ציטער. איז אַ ראיה אַז דער ציטער ביי עשון איז געווען גרעסער ווי דער ציטער פון דער עקדה, ווייל דאָ האָט יצחק דערזען ווי דאָס גהינום האָט זיך געעפנט אונטער עשון. צו פאַרשטיין וואָס דער מדרש וויל

דאָ זאָגן מוזן מיר אָנפאַנגען פון אַביסל פריער און פרעגן: ווי קומט עס וואָס ג־ט האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו ריידן אויך צו יצחקן, ער זאָל זיך מקריב זיין אויפן מזבח פאַר אים ? נאָר ער האָט גערעדט בלויז צו אַברהמן ? נאָך אַלעמען איז דאָך יצחק שוין נישט געווען קיין קינד, נאָר אַ דערוואַקסענער מאַן פון זיבן און דרייסיק יאָר, טאָ ווי זאָגט עפּעס ג־ט „קח נא את בנך", נעם דיין זון „והעליהו שם לעולה", און ברענג אים דאַרטן פאַר אַ קרבן. און וואָס וועט זיין, אַז דער זון וועט זיך נישט לאָזן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד ? . . . מוז מען זאָגן, אַז כביכל האָט אַזאַ געפאַר לחלוטין נישט פאַרויסגעזען, ווייל יצחק האָט זיין פאָטער אַברהם ממש פאַרגעטערט און די ליבע, דרך ארץ און אָפּשיי וואָס אַברהם האָט געהאַט פאַר ג־ט אַליין, כמעט נישט וויניקער, האָט יצחק געהאַט פאַר אַברהמן. (און ג־ט איז פאַר דעם נישט ברוגז געווען. אדרבא. ר' שמעון בן יוחאי זאָגט, אַז ג־ט האָט געשטעלט די מצוה פון כיבוד אב ואם גרעסער פון זיין אייגענעם כבוד. 2) במילא אויב ג־ט איז געווען זיכער, אַז אַברהם וועט אים אויספאָלגן אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז יצחק וועט אַברהמן אויספאָלגן ס'איז אָבער אויך נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז ווי גרייט יצחק זאָל נישט האָבן געווען אויסצופאָלגן דעם טאַטנס רצון, איז זיכער אַ שטאַרקער ציטער אַדורך דורך זיין לייב, בשעת ער האָט געשטרעקט דעם האלדז צו דער שחיטה. אָבער דער ציטער איז געווען אַ דערוואַרטער און ממילא אַ קאָנטראָלירטער. אַנדערש אָבער איז געווען דער ציטער פון יצחקן ביי עשון. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט עשו געהאַט זיין פאָטער יצחק, אינגאַנצן אונטער זיין איינפלוס. יצחק איז געווען איבערצייגט, אַז ער, עשו איז דער אידעאַלער זון, צו ג־ט און צו לייט... יעקב ווידער איז געשטאַנען אין הינטערגרונט און אפשר גאָר האָט ער אים באַטראַכט ווי אַ ביסל אַ צוריקגעשטאַנענעם, אַ נישט אינגאַנצן דערבאַקענעם, ווי מען זאָגט, אַ תם, אַ יושב אהל, מיט איין וואָרט אַ בטלן. און נישט אומזיסט זאָגט דער פסוק אויף יצחקן „ותכהין עינין מראות" יצחק האָט נישט געזען, ווייל זיינע אויגן זענען געווען טונקעלע. 3) דער „בעל הטורים" און

דער „דעת זקנים בעלי התוספות״, זאָגן אָפן קלאָר: פאַרוואָס איז יצחקס ראיה טונקל געוואָרן? ווייל, זאָגן זיי, ער האָט זיך געלאָזט אונטערקויפן פון עשון. מיט דעם „ציד בפיו״... האָט אים עשו משחד געווען און די שטראָף פון נעמען שוחד, איז קלאָר אָוועקגעשטעלט אין דער תורה, „כי השוחד יעור עיני חכמים״. דער וועלכער לאָזט זיך אונטערקויפן איז זיין שטראָף בלינדקייט . . . אין אַנדערע ווערטער, יצחק האָט נישט געזען דעם אמת. יצחק, איז זיין גאַנצן לעבן געווען אונטער אַ פאַלשן איינדרוק, אַז עשו איז דער „בחיר״, דער אויסדערוויילטער נישט יעקב. ווען יעקב איז אַריינגעקומען, פאַרשטעלט פאַר עשון, זאָגט דער פסוק „וירח את ריח בגדיו ויברכהו״. ער האָט דערשמעקט דעם ווונדערבאַרן ריח און ער האָט אים געבענטשט. פרעגט רש״י א ווונדערבאַרער ריח ? אַ ציגן פעלעכל, מיט וועלכן יעקב האָט זיך פאַרשטעלט אַלס עשו האָט דאָך אַ שרעקלעך שלעכטן ריח ? איז אַ ראיה, אַז דער ריח פון דעם גן עדן, איז מיט אים אַריינגעקומען, און ביי יצחקן איז אויסגעקומען „ריח שדה״, אַז דער ריח פון דעם „איש שדה״ איז „אשר ברכו ד׳״ ווייל ג־ט אַליין האָט אים געבענטשט . . . און עשו איז ווידער געשטיגן אין זיינע אויגן . . . אָבער ווען דער ריכטיקער עשו איז אַריינגעקומען מיט זיין מגושמדיקן „יקום אבי״ זאָל דער טאַטע אויפשטיין . . . 4) און ווען יצחק פרעגט אים, „מי אתה״ ?, ווער ביזטו ? און ער ענטפערט: „איך בין דיין בכור עשו״, איז דעריבער וואָס פריער ביי יעקבן האָט ער דערשמעקט דעם ריח פון גן עדן, איז פלוצלונג אויף יצחקן אָנגעקומען אַ שרעקלעכע „חרדה״, אַ שרעקלעכע מורא און ציטער. „ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאד״, ממש וואָס דער גהינם האָט זיך אונטער אים געעפנט . . . ווי קען דאָס זיין ? ציטערט, יצחק אויב דאָס איז עשו ? איז דאָך יענער געווען יעקב און אויב יענער איז יעקב, און מיט אים איז מיט געקומען דער גן עדן, און נישט מיט עשון האָב איך דאָך אַלע מיינע יאָרן געלעבט אין אַ ביטערן אומגליקלעכן טעות ! און ווער איז שולדיק ? איך אַליין ווייל איך בין נישט אַזוי ווי מיין טאַטע אַברהם איז געווען. ער איז געווען אַן אמתער טאַטע צו

מיר פאַר וועמען איך בין געווען גרייט זיך מקריב צו זיין, אָבער איך? ווי בלינד בין איך געווען צו לעבן אונטער אַזאַ פאַלשער אילוזיע, אַז עשו איז ווערט די ברכה און נישט יעקב . . .

ג

צו לעבן נישט טויזנטער יידן, היינט צו טאָג, אונטער דעמזעלבן ביטערן טעות? צו זענען מיר נישט בלינד צו די פאַקטן, אַז אויב מיר ווילן זיך ווייטער אַזוי לאָזן פאַרפירן, שטייט אין קאָן נישט נאָר אונדזער תורה, נישט נאָר אונדזער רעליגיע, נאָר אונדזערן יידיש לעבן בכלל און מדינת ישראל בפרט, ווייל „אוריתא, קודשא בריך הוא וישראל חד הוא”. ג־ט די תורה און דאָס פאָלק און לאַנד ישראל, איז איינס און דאָסזעלבע, איין איינקייט וועלכע קען בשום אופן נישט צוטיילט ווערן . . . מען קען נישט זיין קיין יעקב און קיין עשו אינדערזעלבער צייט, „כשזה קם זה נופל” זאָגן די חז"ל. אמת, מיר קענען זאָגן „אם בארזים נפלה שלהבת מה יאמרו אזובי קיר”? אויב יצחק אבינו האָט געקענט מאַכן אַ טעות און אָנערקענען עשון, טאָ וואָס איז דער וונדער, אַז מיר טוען דאָס? איז דער ענטפער: יצחק אבינו, ווען ער איז איבערצייגט געוואָרן אין זיין פאַטאַלן טעות, האָט ער אויפגעציטערט פון שרעק און מורא און האָט אָנגעהויבן צו זאָרגן פאַר יעקבן, אים אוועקגעשיקט, צו ראַטעווען אים פון עשון . . . אָבער צו לעבן מיר דורך אַן ענלעכן ציטער? צו טוען מיר געגנוג צו פאַרזיכערן, אַז יעקב זאָל בלייבן לעבן און נישט אומקומען פון דער עשו־טעאָלאָגישער טעאָריע? . . . כדאי צו פאַרטראַכטן זיך . . .

אויפן פריער דערמאָנטן פסוק: וירח את ריח בגדיו — זאָגט דער מדרש: ריח בוגדיו. (ער האָט דערפילט דעם ריח פון זיינע פאַרעטער). זאָגט דער ייטיב לב: דאָס איז די טייטש פון די ווייטערדיקע ווערטער: „ראה ריח בני כריח השדה” — דאָס יידישע קינד איז ענלעך צום פעלד, צו דער ערד. פונקט ווי בנוגע דער ערד איז אָנגענומען על פי הלכה, אַז „אין אונאה לקרקעות”, אַז מיט ערד נאַרט מען זיך נישט

אָפּ. אויב עס איז איצט נישט ווערט וועט עס ווערט זיין שפּעטער, אזוי איז אויך מיט די יידישע קינדער: אויב אפילו אין דעם איצטיקן מאָמענט זענען זיי נישט אזוי אי־אי־אי ... דאַרף מען זיך נישט מייאש זיין און האָפן, אז זיי וועלן שפּעטער בעסער ווערן, וואָרום „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא"... דאָס איז אונדזער טרייסט ...

---

1) מדרש תנחומה תולדות.
2) ירושלמי קדושין פ"א.
3) בראשית כ"ז א'.
4) רש"י.

ויצא

ישראל קום אַהיים!

„ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה",
„ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש (בראשית כ"ח י' י"א)
„ויחלום והנה סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה ומלא־
כי אלוקים עולים ויורדים בו" (בראשית כ"ח י"ב).

א

חומש מיט רש"י פלעגט זיין דער לימוד פון קינדער פון 6-5 יאָר און אויף וויפל איינער פון אונדז געדענקט דאָס, איז עס פון יענע יאָרן. וואָרום ווען מיר זענען אַביסל עלטער געוואָרן האָבן די העכערע לימודים פאַרנומען די מערסטע צייט. אַצינד, שרייבנדיק די סדרה קוקן מיר דוקא צוריק צו יענע יאָרן, ווען אַלס ריינע, אומשולדיקע קינדער, מיר האָבן געלערנט די סדרהס האָבן מיר ממש מיטגעלעבט מיט אַלע העלדן פון אונדזער פאָלק און מיר זענען געוואָרן אַ טייל פון זיי. אַ טיפן מיטגעפיל האָט ביי אונדז אַרויסגערופן דער „ויצא יעקב". יעקב, דער קלענערער, דער שוואַכערער, איז געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון דער היים צוליב מורא פאַר עשון. און פאַר אונדזערע אויגן דערשיינט יעקב אין זיין גאַנצער עלנטקייט און איינזאַמקייט פון אַ קינד מיט אַ פעקל אויף די פּלייצעס, וואָס לויפט אין דער וועלט־אַריין, פון „באר שבע" וווּ יעדער האָט אים געקענט און ער האָט אַלעמען געקענט, פון אַ וואַרעמער „טאַטע מאַמע־היים", וווּ ער איז געהיט געוואָרן, ספּעציעל פון דער טרייער מאַמע, ווי דאָס אויג אין

קאָפּ און ער מוז אָנהייבן וואַנדערן אויף שטעגן און וועגן, וועלדער און פעלדער פון אַ קאַלטער וועלט פול מיט געפאַרן פון אַלע מינים באַשעפענישן, מענטשלעכע און אוממענטשלעכע, וואָס לויערן אויף זיין גוף און אויף זיין נשמה. און אַ גרויס רחמנות נעמט אונדז אַרום אויף דעם ליבן און טייערן יעקב וואָס ווערט ברוטאַל פאַרפאָלגט פון אַן אייגענעם ברודער.... „ויפגע במקום וילן שם... ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו”. ענדלעך קומט יעקב אָן אויף אַן אָרט און וויל איבערנעכטיקן אָבער מער ווי אַ שטיין צוקאָפּנס האָט ער נישט. „וישכב במקום ההוא”. און יעקבן ווערט נעבעך זייער אומעטיק. אים איז זייער טרויעריק אויפן האַרצן... ער איז זייער צוגעלייגט...

פלוצלונג אָבער בייט זיך דאָס בילד. יעקב איז זייער אויסגע־מאַטערט, ווערט ער אַנטשלאָפן. „ויחלום והנה סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה”. און יעקב חלומט דעם גרויסן יידישן חלום, אַז ער, יעקב איז דער לייטער פון דער וועלט וואָס פאַרבינדט די ערד מיטן הימל. „והנה מלאכי אלוקים עולים ויורדים”. און אַלע גרויסע און קליינע שליחותן פון דער ג־טהייט ווערן אַרויפגעלייגט אויף אים . . . און דאָ וואַקסט יעקב אויס פאַר אונדזערע אויגן, פון אַ פאַרפאָלגט וואַנדערנדיק קינד צו אַ גרויסן שליח פון ג־ט וואָס זאָגט צו אים: יעקב! וואָס שטאַרקער דו וועסט זיך פאַרפעסטיקן אויף דער ערד, אַלץ העכער וועסטו גרייכן אין די הימלען . . . ווייל, „הארץ אשר אתה שוכב עליה”. די וועלט וועגן וועלכער דו ביזט אָט ערשט געוווען אַזוי טרויעריק, „לך אתננה ולזרעך” זי וועט זיין דיין און דיינע קינדערס און כאָטש „והיה זרעך כעפר הארץ”, דיינע קינדער וועלן אָפּט זיין ווי דער שטויב פון דער ערד, וואָס יעדער טרעט אויף אים, פונדעסטוועגן „ופרצת” וועסטו זיין שטאַרק. „ימה וקדמה צפונה ונגבה”. דו וועסט זיך געפינען אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט און אומעטום וועט מען זיך רעכענען מיט דיר . . . (ספורנו).

און אַזוי פאַנגט זיך אָן די צווייטע פרשה פון דער היינטיקער סדרה: וישא יעקב את רגליו. 1) יעקב האָט אויפגעהויבן זיינע פיס,

וואָרום פאַר אַ יידן איז נישט גענוג צו האָבן אַ דערהויבענעם קאָפּ, וואָס זאָל זיין „מגיע השמימה״ . . . נאָר אַ ייד מוז אויך קענען „דערהויבן״ זיינע פיס, וועלכע מוזן פירן קיין מזרח, מערב, צפון און דרום, בכדי צו זיין אויך אַ „מוצב ארצה״. און פון יעקבס ערשטן וועג, לערנען מיר די שוועריקייטן וואָס זענען שטענדיק אויסגעשטאַנען יעקבס קינדער אין זייערע לאַנגע, היסטאָרישע וואַנדערונגען . . .

ב

יעקבס אויפנטהאַלט „אין מדינת לבן״ האָט פאַראורזאַכט אַ כסדרדיקן קאַמף אין זיין נשמה. די גייסטיק-עטישע ווערטן געירשנט ביי טאַטע-מאַמע, האָבן זיך כסדר צוזאַמענגעשטויסן אין באַגעגעניש מיט די אוממאָראַלישע מעטאָדן פון לבנס מאַטעריאַליסטיש געזינדל. די יצחק-רבקה גראַוויטאַציע, האָט יעקבן געהאַלטן געאַנקערט צו זיין הייליקער „מסורה״, אָבער צייטנווייז האָבן אויך די לבנשע אַטראַקציעס שטאַרק געצויגן און געדראָט אַפילו אים אָפּצורייסן פון זיין אָנגענומענער שיטה . . . פאַקטיש איז יעקבס דערפאַרונג אין דער לבן-אומגעבונג אַ שפיגל אין וועלכן פיל פון אונדז קענען דערזען זייער אייגענע רעפלעקציע . . .

נאָך דעם ערשטן גרויסן חלום, האָט יעקב געהאַט שפּעטער נאָך צוויי וויזיעס וועגן וועלכע מיר לייענען אין דער היינטיקער סדרה און זיי לייגן-אויס פאַר אונדז אַ סך פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע יידן ראַנגלען זיך ביזן היינטיקן טאָג.

„ויהי בעת יחם הצאן ואשא עיני וארא בחלום והנה העתודים העולים על הצאן נקודים וברודים״. 2) און ס׳איז געווען אין דער צייט פון דער דערוואַרעמונג פו די שאָף ווען איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און געזען אין חלום ווי אַלע מאַסקולינישע-ציגן וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף די שאָף זענען געווען געפּלעקטע און געפינטלטע.

דער חלום האָט באַצייכנט יעקבס מאַקסימאַלע איינוויקלונגען אין די וועלטלעך-עקאָנאָמישע אינטערעסן, אַרויפגעצוואונגען אויף אים,

ביי לבנס אינטריגעס. פריש פון דעם „אהל של תורה", באַהויכט מיט אַן אַקאַדעמישער רואיקייט פון די העכסטע „תורה אינסטאַנצן" פון שם ועבר, איז יעקב, מיטאַמאָל, אַריינגעצויגן געוואָרן, אין דער נעץ און אין דעם געווירבל פון געשעפטלעכער קאָנקורענץ מיט זיין אומערלעכן שווער. יעקב, דאָס גמרא-קעפּל, ווערט אַ פאַסטוך פאַר־עקסעלענץ, ווי מען זאָגט, און באַווייזט צו פּראָפּיטירן מער ווי די געוויינגעכע פּראָפּאָרץ. אין אַ קורצער צייט דערזעען מיר יעקבן אין דער ראָלע פון אַ ריזיקן מאַגנאַט וועלכער פאַרמאָגט גרויסע סטאַדעס מיט שאָף, קנעכט און דינסטן, קעמלען און אייזלען, און דורך זיין אַמביציעזער קאָנצענטראַציע איבערשטייגט ער שנעל דעם איינגעזעסענעם אַלטן גוט-באַזיצער לבן און באַזיגט אים אין זיין אייגענעם שפּיל, אַזוי צו זאָגן. דער טרוימער פון געטלעכקייט, דער זיידענער פרומער יונגערמאַנטשיק איז גאָר געוואָרן באַרימט אַלס דער עקספּערט, שאָף-צוכטער, וועלכער האָט מיט געוואַלטיקן ענ־טוזיאַזם באַוויזן אַנצוזאַמלען פאַנטאַסטישע פאַרמעגנס און פון זיין חלום איז געוואָרן אַ וואָר . . . דאָס רופט אַרויס די קנאה פון זיינע שוואָגערס און מיר דערהערן, שוין צום צווייטן מאָל (דאָס ערשטע מאָל ביי יצחן, „לך מעמנו כי עצמת ממנו"...) דעם „פּזמון" „לקח יעקב את כל אשר לאבינו", יעקב דער שאַכער-מאַכער האָט פאַרנומען אַלץ וואָס עס איז אונדזערס . . . און מען דאַרף עפּעס טאָן וועגן דעם... אָבער פּונקט אַזוי אומגעריכט, ווערט יעקבס „געלט-חלום" איבערגעריסן און אַ נייער גייסטיקער חלום פאַרנעמט זיין פּלאַץ. יעקב חלומט ווי ג-ט באַווייזט זיך צו אים און זאָגט: „אנכי האל בית אל אשר משחת לי שם מצבה, אשר נדרת לי שם נדר, עתה קום צא מן הארץ הזאת ושוב אל ארץ מולדתך". 3) איך בין דער ג-ט פון בית אל וווּ דו האָסט געזאַלבט אַ מצבה און האָסט געטאָן אַ נדר צו מיר . . . איצט קום גיי אַרויס פון דעם לאַנד און קער זיך אום צו דיין געבורטס-אָרט. אינמיטן פון מאַטעריאַליסטישע דערפּאָלגן, וועלכע האָבן געדראָט איינצושלינגען אים, האָט יעקב דערהערט די אינער־לעכע שטים פון ג-ט: יעקב! געגוג! צופיל ביזטו שוין פאַרוויקלט

געוואָרן אין די ערדישע אינטערעסן! גענוג שאָף, גענוג אייזלען און קעמלען, דינסטן און קנעכט, נישט דאָס אַליין יעקב, איז דיין תכלית... קער זיך אום אַהיים... אַהיים צו דיין לאַנד און דיין תורה! זיי מקיים דיין נדר צו ג־ט איידער דו בלייבסט מיט גאָרנישט, נישט מיט דיין געלט, נישט מיט דיין לאַנד און נישט מיט דיי ג־ט... (וויפל יידן האָבן געהערט די אינערלעכע שטים פון זייער געוויסן און זיך געמאַכט נישט הערנדיק?...) און יעקב קערט זיך אום צוריק צו זיין אָריגינעלן ערשטן חלום, דער חלום פון דעם סולם... דער חלום ווערט אויסגעטייטשט, פון אונדזערע מפרשים אויף פאַרשידענע אופנים. מיר האָבן פּלאַץ צו ברענגען בלויז איין אינטערעסאַנטן קאָמענטאַר וואָס געהערט צו אונדזער ענין.

ג

„אמר רבי אליעזר בשם ר׳ יוסי בן זמרה, הסולם הזה עומד בבאר שבע ואמצע שיפועו מגיע כנגד בית המקדש וראשו בבית אל״4).

דער לייטער, זאָגט דער מדרש, איז געשטאַנען אין „באר שבע״, זיין מיטן, האָט דערגרייכט דעם „מקום המקדש״ און זיין שפּיץ (קאָפּ) איז געווען אין בית אל... וואָס פאַרא לעקציע האָבן די בעלי מדרש אונדז דאָס אונטערגעטראָגן?... און וואָס האָט רש״יִ, דעם גרעסטן פּשטן, געבראַכט צו ציטירן דעם מדרש? וואָס איז די נפקא מינה פאַר אונדז צו וויסן די גענויע פּאָזיציע פון דעם געחלומטן לייטער? נאָר דאָס אויבן געזאָגטע, גלייבן מיר, וואַרפט אַ ליכט־שיין אויף דעם מאמר חז״ל.

יעקב, ווי געזאָגט, האָט געחלומט זיין פאָלקס־חלום. און ווען אַ ייד נעמט דעם שטעקן אין דער האַנט, גייט זוכן און טרעפט אַ ניי לאַנד, איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר אים צו זאָרגן, קודם כל, פאַר זיין טאָג־טעגלעך אויסקומעניש. אַ ניי לאַנד, אַ נייע שפּראַך, נייע מנהגים איז דאָך די ערשטע זאָרג „מה נאכל״? ווי אַזוי קען מען זיך דערהאַלטן? איז כאָטש אַ ייד קומט, געוויינלעך, מיט אַ יידישן באַגאַזש פון טאַטע־מאַמעס היים, פון חדר און בית המדרש, די תורה,

מצות און אידעאַלן זענען נאָך וואָרעם אין זיין האַרצן . . . אָבער צו אַלעם ערשטן איז ער געצוואונגען צו זוכן חיונה און ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אין אַנדערע ווערטער ער מוז גרינדן אַ „באר שבע" אַן אייגענעם „אשל", אַ באַזע, פאַר זיין פיזישער עקזיסטענץ און פון דאָרטן וועט ער שפּינען זיינע ווייטערדיקע חלומות. קודם זאָרגט ער, הייסט עס, פאַרן „מוצב ארצה" פאַרן ערדיש-פיזישן מצב און שטעלט זיך מיט ביידע פיס אין באר שבע, אַזוי שנעל, טראַכט ער ווי ער וועט האָבן געלייזט „דאגת פרנסה" וועט ער זיך פאַרנעמען מיט העכערע אידעאַלן און מיט גייסטיקע הצטרכותן. ליידער פאַסירט אָבער, אין אַ סך פאַלן, אַז מען ווערט אַזוי פאַרטיפט אין „ארצה" אין מאַכן געלט און פאַרמעגנס, אַז מען פאַרבלייבט אַן אייביקער גייסטיקער „יורד" און מען דערגרייכט ניט „עולה" צו זיין אויפן ערשטן טרעפּל פון דעם גייסטיקן לייטער. זאָגן אונדז די חז"ל דעריבער, אַז די פּאָזיציע פון יעקבס לייטער איז געווען ווי פאָלגט. די פיס פון דעם לייטער זענען טאַקע געשטאַנען אין באר-שבע דער מקום פרנסה, אָבער „אמצע שיפועו" די מיט פון זיין „שפּע", דאָס הייסט דער עיקר פון זיין שטרעבן, איז געווען געווענדט „כנגד בית המקדש" וואָס איז געווען געבויט אויפן „הר המוריה", דער סימבאָל פון יידישער גרייטקייט פאַר קרבנות אויפן מזבח פון זיין אמונה און עקזיסטענץ אַלס ייד . . . און דאָס קען נאָר פאַסירן ווען „ראשו בבית אל", ווען דער יידישער קאָפּ זאָל זיין „ג-טס הויז" ווען דער יידישער קאָפּ איז נישט שטענדיק אָנגעבויגן צו דער ערד נאָר איז אויפגעהויבן צו די הימלען...

דער כלי יקר זאָגט: בשעת אַ ייד האָט וואָס ער באַדאַרף, „לחם לאכל ובגד ללבוש" ברויט צו עסן און אַ מלבוש אָנצוטאָן איז „והיה ד' לי לאלוקים" איז ער נאָך צוגעבונדן צו ג-ט און פירט זיך נאָך ווי עס איז יידישלעך, קוים אָבער ווערט ער געבענטשט מיט עשירות און הייבט אָן צו פירן אַ לעבן פון מותרות און לוקסוס, דעמאָלט דאַרף אַ ייד האָבן ניסים, אַז דאָס ביסל יידישקייט זאָל זיך ביי אים האַלטן...

חסידים דערציילן: אין שטעטל פּרעמישליאַן איז די מקוה געשטאַ־
נען אונטער אַ משופּעדיקן באַרג אויף וועלכן עס איז געווען זייער
געפערלעך צו גיין. פלעגן מענטשן גיין אַרום און אַרום, אויסצומיידן
די סכנה. דער רבי ר׳ מאירל פון פּרעמישליאַן אָבער, איז שטענדיק
געגאַנגען דורכן באַרג. אַפילו ווינטער אין די גרעסטע גליטשן פלעגט
ער דאָרטן אויך גיין און עס האָט קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז דעם
רבין זאָל עפּעס פּאַסירן. איינמאָל, אין אַ שווערן ווינטער־טאָג איז
ר׳ מאירל געגאַנגען, ווי שטענדיק, זיך טובל זיין און צופעליק
זענען אין שטעטל געווען צוויי רייכע יונגעלייט, שטיקלעך משכילים,
וועלכע האָבן נישט געגלייבט נישט אין דעם רבין און נישט אין
זיינע מופתים. האָבן זיי געזאָגט: אויב דער רבי קען קענען מיר
אויך און זיי האָבן זיך גענומען גיין. אָבער ווי נאָר זיי האָבן געשטעלט
עטלעכע טראָט האָבן זיי גלייך זיך אויסגעגליטשט און שטאַרק געניזקט
געוואָרן, אַז זיי האָבן אַזש געמוזט אָנקומען צו אַ דאָקטאָר ער זאָל זיי
היילן פון די ווונדן. איינער פון די יונגעלייט איז געווען אַ זון פון
דעם רבינס אַ חסיד און ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך
אָנגענומען מיט מוט, איז אַריינגעגאַנגען צום רבין און געפרעגט:
רבי ווי קומט דאָס, אַז קיינער קען נישט גיין אויף דעם וועג און איר
גייט כסדר און עס פּאַסירט אייך קיינמאָל גאָרנישט? פּאַרטייטשטו
מיין קינד, האָט דער רבי געענטפערט, אַז מען איז אָנגעקנופּט אויבן...
פאַלט מען נישט אונטן . . . און מאיר (אַזוי פלעגט ער זיך אַליין רופן)
איז אָנגעקניפּט אין הימל. דערפאַר קען ער גיין אונטן און נישט
פאַלן . . .

1) בראשית כ״ט, א׳.
2) בראשית ל״א, י׳.
3) בראשית ל״א, י״ג.
4) רש״י בשם מדרש.

וישלח א׳

גרייט צום קאַמף

„אם יבא עשו אל מחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפליטה״. (בראשית ל״ב — ט׳).

„ויותר יעקב לבדו ויאבק, איש עמו וירא כי לא יכל לו״ (בראשית ל״ב כ״ה).

„מחמס יעקב אחיך תכסך בושה״. (הפטורה עובדיה א׳ י׳).

א

פּראָפעסאָר ד״ר חיים ווייצמאַן ע״ה, דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, האָט געזאָגט: דער וועלכער זעט נישט קיינע נסים אין דעם אופן ווי מיר האָבן צוריקבאַקומען אונדזער לאַנד, דער איז נישט קיין רעאַליסט . . .

די אויגן און דאָס האַרץ פון דעם כלל ישראל, (מיט קליינע אומבאַדייטנדע אויסנאַמען אפשר) זענען די לעצטע טעג, ווידער אַמאָל געווענדעט צו מדינת ישראל אין דעם פאַרשאַרפטן קאַמף פאַר איר דאָ זיין. מיט ציטערנדיקע הערצער לייענען מיר די באַריכטן וועגן דעם געראַנגל פון ישראל מיט אירע אַראַבישע שכנים, וועלכע ווילן בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז ישראל איז געקומען צו בלייבן. פּראָוואָצירן זיי אומאויפהערלעך מיט טעראָרים־טישע אַקטן, אויף וועלכע ישראל, קענען איר ווילן, איז געצוווּנגען צו ענטפערן מיט רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן אַן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט און יעדער טייטשט זיי אויס לויט זיינע, שוין פון

פריער באַשטימטע, פאַראורטיילן. דערוויל זעט זיך נישט, פון וואַנען די ישועה זאָל קומען אויף אַן נאַטירלעכן אופן. מוזן מיר (צו אַ סך ווילן דאָס, צי נישט) ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל אָנקומען צו „ישועת ד'". און כאָטש די גמרא זאָגט: „אין סומכין על הנס" 1) און „אין בעל הנס מכיר בניסו" 2), אָבער מיר האָבן שוין אַמאָל געזאָגט: אַ נס אויף וועלכן מען אַרבעט, אויף אים מעג מען האָפן . . . און מיר יידן זענען געוווינט צו „נאַטירלעכע ניסים", ווייל דער גרעסטער טייל פון אונדזער לעבן איז געווען איין גרויסער נס, וועלכער ציט זיך נאָך פון אונדזער סאַמע אַנטשטייאונג אַלס פאָלק.

די חז"ל זאָגן: מה שאירע ליעקב אירע לבניו" 3). אַלעס וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט יעקבן האָט אויך פּאַסירט מיט זיינע קינדער. אין דער היינטיקער סדרה באַגעגענען מיר יעקבן, מאַכנדיק פּיבערדיקע פאַרבאַרייטונגען צו דער באַגעגעניש מיט זיין „שונא־ברודער" עשו. יעקב איז אַנטלאָפן פון דער היים (ישראל) צוליב עשון. נאָך צווייאוןצוואַנציק יאָר זיין אין דער פרעמד, קומט יעקב צוריק אַהיים. ער ווייסט, אַז זיין שונא האָט געשוואָרן אים צו הרגענען איז יעקב קעגן זיין ווילן געצוווּנגען צו פאַרטיידיקן זיך און איינמאָל פאַר אַלעמאָל, באַשטימען זיין סטאַטוס. דער פּסוק זאָגט: „ויירא יעקב מאד ויצר לו". יעקב האָט זייער מורא געהאַט און עס האָט אים באַנג געטאָן. טייטשט רש"י: ער האָט מורא געהאַט, עשו זאָל אים נישט הרגענען און עס האָט אים באַנג געטאָן טאָמער וועט ער אַנדערע הרגענען. יעקב האָט אין זיין לעבן קיין בלוט נישט פאַרגאָסן, האָט קיין פליג אויפן וואַנט נישט געטשעפּעט און דאָ שטייט אים פאַר אַ קאַמף וואָס קען ברענגען צו שפיכת דמים, זיינע, אָדער אַנדערע, און דאָס טוט יעקבן זייער וויי . . . כדי אַרויסצוגיין פון דער „דאָפּלטער" געפאַר, זאָגן די חז"ל: „התקין עצמו לדורון לתפילה ולמלחמה". יעקב האָט זיך געגרייט אויף דריי זאַכן: „לדורון", אונטערצוקויפן עשון מיט אַ גרויסער מתנה. יעקב האָט געקענט די מענטאַליטעט פון דעם גוי און געהאָפט, אַז אויך אין זיין פאַל וועט כאַבאַר, באַקשיש, העלפן. „לתפילה", ער איז געווען גרייט צו מאַכן

אַ פּאַטעטישע „שלום דעקלאַראַציע", אַפּעלירן פאַר יושר, גערעכ־טיקייט, און ברידערלעכקייט. און אויב דאָס אַלעס וועט נישט העלפן, „באין ברירה", איז ער געווען אַנטשלאָסן „למלחמה", צו קעמפן אַ באַפרייאונגס־קאַמף.

כדאי צו ברענגען אַן אינטערעסאַנטן פשט פון דעם ספר „הכתב והקבלה". יעקב אָבינו, זאָגט ער, איז געווען דער ערשטער „מלחמת סטראַטעג", וועלכער האָט אויסגעשטעלט זיינע קעמפער, מיט דער אויסרעכענונג פאַר אַן איבעראַשונגס־אַטאַקע. און ער טייטשט דערי־בער דעם אויבן ציטירטן פסוק, אויף דעם אופן: „אם יבא עשו אל המחנה האחת והכהו", ווען עשו וועט איבערפאַלן איין גרופּע און ער וועט וואַרפן זיין גאַנצע מאַכט זי צו שלאָגן „והיה המחנה הנשאר לפליטה" וועט די אַנדערע, די אין געהיים איבערגעלאָזענע גרופּע, קומען צו הילף (ווי עס שטייט ביי יוספן „לפליטה גדולה") און אַטאַקירן דעם שונא אין אַן איבעראַשונג־אַטאַקע . . .

יעקבס קינדער, אין אַלע דורות, אויך אין אונדזערע, האָבן זיך באַנוצט מיט דער זעלבער „יעקב טאַקטיק". טויזנטער דאָלאַרן האָבן מיר יידן געגעבן און גיבן נאָך היינט, צו די אַראַבער פאַר יעדן דונאָם באָדן וואָס מיר האָבן גענומען. די אָרעמע, אַראַבישע, פּאַלעסטינער פעלאַכן זענען ממש באַרייכערט געוואָרן פון דעם פּוסטן שטיינעריקן באָדן וואָס זיי האָבן אונדז פאַרקויפט פאַר אויפגעשרויפטע, גע־שוואָלענע פרייזן. „לתפילה". אַחוץ דעם עס האָבן יידן פאַר איין מינוט נישט אויפגעהערט מתפלל צו זיין צום רבונו של עולם, ער זאָל אונדז אומקערן צו אונדזערע גרענעצן. יידן האָבן אויך געמאָנט יושר. יידן האָבן אַפּעלירט סיי צו דער אַראַבישער, און סיי צו דער אַלגעמיי־נער אומיושרדיקער וועלט פאַר גערעכטיקייט און אַפילו פאַר רחמנות... און ווען דאָס אַלעס האָט נישט געהאָלפן, האָט דער היינטיקער יעקב באַוויזן, אַז אויב אַ מלחמה ווערט אויף אים אַרויפגעצוווּנגען, איז ער אויך אין דעם נישט קיין קלענערער ספּעץ פון עשון, ווער שמועסט פון „ישמעאלן" . . .

ב

דער אויבן ציטירטער פסוק פון דער היינטיקער הפטורה: „פון יעקבס צאָרן דאַרף זיך עשו שעמען", ברענגט דייטלעך ארויס דעם אייביקן קאָנפליקט צווישן די צוויי, וועלכער בלייבט דער „פּראָטאָ־טיפּ" פון די באַציאונגען צווישן גוטס און שלעכטס, אין דער גאַנצער וועלט פּאָליטיק. ווען מיר הערן די „עשו־אָרגאַניזאַציע", די „אָנו", טאַדלען ישראל פאַר אירע לעצטע רעפּרעסיעס אין עבר הירדן, נישט נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט דאָס יידיש־פאַרגאָסענע בלוט, מוז דער ייד אויסשרייען צו דער גאַנצער „עשודיקער" וועלט: די בושה איז אייערע !!!

עס ווערט דערציילט פון אַ פאָטער וועלכער האָט געהאַט צוויי זין, איינעם אַ שטילן און אַן איידלן מיט די בעסטע מאַנירן און איינעם, אַ ווילדן און אַ צעלאָזענעם, וועלכער האָט אַלעמען געטשעפּעט און יעדן אָנגעטאָן גרויסע צרות. איינמאָל קומט דער ווילדער בחור אַהיים מיט אַ צעדראַפּעטן פּנים און אַ צושפּאָלטענע נאָז און וויינט פאַרן פאָטער, אַז דאָס האָט אים זיין ברודער אַזוי צוממיתט. ווען דער פאָטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אים גוט אויסגעזידלט און אים נאָך צוגעלייגט אַ פּאָר גוטע קלעפּ. ווען דער בחור האָט אָנגע־הויבן שרייען, סטייטש, היתכן ? נישט גענוג מיין ברודער האָט מיך אַזוי געשלאָגן, שלאָגסטו מיך נאָך אויך ? ווו איז יושר ? ענטפערט אים זיין פאָטער גאַנץ רואיק: איך קען דיין ברודער, איך ווייס וואָס פאַראַ שטיל קינד ער איז און אויב ער האָט דיך אַזוי צומזיקט, איז אַ סימן, אַז ביזט אים שוין אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז ער האָט שוין מער נישט געקענט דולדן און דיר דערלאַנגט ווי עס קומט דיר. שעמען מעגסטו דיך !!

עס ווייזט אויס, אַז אונדזער נביא עובדיה אין דער הפטורה רעדט צו אַלע עשום אין אַלע צייטן און פּאָזיציעס. נישט קיין חילוק, צי הייסט ער „ענגלאַנד" אונטער בעווינען, וועלכע האָט אויף איר געוויסן, דאָס בלוט פון טויזנטער אומגליקלעכע יידישע פליטים, וואָס האָבן געשטראָמט צו די ברעגן פון זייער לאַנד און ענגלאַנד האָט

פֿאַרשלאָסן פֿאַר זײ די טויער. צו הײסט ער „רוסלאַנד“, װעלכע אונטער דער מאַסקע פֿון „גלײכהײט“ האָט צוגערויבט בײ אונדזערע דרײ מיליאָן ברידער זײערע עלעמענטאַרע רעכט פֿון ײדישער עקזיס־טענץ און װיל זײ אומברענגען מיט אַ גײסטיקן טויט . . . אָדער זאָל ער הײסן די פֿאַרײניקטע שטאַטן אונטער רוזװעלטן, װאָס איז געשטאַנען רואיק און צוגעקוקט װי היטלער ימח״ש פֿאַרטיליקט אַ פֿאָלק און געשװיגן. אָט צו די אַלע עשום און צו אַלע אַנדערע, שרײט דער נביא: איר משפּט יעקבן (לײען ישראל) איר האָט די חוצפּה צו טאַדלען דעם קרבן, װעלכער איז אָפּגעגאַנגען אין טײכן בלוט, פֿאַר װעלן זיך פֿאַרטײדיקן? איר? אויף װעמעס געװיסן, עס זענען אָנגע־הויפֿט צענדליקער מיליאָנען טויטע גופֿים. איר זאָגט מוסר ? װעמען יעקבן? דעם שטילן און געליטענעם יעקב? איר שעמט זיך נישט? יעקב איז נישט און איז קײנמאָל נישט געװען קײן „מלחמה־פּראָװאָ־צירער“. קענט איר זיך אפשר פֿאַרשטעלן, איר, די אַזױ־גערופֿענע פֿאַרײניקטע פֿעלקער, װיפֿל נגישות און לײדן יעקב מוז אויסשטײן ביז ער דעצידירט זיך צו געבן אַ קלאַפּ ? און דער גרויסער גענעראַל־סעקרעטאַר, װעמעס האַרץ ברעכט אַזױ פֿאַר װיעטנאַם, אפשר װאָלט כאָטש אײן טשאַכק פֿון זײן האַרץ געגאַנגען פֿאַר די קרבנות פֿון ישראל? און אויב, זאָגט דער נביא, איר טוט דאָס נישט, איר שעמט זיך נישט און איר האָט קײן חרטה נישט, ענדיקט דער נביא, „ונכרת לעולם“, פֿאַרשנײדט איר די װעלט מאַכט איר זי חרוב בידים (דרך אגב שוין צײט צו איבערצײגן זיך, אַז יעקב איז נישט קײן שיפֿע זיבעלע, װי מען דריקט זיך אויס, און פֿירט מען אים אַרויס פֿון געדולד, לערנט ער מיט זײנע שונאים אַ פּרשה אין „הלכות דרך ארץ“ װאָס זײ קענען אַזױ שנעל נישט פֿאַרגעסן . . .).

ג

פֿאַרװאָס מײנען מיר, איז עשו, װעלכער איז געקומען, מיט פֿיר הונדערט באַװאָפֿנטע סאָלדאַטן, צו פֿאַרניכטן יעקבן, פּלוצים געװאָרן אַזאַ לעמעלע און זיך גאָר צוקושט מיט יעקבן ? צו האָט ער פּלוצלינג

ליב געקראָגן זיין פאַרהאַסטן ברודער ? ניין ! עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז עשו האָט פשוט מורא באַקומען פאַר יעקבן. פאַרוואָס ? ווייל אויך ער האָט באַקומען אַ לעקציע . . . דער פסוק זאָגט: „ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו״. יעקב איז איבערגעבליבן אַליין און איז אומגעריכטערהייט באַפאַלן געוואָרן פון איינעם וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אים זיך צו ראַנגלען. 4) פרעגן די חז״ל ווער איז דאָס געווען דער „איש״ ? און זיי ענטפערן: עס איז געווען דער „שרו של עשו״. פיל פשטים ווערן אויף דעם געלערנט אָבער אונדז דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען עשום מלאך, וואָס האָט געטאָן זיין שליחות. וואָס פאַראַן שליחות? „גערילאַ־קאַמף״. עשו האָט געשיקט זיין שטאַרקסטן קריגס־העלד צו איבערפאַלן יעקבן און אים אַפּראַמען פון וועג און במילא וועט אַלעס וואָס יעקב האָט געהערן צו אים . . . און אַזוי איז ער אים באַפאַלן ווען ער איז געווען אַליין, ביינאַכט אין דער פינסטער, ווען אַלע ווייסטע טעראָריסטן זענען טעטיק . . . אָבער „וירא כי לא יכול לו״ עשום מאַטאַדאָר, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אומדער־וואַרטעטן אייזערנעם ווידערשטאַנד פון יעקבן. אַ גאַנצע נאַכט איז דער קאַמף אָנגעגאַנגען און ווען עס איז געוואָרן ליכטיק האָט דער טעראָריסט געוואָלט אָפּציען . . . אָבער יעקב האַלט אים פעסט און לאָזט אים נישט. יעקב זאָגט „לא אשלחך כי אם ברכתני״ איך לאָז דיך נישט אָפּ ביז דו ביזט נישט מודה, פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דו ביזט מיך באַפאַלן און איך האָב דיך באַזיגט . . . און דער „שרו של עשו״ מוז צוגעבן און זאָגט: „לא יעקב יאמר עוד שמך״, דער נאָמען יעקב, וואָס מיינט אָפּהאַלטן, איז באמת צו דיר נישט צוגעפאַסט, ווייל דו האָסט מיר נישט נאָר אָפּגעהאַלטן נאָר דו האָסט מיך מנצח געווען״... כי אם ישראל״ דער נאָמען ישראל פאַסט פאַר דיר, „כי שרית עם אלוקים ועם אנשים ותוכל״. ווייל דו באַזיגסט מענטשן מיטן כח פון דיין ג־ט... וואָרום מיט נאַטירלעכקייט אַליין וואָלסטו קיינמאָל, נישט געקענט זיך שטאַרקן איבער מיר. און ווען עשו האָט באַקומען אָט דעם באַריכט פון זיין „שר״ וואָס פאַרא „אומנאַטירלע־כער קעמפער״ יעקב איז, זאָגט דער פסוק: „וירץ עשו לקראתו

ויחבקהו וישקהו". עשו האָט באַקומען אי מורא אי דרך ארץ פאַר יעקבן און כאַטש דער „וישקהו" איז געווען מיט פינטעלעך, מיט שטעכלקעס, איז דאָס אָבער געווען די נייטיקע מאָמענטאַלע פּאָליטיק. אַזוי, אַז מיר האָבן בטחון אין אונדזערע „נאַטירלעכע" נסים, אַז דער „שומר ישראל" וועט אָפּהענטיק מאַכן אַלע עשוס שרים און זייער טאַדלען וועט צוגלייך זיין זייער שאַנדע . . .

ענדיקן ענדיקט זיך דער קאַמף טאַקע לטובת יעקבן. אָבער דער פּסוק פּירט אָבער אוים „ויזרח לו השמש והוא צולע על ירכו". ווען די זון האָט אויפגעשיינט האָט יעקב אונטערגעהונקען אויף זיין דיך. און אַלע זאָגן, אַז דאָ איז מרומז דער געדאַנק, אַז יעקבס קינדער זענען גאָרנישט דאַנקבאַר דעם רבונו של עולם, פאַר די נסים, וואָס ער באַווייזט זיי, אין דער פינסטערער נאַכט, וואָרום ווען די זון פאַנגט אָן צו שיינען פאַר אים, עס ווערט ליכטיק, ישראל האָט פּראָספּעריטי, איז מצליח ווערט ער אוים רעאַליסט . . . און פאַנגט אָן אונטערצו־הינקען. ער ווערט אַ „פּוסח על שתי סעיפים". ישראל ווערט צעריסן אינעווייניק אויף פאַרשידענע ריכטונגען און דאָס רוב פון זיי שטעלן פאַלשע טריט אין פאַלשע ריכטונגען. אין אַנדערע ווערטער: ישראלס געפאַר ליגט נישט אַזוי ווייט אין דעם אויסערלעכן שונא, מעג ער זיין ווי שטאַרק, נאָר די געפאַר באַשטייט פון די אינערלעכע טעותים וואָס ווערן געמאַכט אין דער פירונג פון דער מדינה, ספּעציעל לגבי דער איינשטעלונג צו אמונה און דת. ווייל ממה נפשך, אויב ישראל האָט באַקומען איר נאָמען אַלס סימבאָל פון איר געטלעכן כח, וואָס געפינט זיך אין דעם נאָמען (אל), פאַרוואָס מוז מען אַזוי שווער קעמפן פאַר יעדן ברעקל געטלעכקייט אין ישראל ?

1) תענית כ'.
2) נדה ל"א.
3) בראשית ל"ב ה'.

וישלח ב׳

לזכרון אונדזער מוטער הרה״צ ע״ה

„ותמת דבורה מינקת רבקה ותקבר מתחת לבית אל תחת האלון ויקרא שמו אלו בכות״ (בראשית ל״ה ח׳).

„נתבשר שם על אבל שני שהוגד לו שמתה אמו. העלימו את יום מותה שלא יקללו הבריות כרס שיצא ממנו עשו״ (רש״י).

„וירא אלקים אל יעקב עוד בבואו מפדן אדם ויברך אותו״. (ל״ה, ט׳)

„ויברך אותו ברכת אבלים״ (רש״י).

די הייננטיקע סדרה „וישלח״ איז דווקא זייער רייך אין מאטע־ריאל און די מפרשי התורה האבן געפונען אין איר אוצרות מיט וואונדערלעכע רעיונות ממש „על כל תג ותג״. וועלן אונדז, אבער, די חשובע לייענער מוחל זיין, ווען מיר דערלויבן זיך צו אויסקלייבן פאר אונדזער טעמע היינט, עטלעכע פסוקים מיט זייער רש״י־טייטש, וועלכע די מיינסטע מפרשים האבן כמעט דורכגעלאזן בשתיקה. מיר טוען דאס צוליב פערזענלעכע מאטיוון.

נאר וואס האבן מיר זיך צוריקגעקערט פון א טרויעריקער רייזע קיין ניו־יארק, וו מיר האבן באגלייט אונדזער טייערע, ליבע און גרויסער מוטער **הרבנית הצדקת מרת מלכה בת הגאון הצדיק רבי אשר ישעיה זצ״ל**, צו איר „מנוחת עולמים״ (אייביקע רו) און מיר ווידמענען דעם מאמר צו איר הייליקן אנדענק, צום אנדענק פון אונדזער מאמע, וועלכע איז פון אונדז אוועקגענומען געווארן און צום

אַנדענק פון אַלע מאַמעס וועלכע גייען אַוועק פון דער וועלט און לאָזן איבער זייערע קינדער פאַר יתומים.

אונדזער מוטער ע"ה איז געווען באַרימט מיט איר צדקות און מיט איר גוטסקייט. זי איז געווען אַ מוסטער פון ערלעכקייט און אָפּגעהיטנקייט, סיי אין איר האַנדלונג און סיי מיט איר דבור. כאָטש מיר זענען „פסול לעדות" בלייבט אָבער דער פאַקט, אַז מיר האָבן אין אונדזער גאַנצן צוזאַמענזיין מיט איר, קיינמאָל נישט געהערט פון איר מויל אַרויסברענגען אַ שלעכט וואָרט וועגן אַ מענטשן, אָדער אַפילו אַ שמץ פון לשון הרע. זי איז געווען די גוטע מוטער, די געטרייע פרוי און די עקרת הבית. ווי די גרעסטע פון די פרויען און זי איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען אין „קדושה" און אין עבודות ד' פון די גרעסטע מענער . . .

אונדזער פאָטער הרב הצדיק שליט"א, צוזאַמען מיט דער מוטער ע"ה, זענען געקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן אין יאָר 1948, נאָכן איבערלעבן היטלערן און די רוסן נאָך היטלערן ימ"ש. אין אַ קורצער צייט, זענען זיי געווען פיין איינגעאָרדנט אין ניו־יאָרק און עס האָט זיי חלילה גאָרנישט געפעלט. איינמאָל קומען מיר אַריין אין דער מוטערס צימער און מיר טרעפן איר וויינען בדמעות שליש, מיט ביטערע טרערן. מאַמעלע טייערע, פרעגן מיר, וואָס האָט פּאַסירט, וואָס וויינסטו אַזוי? אוי מיין קינד, ענטפערט זי, וואָס זאָל איך נישט וויינען, אַז איך בין אין דעם וויסטן אַמעריקע! זאָגן מיר צו איר: מאַמעלע וואָס פעלט דיר דען חלילה אין אַמעריקע? אוי מיין קינד, עס פעלט מיר שוין גאָר אַ סך: אין דער אַלטער היים (אין טשערנאָ־וויץ) האָבן מיר ביידע, סיי דער טאַטע זאָל לעבן, און סיי איך געהאַט וואָס צו טאָן. דער טאַטע שליט"א האָט געהאָלפן מענטשן מיט תפילות און מיט געלט און איך האָב מחיה געווען יידן מיט עסן און מיט טרינקען. נישט געווען דאָרטן דער טאָג ווי יידן זאָלן נישט געווען אַריינקומען אין שטוב און איך זאָל זיי נישט געבן צו עסן. דאָרטן האָב איך געלעבט, דאָרטן האָב איך אויך געוווסט פון אַ וועלט צו זאָגן. אָבער דאָ אין אַמעריקע דאַרפן די אָרעמעלייט נישט קיין עסן.

ווען עס קומט שוין אַן אָרעמאַן וויל ער נאָר געלט, אָבער נישט קיין עסן. דער טאַטע זאָל לעבן, ער טוט זיינע מצוות, אָבער איך, איך דריי זיך אָרום פוסט און פּאַס, ווי זאָל איך נישט וויינען ? און זי האָט צוגעגעבן: זאָלסט וויסן מיין קינד, אַז דער רבונו של עולם האָט ליב תהילים מיט ברויט, תהילים פאַר זיך און ברויט פאַר די אָרעמעלייט. וועט דען ג־ט אָנעמען מיין תהילים אָן ברויט ?

אייניקע פרעגן: נאָכוואָס האָט די תורה דערמאָנט דעם טויט פון דבורהן דער מינקת און בלויז מרמז געווען דעם טויט פון רבקהן? מיר גלויבן, אַז דאָס לערנט אונדז די תורה, אַז פונקט ווי מיר זענען מחויב אין כבוד פון אַ מוטער, אַזוי איז מען אויך מחויב אין כבוד פון אַ „מינקת״ (עסן געבערן) ווייל כאָטש די מינקת האָט דאָס קינד נישט געבוירן, נאָר ווייל זי האָט עס געשפּייזט און אַנטוויקלט איז גלייך ווי זי וואָלט געווען זיין מאַמע . . . נישט אומזיסט האָבן הונדערטער מענער און פרויען געוויינט אויף דער פּטירה פון אונדזער מוטער ווייל זי איז אויך געווען די „מינקת״ די ברויט־געבערן פאַר אַ סך יידן אין דער וועלט.

ב

מפורשים וווּנדערן זיך אויף פאַרוואָס דער מאַמע שרהס טויט איז אַזוי שטאַרק מפורסם געמאַכט געוואָרן, אַזש מיט אַ **גאַנצער** סדרה, (חיי שרה) און די פּטירה פון דער מאַמע רבקה איז בלויז מרומז געוואָרן? און זיי ענטפערן: ווייל רבקה האָט אויך געהאַט אַ זון „עשו״ האָט מען מורא געהאַט, **אַז נאָך איר טויט זאָל די** וועלט זי נישט שעלטן, וואָס פון איר בויך איז אַרויס אַזאַ רשע . . . דאַקעגן שרה האָט דאָך געהאַט בלויז יצחקן, אַ צדיק, האָט מען איר פּטירה געקענט מפורסם מאַכן.

די פּטירה פון אונדזער הייליקער מוטער ע״ה איז אויך אַ מצווה מפרסם צו זיין. זי לאָזט איבער נאָך זיך פינף זין און דריי טעכטער, איידעמס, אייניקלעך און אור אייניקלעך, אַלע לומדי תורה און ירא ד׳ קע״ה, אַלע וואָס קענען זיי און קומען אין באַרירונג

מיט זיי זאָגן „אשרי יולדתם" ווייל איז די עלטערן וואָס לאָזן אַזעלכע קינדער. (כאָטש דער שרייבער פון די שורות איז, אין גייסטיקן זין דער „זעירא דמן חבריא" דער קלענסטער און שוואַכסטער האָט אָבער אונדזער גרויסע מוטער ע"ה אויך מיט דעם זון קיין בושהם נישט איינגענומען חלילה) . . . אַזוי, אַז נישט בחינם האָט די השגחה געפירט, אַז זי זאָל נפטר ווערן אין פ' חיי שרה צו ווייזן אַז אויך איר פטירה, פונקט ווי דער מאַמע שרהס, דאַרף און קען מפורסם ווערן . . . ווייל אויך זי האָט חלילה קיין עשו אין איר משפחה . . . און עס איז געווען זי, וועלכע האָט אַלס „אשת חבר" אַלס „אשה כשרה שעושת רצון בעלה" געווען אַן „עזר" צו אונדזער הייליקן גרויסן פאָטער „יבדל לחיים טובים" און אַלע יאָרן אים מיטגעהאָלפן אין איינפלאַנצן אין די קינדער די גרויסע ליבע צו ג-ט און צו מענטשן. עס דערמאָנט זיך אונדז אַן עפּיזאָד פון ווען מיר זענען נאָך קליינע קינדער געווען און ווען מיר פלעגן אַלע זיצן אַרום דער מוטער ע"ה ווי הינדעלעך אַרום אַ קוואָטשקע און זי פלעגט אונדז לערנען און אויפקלערן זאַכן וואָס מיר האָבן אַפילו פון אונדזער מלמד נישט געקענט דערגרונטעווען.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי אַרום איר אין אַ שבת פאַרנאַכט, האָט אונדזער יונגסטער ברודער ר' אָשרל, דער בוקאַרעשטער רב שליט"א, היינט אין ברוקלין ביי קאָנג. „אהבת אחים", אַלט זייענדיק אַן ערך פינף זעקס יאָר, געפרעגט: מאַמע, וואָס איז דאָס „יצר הרע" ? און זי, די מאַמע ע"ה, האָט אָנגעהויבן דערקלערן, אַז דאָס איז דער, וועלכער רעדט אָן אַלע מענטשן נישט צו טאָן קיין גוטס נאָר דווקא שלעכטס. ער לאָזט קינדער נישט לערנען ער שטערט זיי ביים דאַוונען אאז"וו. רופט זיך אָפּ דער קליינער אָשרל: אָה, מאַמע דאָס איז ער ? קען איך אים דאָך! ער קומט צו מיר שטענדיק אין מיטן דאַוונען און זאָגט מיר: אָשרל! אָשרל! מיש איבער דריי בלעטלעך. דער טאַטע זעט נישט! די מאַמע כאַפּט אַרום דאָס קינד און קושט אים און זי פרעגט אים: זאָג מיר נאָר אָשרל, וואָס ענטפערסטו אים? איך ענטפער אים, זאָגט דאָס קינד, דאָס וואָס דו האָסט אונדז אַלע מאָל

געלערנט, אַז אַפילו ווען דער טאַטע אָדער די מאַמע זעען נישט, זעט ג־ט . . .

ג

אין אַנגעזיכט פון טויט איז יעדער הילפלאָז און אַט די הילפלאָזיקייט און אָפּהענטיקייט וואָלט געקענט יעדן מענטשן צעברעכן אויף אייביק. ווען אַ געטרייַ קינד מוז צוקוקן ווי מען נעמט זיין טייערסטע און ליבסטע, די מאַמע, און מען לייגט זי אַריין אין פינסטערן קבר, אויף מער קיינמאָל זי נישט צו זען און מער קיינמאָל נישט קענען זאָגן צו איר: מאַמע, איך האָב דיך ליב. און כאָטש שרייַ חי וקים און רייס שטיקער פון זיך וועט גאָרנישט העלפן. דאָס קען אַ מענטשן ר״ל גייסטיק אומברענגען. (נישט איין קינד אָדער איין געליבטער איז אַראָפּ פון זין צוליב אַזאַ אומגליק) איין זאַך אָבער וואָס קומט דעם מענטשן, ובפרט דעם רעליגיעזן, צו הילף איז די „אמונה״ דער גלויבן אין ג־ט. ווען נישט דאָס וואָס מען זאָגט און מען גלויבט, אַז „ג־ט און זיין משפּט איז גערעכט״, וואָלטן אַ סך מענטשן מיטגעגאַנגען צוזאַמען מיט זייערע טייערע אין קבר אַריין. אָבער דער „ד׳ נתן וד׳ לקח״ די אמונה, אַז ג־ט האָט געגעבן און ג־ט האָט צוריקגענומען שטאַרקט און גיט כח אויסצוהאַלטן, כאָטש די ליבע און טייערע וועט מען שוין קיינמאָל ניט זען. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן...

דאָס אייגנטלעך איז דער „קדיש״, וועלכער דערמאָנט גאָרנישט וועגן טויט, נישט מער דער אויסגעשרייַ „יתגדל ויתקדש שמה רבא״, זאָל געגרויסט און געהייליקט ווערן דער נאָמען פון ג־ט, גיט מוט און טרייסט ווייטער אָנצוגיין . . .

דאַרום אפנים ווען מיר מאַכן צו דעם אָרון הקודש, ראש השנה אָדער יום כיפור און מיר באַקלאָגן דעם מענטשן דעם „מלך אביון״, אַז ער ווערט פאַרפינסטערט און נידערט אין גרוב אַריין, זיין מידקייט טרייבט אים אין די טיפענישן פון „שאול״ איז דאָס געווג צו אַרייַנטרייבן יעדן מענטשן אין דער ערגסטער „מעלאַנכאָליע״ . . . דעררי־בער עפנט מען דעם ארון הקודש און מען שרייט ווידער אויס „אבל

מלך עליון״ . . . אמת דער מענטש איז גאָרנישט דערפאַר אָבער האָט ער אַ גרויסן „איבער-מלך״ װעלכער שלעפּט און הױבט אים אַרױס פון אַלע צרות . . . און אַן „אָבל״ אַ פאַרצערטער און פאַרװײטאָג-טער (די זעלבע אותיות װי אַבל אָבער) װען ער שטײט פאַרפינצטערט און פאַרטרויערט, עס דאַכט זיך אים, אַז זײן גאַנצע װעלט איז אים אונטערגעגאַנגען װען ער אַנערקענט, אַז „אבל מלך עליון״. מיר איז טאַקע ביטער, מיר איז טאַקע שלעכט, איך האָב פאַרלױרן דאָס טײ-ערסטע און דאָס בעסטע, אָבער ג-ט איז דאָך אַ פאָטער דער „אבי יתומים ודיין אלמנות״, איך מוז זיך פאַרלאָזן אויף אים און ער װעט שיקן זײן טרייסט און דער עיקר, ער װעט אַרונטערנעמען מײן ליבע און טײערע אונטער זײנע פליגלען פון שוץ און מנוחה. אָט דאָס איז װאָס דערהאַלט דעם „אָבל״ בײם לעבן.

דאָס גיט אונדז צו פאַרשטײן פאַרװאָס רש״י זאָגט אױפן פּסוק װאָס קומט נאָך דעם רמז אויף רבקהס פּטירה „וירא אלקים אל יעקב וכו״, ויברך אותו מאכט רש״י „ברכת אבלים״, אַז ג-ט איז געקומען טרייסטן יעקבן. דאָס זעלבע שטײט אויך בײ יצחקן װען ער האָט פאַרלױרן זײן פאָטער אברהם. „ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלקים את יצחק״. נאָכדעם װי אברהם איז נפטר געװאָרן האָט ג-ט גע-בענטשט יצחקן. מאַכט אויך דאָרטן רש״י „נחמו תנחומי אבלים״ ער האָט אים געטרייסט און „מנחם אָבל״ געװען 1). װײל רש״י דײ-טעט דאָ אָן, אַז אָן דער טרײסט פון ג-ט װאָלטן מענטשן געװען פאַר-שאָלטן צום אונטערגאַנג װאָרום די שמערצן װאָלטן געװען צו גרויס זײ צו איבערװינדן . . . דאָס װאָס מען גלױבט אין ג-ט דאָס איז אַ ברכה פאַר יעדן „אָבל״, פאַר יעדן װאָס פאַרלירט אַ שטיק פון זײן לעבן מיטן אַװעקגײן פון דער װעלט פון זײנע נאָענטע, ליבע און טײערע, װאָס מיר באַצײכנען אַלס „אבדה שאינה חוזרת״, אַן אומ-דערזעצבאַרער פאַרלוסט.

ד

די גמרא זאָגט אין יומא פ״ז, „אשריהם לצדיקים לא דיין שהם זוכין אלא שמזכין לבניהם ולבני בניהם״. די צדיקים נישט גענוג

וואָס זיי זענען אַליין בעלי זכות, זענען זיי נאָך מזכה זייערע קינדער און קינדס-קינדער. קען זיין, אַז דאָס האָט געמיינט דוד המלך ווען ער האָט געזאָגט אין תהילים אין דעם קאַפּיטל וואָס ווערט געזאָגט ביי אַן אָבל „למנצח לבני קורח" אל תירא כי יעשיר איש כי ירבה כבוד ביתו, לא במותו יקח הכל לא ירד אחריו כבודו". שרעק זיך נישט ווען אַ מענטש ווערט רייך ווען דער כבוד פון זיין הויז ווערט געמערט, וואָרום ווען אַ מענטש שטאַרבט נעמט ער נישט אַלעם מיט, זיין כבוד נידערט נישט אַראָפּ מיט אים. 2) דענקען מיר, אַז דער פסוק קען מיינען: ווען אַן „איש" אַן אמתער מענטש, ווערט רייך האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן, אַז ער וועט קאַליע ווערן, ווייל זיין רייכטום וועלכעס ער פאַרשטייט צו פאַרוואַלטן וועט באַנוצט ווערן כדי „ירבה כבוד ביתו" כדי דער כבוד פון זיין בני בית זאָל געמערט ווערן. וואָרום אַ גוטער מענטש וועלכער האָט געטאָן מצוות און מעשים טובים נעמט נישט אַלעם מיט מיט זיך, נאָר ער לאָזט איבער זיינע אויפטוען און זיין גוטסקייט פאַר די קומענדיקע דורות. „כי לא במותו יקח הכל", נים אַלעם גייט אין קבר אַריין. די גוטסקייט, די שיינקייט און די איידלקייט בלייבט ביי די קינדער און אייניקלעך. „ולא ירד אחריו כבודו" זיין כבוד נידערט נישט אַראָפּ מיט אים אין די טיפעניש פון גרוב, נאָר דער כבוד בלייבט עד סוף כל הדורות. אַזוי איז געבליבן דער כבוד פון אונדזער מוטערס עלטערן פאַר איר, און עס וועט בלייבן דער כבוד פון איר פאַר אונדז. זאָל אונדז דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז אין דעם גרויסן אומגליק האָבן מיר אויך געזען דעם „ויברך ד'" די ברכה פון ג-ט און זיין טרייסט. מיט דעם וואָס מיר האָבן פון די טיפענישן פון אונדזער נשמה אויסגערופן „יתגדל ויתקדש שמה רבא" וועט איר גרויסע און הייליקע נשמה זיין פאַרבונדן מיט כלל ישראל אויף וועלכן זי וועט טראָגן אַ גרויסן זכות. „תהא נשמתה צרורה בצרור החיים ותהא זכרה ברוך"...

---

1) בראשית כ"ה י"א.

2) תהילים מ"ט.

וישב א׳

דעם טאַטנס קוק

„וישב יעקב, בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף צדיקים מבקשים לישב בשלוה אמר הקב״ה לא דיין להם לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא אלא שמבקשים לישב בשלוה בעולם הזה? (רש״י בשם מדרש).

„והבור ריק אין בו מים" (בראשית ל״ז כ״ד).

מים אין בו, אבל נחשים ועקרבים יש בו. (רש״י, שבת כ״ב).

„ויבא הביתה לעשות מלאכתו" (בראשית ל״ט י״א).

„רב ושמואל חד אמר מלאכתו ממש וחד אמר לעשות צרכיו אלא שנראה לו דמות דיוקנו של אביו" (סוטה ל״ז).

א

ענדלעך קערט זיך יעקב אום צוריק אַהיים און באַזעצט זיך „בארץ מגורי אביו", אין ווינאַרט פון זיין פאָטער. געהאָפט האָט ער, אַז זיינע עלטערע יאָרן וועלן זיין, מנוחהדיקע און צופרידענע, זאָגט אָבער רש״י אויפן וואָרט „וישב": „בקש יעקב לישב בשלוה", יעקב האָט געוואָלט זיצן רואיק, „קפץ עליו רוגזו של יוסף" איז אויף אים, אומדערוואַרטעטערקייט, אַרויף דער ברוגז, צווישן יוסף און זיינע ברידער און צעשטערט די דערוואַרטעטע אידיליע. און רש״י זאָגט ווייטער: „אמר הקב״ה לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא אלא שמבקשים לישב בשלות בעולם הזה? ג-ט זאָגט: צו איז דען נישט גענוג, פאַר די צדיקים וואָס פאַר זיי איז אָנגעגרייט

עולם הבא, ווילן נאָך האָבן עולם הזה אויך? אָט דער צוגאַנג פון דעם רבונו של עולם צו דער דאָליע פון דעם צדיק, איז עפּעס מאָדנע און שווער צו פאַרשטיין. און פאַרוואָס טאַקע נישט? פאַרוואָס קומט נישט דעם צדיק, דעם ערלעכן מענטשן, אַביסל עולם הזה? ובפרט לויט דער באַרימטער גמרא „צדיק וטוב לו הוא צדיק בן צדיק. צדיק ורע לו הוא צדיק בן רשע", אויב דו זעסט אַ צדיק וואָס אים איז גוט, איז ער אַ צדיק דער זון פון אַ צדיק . . . אויך זאָגט דאָרטן די גמרא „צדיק וטוב לו צדיק גמור", אַן אמתן צדיק איז גוט . . . 1) טאָ יעקב האָט דאָך זיכער געהאַט די ביידע מעלות. ער איז געווען אַ צדיק גמור, און דערצו איז אויך זיין פאָטער געווען אַזאַ צדיק. איז ער דאָך לויט אַלע דינים און געזעצן געווען באַרעכטיקט, עס זאָל אים זיין גוט אויף דער וועלט? און וואָס האָט ער פאַרלאַנגט, אַביסל מנוחה? וואָס קען זיין ווייניקער?

מוז מען דעריבער זאָגן, אַז באמת איז טאַקע יעקב געווען הונ־דערט פּראָצענט באַרעכטיקט און זיך זיכער ערלעך פאַרדינט דאָס ביסל מנוחה, נאָר ג־ט האָט נישט מסכים געווען צו עפּעס אַנדערש. „בקש יעקב לישב בשלוה". יעקב האָט געוואָלט „זיצן" אין דער רואיקייט, דאָס מיינט יעקב האָט געוואָלט האָבן אַן „אומאַקטיווע" רואיקייט, און דאָס האָט ג־ט געזאָגט, קענען צדיקים זיך נישט פאַר־גינען. אין „עולם הבא" איז אַלעם „מתוקן". פאַר זיי דאָרטן איז אַלעם גרייט און פאַרטיק. דאָרטן איז ווי מיר זאָגן אין בענטשן: „הרחמן הוא ינחילנו ליום שכלו טוב ליום שצדיקים יושבים ועטרותיהם בראָ־שיהם ונהנים מזיו השכינה". אין דער צוקונפט, האָפן מיר אויף דעם גוטן טאָג, אויף דעם טאָג וועז די צדיקים וועלן זיצן מיט זייערע קרוי־נען אויף זייערע קעפּ און הנאה האָבן פון דער לויטערקייט פון דער שכינה . . . אָבער דאָ, אויף דער זינדיקער וועלט, צו זיצן רואיק און צו לאָזן זאַכן נעמען זייער אייגענעם קורס, דאָס איז פאַר אַ צדיק אוממעגלעך און נאָך דערצו ווען דער צדיק איז אַ פאָטער פון צוועלף זין מיט אַ טאָכטער און אַ זיידע פון אַ גרויסע צאָל אייניקלעך, וועלכע דאַרפן זיין הדרכה און די השגחה פון זיין וואַכזאַם אויג. מוז מען

דעריבער זאָגן, אַז יעקב, זייענדיק, אויסגעמאַטערט פֿון אַלע דורכלע־בענישן, צוזאַמען מיט זיין שווערער פיזישער אַרבעט האָט, זיכער אויף אַ ווײַלע געמוזט נאָכלאָזן די לייצעס פֿון זיין האַנט. „בקש לישב בשלוה". ער האָט געלעכצט נאָך אַביסל רו, ער האָט געוואָלט זיין אָפּגעזונדערט פֿון דעם „הויז טומל", זיצן אין זיין צימער און לער־נען און איבערלאָזן די דערוואַקסענע קינדער אָנצופירן מיט דער בע־ליבתישקייט . . . און דערבײַ נישט באַמערקט ווי עס וואַקסט די קנאה־שנאה צווישן די ברידער, וואָס האָט צום סוף דערפירט צו דער טראַגישער פּאַסירונג פֿון „מכירת יוסף" . . . „קפץ עליו רוגזו של יוסף" . . .

ב

די טעמע „עלטערן און קינדער" איז אַזוי אַלט ווי אַלט עס איז דער מין מענטש.

ווען אדם און חוה האָבן געזינדיקט און עובר געווען אויף דעם אָנזאָג פֿון ג־ט „ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכלו", זיי זאָלן נישט עסן פֿון דעם „עץ הדעת", און נישט אויספאָלגנדיק דעם געבאָט, געבראַכט דעם טויט אויף דער מענטשהייט, ווער איז געווען דער ער־שטער קרבן פֿון זייער חטא? זייער זון „הבל". און ווער האָט אים אומגעבראַכט? זייער זון „קין". פֿאַרוואָס? ווײַל „ווי די טאַטע מאַמע, אַזוי די קינדער"! ....אויב טאַטע מאַמע מעגן, ווען אַן עפּל, נישט אויספאָלגן ג־ט אַליין און צוליב דעם הרגענען אַ גאַנצע וועלט... מעגן זיי הרגענען איינער דעם צווייטן... עלטערן זיינען די מוסטערן און דער ביישפּיל פֿאַר זייערע קינדער. ווען קינדער וואַקסן אין אַ מאָראַ־לישער היים, איז זייער מאָראַל אויך אַ הויכע. ווען אַ טאַטע איז נזהר און טוט נישט קיין אומאַנשטענדיקע זאַכן, לכל הפחות אין די אויגן פֿון דעם קינד, איז צו דערוואַרטן, אַז דאָס קינד זאָל אויסוואַקסן אַ מענטש מיט פּרינציפּן. ווען טאַטע מאַמע לעבן בשלום, אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן, געבויט אויף רעספּעקט און איינזעעניש, קען מען האָפן, אַז דאָס קינד זאָל נאָכטאָן דעם ביישפּיל. ווען אַ יידיש ייִנגל שטייט אויף אינדערפֿרי און זעט ווי דער טאַטע טוט אָן טלית און

תפילין און דאַוונט, איז מעגלעך, אַז זיין בר־מצוה בחור זאָל דאָס טאָן צוזאַמען מיט אים.

דער גרויסער רבי עקיבא זאָגט אין דער משנה 2) האב זוכה לבנו בחמשה דברים. בנוי, בכח, בעושר, בחכמה ובשנים. דער טאַטע איז מזכה זיין זון, דאָס הייסט ער גיט אים איבער, פינף זאַכן. „נוי", שיינקייט, ווען אַ טאַטע פירט זיך אויף שיין, ער איז, ווי מען זאָגט, גוט און פרום, ירשנט זיין זון פון אים די שיינקייט, פירט זיך זיין זון אויך גוט און אָנשטענדיק... „כח", ווען דער טאַטע איז שטאַרק גענוג ביי־צוקומען זיינע שלעכטע פאַרלאַנגען און נייגונגען און זיין מאָראַל שטייט אויף אַ הויכן ניוואָ, האָט דער זון פון וואַנען צו שעפּן כוחות, צו באַקעמפן דעם שטראָם וואָס וויל אים כסדר אָוועקרייסן פון גלייכן וועג... „עושר", ווען דער פאָטער ווייסט ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט זיין רייכטום, ווען דער טאַטע ווייסט, אַז געלט קען זיין אַ ברכה נאָר דאַן ווען מען קען דאָס קאָנטראָלירן, ווען קינדער ווערן נישט צעבאַלעוועט דורך דעם. אָבער עס ווערט די ערנסטע קללה און אומגליק אויב דאָס געלט ווערט באַנוצט אָן שכל און אָן מאָראַל. אויב דער טאַטע ווייסט דאָס, לערנט ער זיין קינד אויך דאָס זעלבע. „בחכמה", אויב דער טאַטע איז קלוג גענוג צו וויסן ווי איין און ווי אויס, צו קענען אונטערשיידן, מאַכן „הבדלה" צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן „אור" און „חושך"... וועט דאָס קינד אויך אָנגע־שטעקט ווערן, מיט אינטעליגענץ, צו וויסן וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט: „ובשנים" ווען דער טאַטע לעבט אויס זיינע יאָרן מיט אָט די אַלע גוטע אייגנשאַפטן, וועלן אויך דעם זונס יאָרן זיין געבענטשטע און גליקלעכע...

די חז"ל זאָגן אונדז אויך: „יפה כח הבן מכח האב" 3) און די וועלט טייטשט; יפה כח הבן, אויב דו זעסט, אַז דער זון פירט זיך שיין, אַז ער איז אַ לייטישער מענטש, איז מכח האב, קומט דאָס פון דעם פאָטערס כוחות, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין אים, ער זאָל אויסוואַקסן ווי עס באַדאַרף צו זיין... ווען מיר רבנים, זיצנדיק אין אונדזער אַרבעטסצימער אויפנעמענדיק מענטשן, מייסטנס יונגע

פאַרלעך, וועלכע קומען מיט אַנגעווייטיקטע „פאַמיליע־פּראָבלעמען", שטעלן מיר, על פּי רוב, פעסט דריי אורזאַכן פאַר די קריזיסן: איינס, געלט; אין די מיינסטע פאַלן, (נאַטירלעך פאַראַן אויסנאַמען) איז דאָס ווייבל אַן איבערגעפּירטע אַ צעבאַלעוועטע. טאַטע מאַמע האָבן איר אויפגעריסן דעם האלדז... און דער יונגערמאַן מוז אים אַנפילן און נישט אַלע קענען דאָס באַוויזן... צווייי, שוויגער צרות: ווען דער יונגערמאַן איז נישט בכח צו דערפילן די אַספּיראַציעס פון דער ווייב וואָלט מען נאָך ווי ס'איז געקענט איר געבן צו פאַרשטיין, אַז רוים איז נישט געבויט געוואָרן אויף איין־מאָל און זי איז מחויב צו געבן איר מאַן, ווען זי האָט ליב, אַ געלעגנהייט. מישט זיך אָבער אַריין די מאַמע און זאָגט ניין! מיין טאָכטער קען קריגן אַ בעסערע מציאה ווי דעם „שלימזל"... און זי נעמט די טאָכטער אַהיים... דריי, זי אָדער ער, קוקן ערגעץ אַנדערש און פאַראַטן איינער דעם צווייטן... און ווען מיר פרעגן ס'טייטש? היתכן יידישע קינדער זאָלן זיך אַזוי פירן? האָבן מיר, נישט איינמאָל געהערט אַזאַ פּשוטן ענטפער: מיר זענען נישט ערגער ווי אונדזערע טאַטע־מאַמע...

דאָס איז דער זין פון דער אויבן ציטירטער רש"י אויפן פּסוק „והבור ריק אין בו מים". דער גרוב אין וועלכן די ברידער האָבן אַריינגעוואָרפן יוסף איז געווען ליידיק און האָט נישט געהאַט קיין וואַסער. פרעגט רש"י: פאַרוואָס האָט דער פּסוק באַדאַרפט צו זאָגן ביידע? אי אַז ער איז געווען ליידיק און אי אַז ער האָט נישט געהאַט קיין וואַסער? מיר פאַרשטייען דאָך אויב ליידיק מיינט דאָס, אַז עס איז גאָרנישט געווען אין אים? און רש"י ענטפערט „מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו". קיין וואַסער איז טאַקע נישט געווען אין דעם גרוב, אָבער שלאַנגען און עקדישן זענען אין אים יאָ געווען. וואָרום אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטע ליידיקייט. דאָרטן ווו עס דאַרף זיין וואַסער און עס איז נישטאָ כאַפּן זיך אַהין אַריין אַנדערע אַנשיקעניש... דאָס מיינט צוזאָגן, אַז ווען מען איז אַליין אַנגעפילט מיט די נייטיקע לעבנס־פאַרשריפטן וועלכע האַלטן אויף און פאַרזיכערן אַן אָנשטענדיק שיין לעבן, כאַפּן זיך נישט אַריין

קיינע שלאַנגען און אַנדערע גיפטיקע עלעמענטן... ווען אָבער מען איז ליידיק, אויסגעליידיקט פון אַלע עטישע און מאָראַלישע ווערטן, פון תורה, יידישקייט און אַלע אַנדערע מידות טובות, איז דער סוף „נחשים ועקרבים”....

ג

יוסף, אַ זיבעצן-אַכצן יאָריק בחורל, ווערט, דורך זיינע אייגענע ברידער, אַרויסגעריסן פון דעם טאַטנס היים, ווערט פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו „מדינים”, צו פרעמדע, ווילדע מענטשן „מדבר-בעדואינער”, וועלכע פירן אים אַוועק קיין עגיפּטן און פאַרקויפן אים דאָרטן, צום מיניסטער „פּוטיפר” פאַר אַ קנעכט. פאַרשטייט זיך, אַז יוסף איז נישט געווען דער איינציקער קנעכט אין דעם מיניסטערס הויז. מסתמא זענען דאָרטן געווען צענדליקער אַנדערע קנעכט און דינסטן און יוסף דער פאַרביטערטער און אַנטוישטער יינגל, פאַרבי-טערט אויף זיינע אומדערבאַרעמדיקע ברידער און פאַרביטערט אויף זיך אַליין, וואָס ער, דער טרוימער און שטערן-זעער האָט אַזוי נאַריש געלאָזט זיך אַריינציען אין דער פאַסטקע פון אַנדער יינגל, אונטער ענלעכע אומשטענדן, אַליין, אין אַ „געהויבענער”, „קנעכטישער-געזעלשאַפט”, אָפּגעריסן פון משפחה און פריינט, וואָלט זיכער אַראָפּ-געפירט געוואָרן פון דעם גלייכן וועג און אַנגעהויבן פירן אַ קנעכטיש לעבן... ווייסנדיק אָבער ווער ער איז און אָנקוקנדיק דעם אָרום... האָט ער זיך, ווי ווייט מעגלעך געהאַלטן פון ווייטן. זייענדיק אָבער אַ שיינער העלדישער יונגערמאַן, האָט לאַנג נישט געדויערט און די יונגע, רייכע ווירטין האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אים און אים נישט צורו געלאָזט. איין טאָג, זאָגט דער פּסוק „ויבא הביתה לעשות מלאכתו” איז ער אַריינגעקומען אין הויז צו טאָן זיין אַרבעט. זאָגט אויף דעם דער גרויסער געלערנטער ר' שמואל, וואָס האָט אים געראַ-טעוועט? וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן צו באַגיין די זינד? „נראה לו דמות דיוקנו של אביו”. עס האָט זיך פאַר אים, פּלוצלינג, באַוויזן דאָס בילד פון זיין פאָטער יעקב (דורך אַ גייסטיקער טעלעוויזיע אַזאַ) דאָס

האָט אים גלייך אויסגעניכטערט, און אַזוי אַרום איז ער ניצל געוואָרן פון באַגיין דעם מאָראַלישן פאַרברעכן. דער וואָרט „דיוקנו" האָט אייגנטלעך קיין שום ספּעציעלן באַדייט אין העברעאיש. ווילן מיר דעריבער קלערן, אַז עס קען זיין, אַז דאָס וואָרט קומט פון דעם שורש „דיוק", וואָס מיינט פּינקטלעכקייט. „ראה דמות דיוקנו של אביו" ער האָט געזען דאָס בילד פון זיין פאָטערס פּינקטלעכקייט... וואָס אונטער דעם גייט אַריין שטרענגע אָפּגעהיטנקייט אין אַלע געביטן פון זיין דערהויבענע פּערזענלעכקייט. אַזאַ זון ווי יוסף האָט געוווּסט און געפילט וואָס פאַראַ טאָטן ער האָט, אין מאָראַלישן זין... 4)

היינטיקע קינדער זעען אויך בילדער פון זייערע עלטערן, אָבער די בילדער האָבן אַן אַנדערן עפעקט און איינפלוס... שווין אָפּגערעדט פון די בילדער וואָס זיי זעען אין די קינאָס און אויף דער מאָדערנער טעלעוויזיע...

אויב מיר ווילן זיין אויפריכטיק און ערלעך צו זיך אַליין מוזן מיר קודם אַנערקענען אַז כדי אונדזערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן, גוטע מענטשן און גוטע יידן דאַרפן מיר זיי ווייזן אַ גוטן מוסטער און דער עיקר אַכטונג געבן אויף זייער אומגעבונג און זיי נישט לאָזן אויף הפקר...

וואָס דאַרפן מיר מער. יעקב אבינו, דער „בחיר האבות" דער גרויסער צדיק, וועלכער האָט געזאָגט: „עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי". אויב ער האָט אויף דער עלטער געוואָלט אָפּרוען זיך, זיצן במנוחה און לאָזן זיינע קינדער (נישט קיין מעקסיקאַנער בחורים) אַליין אָנפירן מיט זייער לעבן, האָט ער ליידער אויסגעפונען, אַז דאָס איז נישט געלונגען... נישט אומזיסט זאָגן די חז"ל „אוי לו לאב שהגלה את בניו ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם". ווי צום טאַטן וואָס האָט זיך אַזוי געפירט וואָס זיין אויפירונג האָט פאַרטריבן זיינע קינדער פון זייער ג-ט, פאָלק און תורה... און ווי איז צו די קינדער וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן צו פרעמדע טישן... שענער איז ווען מיר קענען זאָגן מיט אונדזערע חכמים: „אשרי ילדותנו שלא בישה

זקנתנו״. ווייל איז צו די קינדער וועלכע ווערן נישט פאַרשעמט און פאַרשעמען נישט די עלטערע... 5).

---

1) ברכות ז׳ א׳.
2) עדיות פ״ב ט׳.
3) שבועות מ״ח.
4) זע דרש אין דער גמרא יבמות ע״ו א׳ אויפן פסוק אין ויחי „כוחי וראשית אוני״...
5) סוכה נ״ג.

וישב ב׳

אַן עליה פאַרן גוף

„וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען" (ל"ז א׳).

„דבר אחר וישב יעקב, הפשתני הזה נכנסו גמליו טעונים פשתן, הפחמי תמה; אנא יכנס כל הפשתן הזה? היה פיקח אחד משיב לו: ניצץ אחד יוצא ממפוח שלך ששורף את כלן. כך יעקב ראה את האלופים הכתובים למעלה תמה ואמר: מי יכל לכבוש את כלן? מה כתיב למטה אלה תולדות יעקב יוסף, וכתיב והיה בית יעקב לאש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש ניצוץ יוצא מיוסף שמכלה את כלן". (ברש"י ישן).

א

די אויבן ציטירטע רש"י וואָס זאָגט אויפן פסוק „אלה תולדות יעקב יוסף": אַז דאָס איז אַ משל צו אַ קאָוואַל, וועלכער האָט געזען די קעמלען פון אַ פלאַקס-הענדלער טראָגן ריזיקע באַלנס מיט פלאַקס. זאָגט דער קאָוואַל: אַזויפיל פלאַקס, ווו וועט דאָס אַריינגיין? רופט זיך אָן צו אים אַ קלוגער מענטש; זעסטו אָט דעם גאַנצן פלאַקס, איין פונק פון דיין קוזניע קען אים אינגאַנצן פאַרברענען! אַזוי ווען יעקב האָט געזען אויסגערעכנט, אין דער פריערדיקער סדרה, אַלע פירנצן און גענעראַלן פון עשון, האָט ער זיך געוווּנדערט ווער וועט זיי אַלע קענען ביישטיין און באַזיגן? זאָגט דער פסוק „אלה תולדות יעקב יוסף", איז דאָך שווער, יעקב האָט דאָך געהאַט עטלעכע זין פון יוספן פאַרוואָס פאַנגט די תורה אָן מיט יוספן? נאָר אַזוי ווי דער נביא

זאָגט: דאָס הויז פון יעקבן וועט זיין פון פייער, דאָס הויז פון יוספן וועט זיין פון פלאַמען און דאָס הויז פון עשון וועט זיין פון שטרוי. איין פונק וועט אַרוים פון יוספס הויז וועט ער זיי אַלע פאַרברענען.

אַמאָל, ווען מיר פלעגן איבערלייענען די רש״י, פלעגן מיר האָבן צוויי געפילן: פון איין זייט האָט די רש״י געוואַרעמט דאָס יידישע האַרץ, געווען געשמאַק צו לייענען אַזאַ אָפּטימיזם, אַזאַ גליק־לעכן פאָרויסזאָג, אַז יעקב און יוסף וועלן זיין פייער און פלאַם... און עשו דאָס שטרוי... אָבער, פון דער צווייטער זייט האָט אַ צווייפל געגנאָגט אין האַרצן, ווען? ווען וועט דאָס שוין זיין? דערווייל זענען די יעקבס און די יוספס די שטרוי און זיי די שונאים, די רשעים זענען דאָס פייער און דער פלאַם. דאָס זיינען זיי, וועלכע ברענען אונדז און בראָטן. דאָס זיינען זיי וועלכע וואַרפן אונדז אויף די שייטער־הויפנס, פאַרברענען אונדזער תלמוד און צינדן אונדזערע הייזער. דאָס זיינען זיי וועלכע ברענען אונדזערע טויטע... און מיר? מיר זענען „כצאן לטבח יובל״, ווי שאָף וואָס מען פירט צו דער שחיטה, אומבאַהאָלפן אַפילו נאָך פאַר אוישוויץ...

מיטן אויפקום פון דער נייער „מדינת ישראל״ אָבער, האָבן מיר אָנגעפאַנגען צו פאַרשטיין, די באַדייטונג פון דעם פאַרוואָס דער פסוק :אלה תולדות יעקב יוסף״, אויף וועלכן די רש״י באַזירט איר דרוש, שטייט נאָכן פריערדיקן פסוק „וישב יעקב בארץ מגורי אביו״. און יעקב האָט זיך באַזעצט אין דעם ווינאָרט פון זיין פאָטער, און דאָס האָט, ווי אַ בליץ, באַלויכטן אונדזער געדאַנק, אַז ממש אָט דאָ ליגט באַהאַלטן דער טיפער געדאַנק פון רש״י. עס איז אָפּהענגיק ווו די יעקבס און די יוספס געפינען זיך. געפינען זיי זיך אין רשות פון עשון, ווינען זיי צווישן די גוים, איז אין בעסטן פאַל זענען זיי גע־גליכן צו שטרוי און זיי, די עשוס, זענען דאָס פייער און אַזוי לאַנג ווי מען טשעפּעט זיי נישט האַלטן זיי זיך, וואָרום די יידישע עקזיס־טענץ אין די גלות־לענדער איז נישט מער ווי אַ שטרויענע עקזיס־טענץ. וואָרום שטרוי, אַן און פאַר׳זיך קען זיין גענוג שטאַרק, ובפרט ווען עס איז געפלאָכטן צוזאַמען. אַזוי שנעל אָבער ווי מען צינדט

אַן דאָס קלענסטע פּייערל פון האַס און פאַראורטייל איז דער ייד דער ערשטער קרבן. אָבער אין אונדזער אייגן לאַנד, אויף אונדזער אייגענעם באָדן, דאָ זעט איר איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דאָ קערן זיך איבער די יוצרות. דאָ זענען, די יעקב און יוספס דער פּייער און פלאַם און זיי, אונדזערע שונאים די שטרויענע העלדן... אין אַנדערע ווערטער: איידער מיר קענען דערוואַרטן, אַז די נבואה פון דעם נביא זאָל מקוים ווערן, מוזן מיר צו אַלעם ערשטן מקיים זיין דעם „וישב יעקב בארץ מגורי אביו" באַזעצן דאָס לאַנד, אויף אַלע זיינע פּונקטן, אַ פאַרשטאַרקטע עליה. און נאָר דאָס איז דער אַבסאָלוטער פאָרבאַדינג צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער נבואה.

ב

עס טוט אונדז באמת לייד, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט (צוליב טרויעריקע סיבות) בייצווווינען דעם נאָרוואָס פאַרענדיקטן „כנס עליה", וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דאָ אין מעקסיקע, מיט דער באַטייליקונג פון פאַרטרעטער פון אַנדערע יידישע ישובים. דער „כנס", ווי מיר פאַרשטייען און לויט די באַריכטן וואָס מיר האָבן געלייענט, האָט געהאַט די אויפגאַבע צו אויפברויזן אַלע יידישע ישובים אין די תפוצות און צו באַקענען זיי מיט דער גרויסער לעבנס-פראַגע פאַר אונדזער יידישער מדינה, היינט צו טאָג, וואָס רופט זיך „עליה". מיר ווייסן נישט צו ווען מיר וואָלטן יאָ געווען אויף דעם „כנוס", וואָלטן מיר באַקומען די געלעגנהייט פאַר אַקטיווער באַטייליקונג נישט ווייניק געטאָן פאַר דעם קיום פון דער מדינה איז אָבער דאָס בייזיין און דאָס ווערן מיטגעריסן מיט דעם ענטוזיאַזם אויך נישט קיין אומוויכטיקער ענין.

מיר יידן האָבן אַלעמאָל געוווסט פון צוויי ירושלימס און פון צוויי בתי מקדש. מיר האָבן געלערנט וועגן „ירושלים של מטה" און אויך וועגן אַ „ירושלים של מעלה", וועגן אַ „בית המקדש של מטה" און אַ „בית המקדש של מעלה". אין פּשוטע ווערטער מיינט דאָס: מיר האָבן שטענדיק געשטרעבט צו אַ פּראַקטישער, פיזישער ירוש-

לים, אַ ירושלים אַלס אונדזער פּאָליטישע און טעכנישע הויפּט-שטאָט פון אונדזער מדינה און גלייכצייטיק צו אַן אידעאַלער און גייסטיקער ירושלים, אַ ירושלים פון דעם העכערן באַגריף, אַ ירושלים וועלכע זאָל ווערט זיין איר נאָמען. דער מדרש זאָגט: ויקרא אברהם שם המקום ההוא ד׳ יראה 1) שם בן נח קרא אותה שלם. שנאמר, ומלכי צדק מלך שלם2). אמר הקב״ה, אם אני קורא אותה „יראה״ כשם שקרא אברהם, מתרעם עלי שם ואם אני קורא אותה שלם, מתרעם עלי אברהם, אלא אני קורא אותה ירושלים בשם שקראו אותה שני-הם: יראה — שלם-ירושלים. 3) אברהם האָט גערופן דאָס אָרט „יראה״. שם האָט עס גערופן „שלם״. זאָגט ג-ט: וועל איך די שטאָט רופן „יראה״ ווי אברהם, וועט שם נישט זיין צופרידן. וועל איך זי רופן „שלם״, ווי שם, וועט אברהם נישט זיין צופרידן, וועל איך זי דעריבער רופן „ירושלים״, וועט זי טראָגן ביידע נעמען.

דאָס זעלבע מיט דעם מקדש. דער בית המקדש איז געווען דער צענטער פון דעם יידישן לעבן. דאָרט האָט מען עולה רגל געווען יעדן יום טוב. דאָרט איז געווען דער אָרט פון יידישער שמחה, דאָרט האָבן יידן זיך צונויפגעטראָפן און פאַרברענגט משפּחהדיק, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין „צענטער״ וואָס מיר באַגעגענען דאָ אין די גלות לענדער, אַ צענטער פון הוללות, פון פיזישע איבונגען אַ צענ-טער פון צוויי-פלהאַפטער שמחה. נאָר דאָס איז געווען גלייכצייטיק אַ „בית המקדש״, אַ הייליק הויז ווי די שכינה האָט דאָרטן שטענדיק גערוט, „אמר ר׳ אחא: לעולם אין השכינה זזה מכותל המערבי של בית המקדש, שנאמר 4) הנה זה עומד אחר כתלנו אחר כותל מערבי של בית המקדש: למה? שנשבע לו הקב״ה שאינו חרב לעולם. 5) ר׳ אחא זאָגט: קיינמאָל האָט זיך די שכינה נישט אָפּגעטאָן פון דער מערב וואַנט פון דעם בית המקדש, ווי אין פּסוק שטייט: דער רבונו של עולם שטייט הינטער אונדזער וואַנט. פאַרוואָס? ווייל ער האָט געשוואָרן, אַז זי וועט קיינמאָל נישט חרוב ווערן...

און כאָטש די חז״ל זאָגן „מי שלא ראה את ירושלים בתפארתה, לא ראה כרך נחמד מעולם״, דער וועלכער האָט נישט געזען ירושלים

אין איר שײנקײט, דער האָט קײנמאָל קײן פּראַכטפולע שטאָט נישט געזען 6) װעט אָבער קײנער נישט זאָגן, אַז רױם אָדער אַלעק־סאַנדריע זענען נישט געװען אַזױ שײן װי ירושלים. נאָר מען דאַרף באַמערקן װי די חז״ל צײכענען אונטער „בתפארתה", װאָס דאָס מײנט אין איר ספּעציפישער שײנקײט, אין אַ שײנקײט װאָס קײן אַנדער שטאָט האָט באמת נישט געהאַט. אפשר איז דער „ירושלים של מטה" טאַקע געװען נישט שענער פון אַנדערע שײנע שטעט, אָבער די שײנקײט װאָס ירושלים „של מעלה" האָט מיט אַזאַ ברײט־האַרציקײט בײגעטראָגן צו איר, דאָס איז ניט געװען בנמצא אין קײן שום אַנדער שטאָט. „כעיר שחוברה לה יחדיו". עד שלא אבוא לירושלים של מטה לא אבוא לירושלים של מעלה. ג־ט זאָגט: ביז איך קום נישט אַרײן אין דעם געװײנטלעכן ירושלים, קען איך נישט אַרײנקומען אין דעם העכערן ירושלים, װײל דאָס דאַרף זײן אַ שטאָט װאָס בײדע ירושלימס מוזן זײן באַהעפט. 7). נישטאָ קײן ניו־יאָרק של מעלה, נישטאָ קײן מעקסיקע של מעלה, נישטאָ קײן פּאַריז של מעלה. אַלע, אַלע זענען בלױז מטהדיק, שטעט װאָס דער־הױבן נישט, נאָר שלעפּן אַרונטער שטעט װעלכע װוּ מען קערט זיך און װוּ מען װענדט זיך זעט מען און מען פילט בלױז פיזישע און פּראַ־זאַאישע שײנקײט, שטעט אין װעלכע די מענטשן באָדן זיך אין די רינשטאָקן. די אײנאונאײנציקע שטאָט אין דער װעלט, װעלכע װערט באַטײלט אַלס „עיר הקודש", די הײליקע שטאָט דאָס איז נאָר „ירושלים"....

ג

און דעריבער װערט קלאָר פאַרװאָס עס גײט אַזױ שװער מיט דער איצטיקער „עליה", פאַרװאָס מען דאַרף קומען און אָרגאַניזירן, פּראָפּאַגאַנדירן און אײנרעדן, געבן לעקעכלעך דעם עולם און כמעט זיך אײנבעטן, װײל די „גלות שטעט" האָבן אַרױפגעלײגט אַ געװיסן שטעמפּל אױף די ײדן, װעלכע האָבן זיך צוגעװױנט צו דעם װאָס מיר רופן הײנט אָן „סטאַנדאַרט" פון לעבן. דער „סטאַנדאַרט" פון דעם

טאָג־טעגלעכן „מטהדיקן" לעבן אין מדינת ישראל האָט, מיט אַלע ישראלדיקע קאָניוקטורן, נאָך נישט דערגרייכט דעם „מטהדיקן" גלות־סטאַנדאַרט. אָבער יידן פאַרגעסן צוצוגעבן דעם ישראלדיקן „פלוס", דאָס „מעלהדיקע" לעבן פון ארץ ישראל וואָס דער וואָס וויל באמת דאָס אָפּשאַצן, ווייסט און פאַרשטייט, אַז דאָס פאַרגיטיקט אַן אַן ערך פאַר דעם „מינוס" אין מאַטעריע.

די חז"ל האָבן שוין לאַנג צוריק געזאָגט „ראיתי בני עליה והם מועטים". איך זע, אַז די מענטשן וועלכע פאַרשטייען דאָס דערהויבענע זענען זייער ווייניק. וואָרום צו זיין אַן „עולה" איז אַ „מדרגה" פון העכסטן ראַנג. דער ערשטער ייד וועלכער איז געווען אַן „עולה" קיין ארץ ישראל איז געווען יצחק אבינו. מערקווירדיק: ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהמן: „קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק", נעם דיין איינציקן זון דעם וועלכן דו האָסט ליב, יצחקן, האָט ער אים נישט געזאָגט ושחטהו לי שם לעולה, און שעכט אים מיר פאַר אַן עולה, נאָר ער האָט געזאָגט: „**והעליהו לי שם לעולה**", ברענג אים אויף צו מיר דאָרטן אַהין, און מאַך אים פאַר דעם ערשטן עולה קיין ארץ ישראל. „על אחד ההרים אשר אומר אליך". אויף איינעם פון די בערג וואָס איך וועל דיר זאָגן. און וועלכער באַרג איז דאָס געווען? דער „הר המוריה" און וואָס איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן דאָרטן? דאָס בית המקדש. טאָ וואָס איז דער גאַנצער טומל מיט דער „עקדה"? פאַרוואָס האָט אברהם געמיינט, אַז ג־ט וויל ער זאָל דאָרטן מקריב זיין זיין זון פאַר אַ קרבן? ווייל אברהם האָט פאַרשטאַנען און געוווסט, אַז כדי צו זיין אַן „עולה" קיין ישראל מוז מען זיין גרייט אויף אַלע קרבנות, אַפילו ממש צו שטרעקן דעם האַלדז פאַר ג־ט און ישראל, וואָרום נאָר אַ קרבן בינדט צו אַ מענטשן צו דעם אָרט און דעריבער האָט מען אַ נאָמען געגעבן דעם גאַנצן אַקט „עקדה", וואָס מיינט „צוגעבונדנקייט" אויף קיינמאָל זיך נישט אָפּצורייסן...

אויב יידן וועלן אָנהייבן דאָס צו פאַרשטיין, דאַן וועט מען נישט דאַרפן נוצן קיין „כנוסים" פאַר פּראָפּאַגאַנדע. צום גליק האָט דער

„ניצוץ״, דער פונק, וועלכער איז אַרויס פון דעם ישראלדיקן „מפּוח״, געוויזן, אַז יידן ווען זיי זענען אויף זייער אָרט אין זייער היים באַנוצן, דערפאַלגרייך דעם „אש להבה״ קעגן די שונאים. לאָמיר האָפן, אַז דער גייסטיקער פלאַם-פייער וועט אָנצינדן אויך די יידישע הערצער מיט ליבשאַפט פאַר דער מדינה נישט בלויז צוצוואַרפן איר אַ פּאָר גראָשן, וועלכע זענען נייטיק, נאָר זיי זאָלן אויך ווערן מיטגעריסן מיט די וואונדערלעכע געשעענישן, צו וועלן ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון זיי. אַך, ווי הערלעך וואָלט געווען פאַר יעדן פון אונדז צו קענען אָנטיילנעמען אין דער ברכה וואָס האָלט אין מקוים ווערן: „ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה״, דו וועסט זיך אַריינרייסן און אויסשפּרייטן אין די זייטן פון מערב, מזרח, צפון און דרום, „ונברכו בך כל משפחות האדמה״, און אַלע משפחה-פעל-קער וועלן זיך בענטשן מיט דיר, „ובזרעך״, און מיט דיינע קינדער. אָבער ווייזט אויס, אַז „לאו כל אדם זוכה״, נישט יעדער מענטש איז זוכה צו דער זעלבער זאַך. איינער קען, וויל ער נישט. און איינער וועלכער וואָלט יאָ געוואָלט, קען ער נישט. הקיצור, די סדרה פון „וישב יעקב בארץ מגורי אביו״ איז זייער און זייער אַן אַקטועלע און אַ צייטיקע...

---

1) בראשית כ״ב.
2) שם י״ד.
3) ב״ר, פנ״ו)
4) שיר השירים ב׳ט׳.
5) מדרש חזית ב׳.
6) סוכה נ״א.
7) תענית ה׳ א׳.

מקץ־שבת חנוכה

וואָס געווען וועט זיין

„ותאכלנה הפרות רעות המראה ודקות הבשר את שבע הפרות יפות המראה והבריאות (בראשית מ״א ד׳).

„כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתיך ולהעבירם מעל חוקי רצונך. (תפילת על הניסים דחנוכה).

א

עס איז דאָ אַ כלל ביי די „דורשי רשימות״, אַז אומעטום ווו עס שטייט דאָס וואָרט „ויהי״ איז דאָס אַ לשון פון „צער״. 1). פאַרוואָס די היינטיקע סדרה פאַנגט זיך אָן מיט דעם וואָרט, איז כדאי אַריינצוקוקן אין „אור החיים״ וועלכער גיט אָן עטלעכע טעמים וועגן דעם. מיר וועלן פּראָבירן דאָס פאַרשטיין אויף אונדזער פשוטן אופן. „ויהי״ איז די טייטש עס איז געווען. איז ווען, למשל, דאָס וואָס עס איז אַמאָל געווען וואָלט געבליבן בלויז אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דעם „אַמאָל״, וואָלט קיין צער נישט געווען און מיר וואָלטן געזאָגט, „וואָס געווען איז געווען און נישטאָ״. די צרה איז, וואָס געשיכטע איבערחזרט זיך און וואָס עס איז געשען אַמאָל געשעט אויך היינט... און דער „צער״ איז וואָס מען האָט גאָרנישט געלערנט פון דעם „אַמאָל״....

שבת חנוכה פאַלט כמעט אַלע מאָל אוים אין דער פּרשה „מקץ״. אָט דער צוזאַמענטרעף איז אַ סימבאָלישער וואָס גיט שטאָף צו דענקען, אַז געשעענישן אין דעם יידישן לעבן זענען נישט אומאָפּ-

הענגיק איינע פון די אַנדערע און, אַז זאַכן וואָס קומען פאָר אין איין פעריאָד פון דער יידישער געשיכטע האָבן אַ שטאַרקן צוזאַמענהאַנג מיט שפּעטערדיקע פּאַסירונגען אָדער זענען אפשר אַ פּועל יוצא פון זיי. גרעשעם געזעץ אין עקאָנאָמיע, וואָס שטרייכט אונטער דעם פּרינציפּ, אַז פאַלשע געלט טרייבט אַרויס די גוטע פון דער צירקו־לאַציע, איז אויך אמת אין דער טעריטאָריע פון מאָראַל און עטיק. פרעהס חלום, אַז די זיבן מאָגערע קי האָבן איינגעשלונגען די זיבן פעטע איז נישט קיין חלום, נאָר „מעשים בכל יום". די אויסגעדאַרטע קי פון איגנאָראַנץ פאַרשלינגט שטענדיק די פעטע קי פון וויסנ־שאַפט... אין דעם לעבן בכלל, און אין דעם יידישן לעבן בפרט, גייט אָן דער געראַנגל צווישן דעם גייסטיק־נידעריקן סטאַנדאַרט מיט דעם גייסטיק־העכערן סטאַנדאַרט און מיט אונדזערע אויגן זעען מיר דעם נצחון פון דעם נידעריקן איבערן העכערן... דער נצחון איז נישט קיין נאַטירלעכער, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַפּאַטיע און נאָכ־געלאַזנקייט.

טאָמאַס דזשעפערסאָן, דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּרעזי־דענט, האָט געזאָגט: אייביקע וואַכזאַמקייט איז דער פּרייז פאַר פרייהייט... פּרימיטיווע פאַרלאַנגען פון דער מענטשלעכער נאַטור זענען עלול צו צעשטערן די, מיט שווערער מי, אַוועקגעשטעלטע העכערע פּרינציפּן, וואָס גיבן דעם מענטשן דאָס רעכט זיך צו רופן מענטש... וואָרום די צעשטערערישע כוחות רייסן אַרונטער און פאַר־ניכטן זאַכן, אָן אַן ערך שנעלער ווי עס האָט געדויערט זיי אויפצו־בויען. אַן אַטאָמישע באָמבע, למשל, קען צעשטערן אַ ציוויליזאַציע וואָס האָט געדויערט טויזנטער יאָרן זי צו אַנטוויקלען... איין קליינער טעות, איין נישט אָפּגעהיטענער מאָמענט, קען צעברעכן אַ מענטשן און אונטערגראָבן זיין שווער פאַרהאָרעוועטע קאַריערע... איין נאַ־רישער אַקט האָט שוין נישט איינמאָל צעבראָכן אַ לאַנג יאָריקע הייראַט... דאָס, דאַכט זיך, איז פּשוט און יעדעס קינד פאַרשטייט דאָס, און דאָך זענען גרויסע מענטשן און פעלקער אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון די „פּרות רעות"...

ב

צוויי ימים טובים האָט דאָס יידישע פאָלק אַדאַפּטירט, אַלס רעזולטאַט וואָס מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן אַלס פאָלק, פון די הענט פון רשעים וואָס האָבן געוואָלט אונדז אומברענגען. חנוכה און פורים. צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן די צוויי, איז מאָדערנעם זין, לוינט דאָ צו ציטירן אַ וואָרט פון אַ היינטיקן ציוניס־טישן מנהיג, ד"ר נחום גאָלדמאַן, וועלכער האָט, נישט לאַנג צוריק, געזאָגט: אַמאָל האָבן מיר געקעמפט פאַר די רעכט צו זיין גלייך מיט אַלע... היינט מוזן מיר קעמפן פאַר די רעכט צו זיין אַנדערש ווי אַלע...

פורים פּרעזענטירט אַ נס, וואָס מיר, יידן, זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ שונא, וואָס האָט נישט געוואָלט מיר זאָלן זיין גלייך מיט אַלע... און חנוכה שטעלט אַוועק דעם נס פון אַ נצחון צו קענען בלייבן אַנדערש ווי אַלע. דער סך הכל איז אייביקע וואַכזאַמקייט. ווייל דער שונא מיר זאָלן זיין גלייך מיט אַלע, מוזן מיר קעמפן פאַר אונדזער אינדיווידועלער אַנדערשקייט. ווייל דער שונא אונדז האַלטן אַנדערש, מוזן מיר קעמפן פאַר גלייכקייט... און פונקט ווי אין פורים לייענען מיר „זכור" און „לא תשכח", געדענק און פאַרגעס נישט, און „הקורא למפריע לא יצא", דער וואָס לייענט די מגילה, אַלס אַ מעשה פון בלויז אַמאָל, האָט נישט יוצא געווען... פונקט אַזוי ווערט אין די תפילות פון חנוכה אונטערגעשטראָכן, אַז די חשמונאים־געשיכטע איז נישט קיין איזאָלירטער אינצידענט פון „בימים ההם", פון יענע אַמאָליקע צייטן וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער מאָדערנער דערפאַרונג, נאָר אדרבא, חנוכה איז די לעבעדיקע אַקטועלע היס־טאָריע פון „בזמן הזה" פון היינטיקן טאָג...

ווען אַ רעליגיעזער ייד קוקט זיך איין אין די איצטיקע געשעע־נישן און ער זעט ווי אומטראַדיציאָנעלע טעמפּלען שפּראָצן כסדר אויף און בליען און ווי עכטע הייליקע שולן פאַלן איין, זעט ער די העלעניסטישע געפאַר פאַר די אויגן און עס ווערט גרויס דער „צער" צו זען ווי דער אַמאָליקער „ויהי" ווערט אַ היינטיקער „הוה"...

דער גרעסטער פּאַראַדאָקס ליגט היינט אין אַ מערקווירדיקער דערשיינונג: אַלע וואָס קענען די יידישע געשיכטע פון חנוכה ווייסן, אַז דער נס חנוכה איז אינגאַנצן אַ רעליגיעזער. סיי די קעמ־פער, די חשמונאים, סיי דער מאָטיוו פאַר דעם קאַמף, זענען געווען טיף רעליגיעזע. ווייל דער קאַמף מיט די „מתיונים" איז געווען נישט ווייניקער פאַרביסן, ווי מיט די „יונים". און פונדעסטוועגן ווערט חנוכה געפייערט נישט נאָר אַלס רעליגיעזער יום טוב, נאָר אויך אַלס נאַציאָנאַלער און אַפילו נישט רעליגיעזע באַטייליקן זיך און זענען שטאָלץ מיט דעם יום טוב. ווילט זיך זיי זאָגן: מיר זענען באמת זייער צופרידן צו האָבן אייך אַלס שותפים צו דער שמחה. מיר פאַרגינען אייך 'עם שטאָלץ פון אייער פאָלקס־נצחון. אדרבא קומט לאָמיר צוזאַמען צינדן חנוכה־ליכט... אָבער „השמע לאזנך מה שאתה מוצא מפיך", פאַרוואָס הערט איר זיך נישט צו צו דעם וואָס איר אַליין זאָגט: איר שרייט און לויבט יהודה המכבי, איר פאַר־הייליקט אים און פאַרהערלעכט אים. מיר האָבן אַפילו אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע אין ישראל וואָס טראָגט דעם גרויסן נאָמען „מכבי". אָבער ווייסט איר דען נישט וואָס דאָס וואָרט מכבי באַדייטעט? אוודאי ווייסט איר. איר מאַכט זיך נאָר „כלא ידע". „מכבי" איז די ראשי תבות פון דעם פסוק, יאָ אַ פסוק פון דער תורה „מי כמכה באלים ד'". „מכבי" איז אַלזאָ אַ רעליגיעזע פאַראַל, טאָ ווי קומט עס וואָס איר לייענט נישט „די שריפט אויף דער וואַנט?"

די פרייע יידישע וועלט האָט זיך אָנגעכאַפּט און פאַראַדירט מיט צוויי סלאָגאַנס פון דער תפילה „על הניסים". „מסרת גבורים ביד חלשים", און „ורבים ביד מעטים", און זיי באַנוצן זיך מיט זיי ביי יעדער געלעגנהייט... מיר האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געהערט מנחם בעגינען רעדן וועגן דעם נצחון אין ישראל און אויך ער האָט אָפּערירט מיט די סלאָגאַנס. נאָך דער רעדע, וועלכע איז אגב געווען אַ מייסטער־ווערק אַלאַ בעגין, פרעגן מיר אים: מנחם, פאַר וואָס ציטירט איר בלויז די צוויי? אין „על הניסים" שטייט דאָך ווייטער אויך עפּעס „וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים,

וזדים ביד עוסקי תורתך". הייסט דאָך דאָס, אַז דער נס איז נישט בלויז געגעבן געוואָרן צו סתם „ווייניקע איבער מערערע" און צו סתם „שוואַכע איבער שטאַרקע", נאָר דער נס איז געווען וואָס די ווייניקע און די שוואַכע זענען צוגלייך געווען „טהורים, צדיקים און עוסקים בתורה"... פאַרוואָס פאַרשווייגט איר דאָס? זיין ענטפער איז נאַטירלעך געווען אַ וויציקער, אַז ער מוז עפּעס איבערלאָזן פאַר אונדז, אָבער די שאלה בלייבט אין איר גאַנצער הארבקייט כאָטש זי איז אַזוי לייכט צו פאַרענטפערן...

איין תשובה איז „שכחה". דער ייד דאַרף, לויט עס איז ביי דער וועלט אָנגענומען, האָבן דעם בעסטן קאָפּ. (די וועלט זאָגט אַפילו אַ וויץ: פאַרוואָס, ווען אַ ייד שמדט זיך ווערט ער, געוויינלעך, אַ רייכער מאַן, און ווען אַ גוי איז זיך מגייר בלייבט ער אַ שטענדי־קער קבצן? ווייל, ווען אַ ייד שמדט זיך האָט ער אַ יידישן קאָפּ און ער באַקומט נאָך דערצו גויש מזל, נו, גייט אים אַוועק... אָבער ווען אַ גוי איז זיך מגייר, אַ גוישן קאָפּ, האָט ער און אַ יידישן מזל באַקומט ער. איז אָך און וויי צו אים...) אַ ייד נוצט אויס זיין שאַרפן קאָפּ „להבא", פאַר דער צוקונפט, צו שאַפן און צו בויען נייע זאַכן. ער וויל אָבער בשום אופן נישט האַלטן קאָפּ פון דעם עבר. דער נעכטן איז צו גרויליק און צו טרויעריק, ווייל ער אים פאַרגעסן... וואָלט אפשר געווען נישט אַזוי שלעכט. דער אומגליק אָבער איז וואָס דער „ויהי" פון נעכטן פאַרגעסט אים נישט און צו מען וויל צו נישט, חזרט זיך דער שוידער און דער גרויל איבער, ווען דער ייד איז נישט גענוג וואַך און אויפמערקזאַם.

איינע פון די זאַכן וואָס דער „יון" צוזאַמען מיטן „מתיון" האָבן געוואָלט איז געווען „להשכיחם תורתך", צו מאַכן זיי פאַר־געסן „דיין תורה". מערקט אייך, „דיין תורה", נישט סתם תורה. די העלעניסטן פון אַמאָל, פונקט ווי די פון היינט, זענען דוקא געווען ליבהאָבער פון חכמה און קולטור. דער קאָנפליקט צווישן די העלע־ניסטן און די תורהיסטן איז נישט געווען צו תורה זאָל עקזיסטירן אַלס אינטעלעקטואַלע דיסציפלין. זיי האָבן געשעצט תורה פונקט

ווי מאַטעמאַטיק, היסטאָריע, פילאָזאָפיע. זיי האָבן געקענט געפינען א פלאַץ פאַר דער תורה אַלס אַ שטודיום ווי אַלע אַנדערע שטודיומס. תנ"ך האָט געקענט ווערן אַ קעגנשטאַנד פון די לימודים, אַלס אַן אַבסטראַקטע וויסנשאַפט. קעגן וואָס זיי האָבן יאָ ביטער געקעמפט איז געווען קעגן דעם, אַז תורה איז פון ג-ט מן השמים, אַז תורה איז דער איינציקער אָביעקט וואָס פאַרבינדט ג-ט און מענטש. עס שטייט נישט, אַז זיי האָבן געוואָלט „להשכיחם תורה" זיי צו מאַכן פאַרגעסן סתם תורה, נאָר וואָס זיי האָבן געוואָלט איז געווען „להשכיחם תורתך" צו מאַכן זיי פאַרגעסן דיין תורה, ג-טס תורה... נו, איז דאָס בלויז געווען „בימים ההם": אָדער האָבן מיר דאָס אויך „בזמן הזה"?

און נאָך עפּעס: דער נס חנוכה און דאָס צינדן די חנוכה ליכט זענען צענטראַליזירט אַרום דעם באַרימטן קריגל בוימל, וואָס איז געפונען געוואָרן מיטן „חותם" פון דעם כהן גדול וואָס האָט געדויערט אַנשטאָט איין נאַכט גאַנצע אַכט נעכט... אַלע אַנדערע בוימל האָבן די שונאים פאַראומריייניקט און דער נס איז געווען אַ דאָפּלטער. ערשטנס, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ כהן גדול מיט וויזיע און באַהאַלטן כאָטש איין קריגל בוימל... און צווייטנס וואָס דאָס קליינע קריגל בוימל האָט אויסגעהאַלטן, אומנאַטירלעך, אַ לענגערע צייט, ביז מען האָט געקענט קריגן אַנדערע ריינע בוימל. ווען מיר פאַר־טראַכטן זיך אין דעם לשון פון די חז"ל „כשנכנסו יונים להיכל טמאו כל השמנים" 2), ווען די יונים זענען אַריין אין בית המקדש האָבן זיי פאַראומרייניקט אַלע בוימלען, מוז מען פרעגן, אויב די גריכן האָבן נישט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן קענען אַנצינדן די מנורה, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי ניט אויסגעגאָסן, פאַרניכטעט דעם בוימל? וואָס עפּעס האָבן זיי אים בלויז מטמא געווען? נאָר פון דעם וואָס די גמרא זאָגט לערנען מיר זייער אמתן ציל און דעם סוד וואָס די העלעניסטן האָבן זיי געמוזט איבערגעבן... זייער ציל איז נישט געווען אַזוי ווייט דאָס אומעגלעך מאַכן אַנצוצינדן די מנורה נאָר גיכער, אַז די מנורה זאָל אַנגעצונדן ווערן מיט אומריינע אויל... זיי

האָבן איבערגעלאָזט געגוג בוימל, פאַרקערט, זאָלן זיי צינדן די מנורה, אָבער זאָלן זיי דאָס טאָן מיט אונדזער בוימל... זאָל זיין תורה, זאָל זיין ליכט, אָבער אונדזער תורה, אונדזער ליכט, די העלעניסטישע. חנוכה לערנט אונדז דעריבער אויפּסניי ווי זיך צו היטן, אַז די „פרות רעות" זאָלן נישט איינשלינגען די „פרות טובות". חנוכה לערנט אונדז, אַז עס איז נישט גענוג צו לערנען תורה, עס נישט גענוג אָנצוצינדן די מנורה, נאָר, אַז דאָס פייער פון תורה און די ליכט פון דער מנורה מוזן זיין ריינע אומבאַפלעקטע, לויטערע און קלאָרע און יידן טאָרן דאָס נישט פאַרגעסן אונטער אַלע אומשטענדן, אויב זיי ווילן ווייטער ציען די קיים פון אונדזערע אבות, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס יידישע פאָלק מיט קדושהדיקער זיכערקייט...

ג

די מצוה פון „הדלקת נר חנוכה איז ווי מיר ווייסן, נישט קיין מצוה מן התורה, נאָר מדברי סופרים, און לויט דעם כלל פון „כל מה דתקון דרבנן כעין דאוריתה תקון", אַז אַלץ וואָס די רבנן האָבן מתקן געווען האָט דעם זעלבן כח און שטאַרקייט ווי די מצוה וואָלט געווען מדאוריתא, 3). דעריבער האָבן די רבנן געקענט מתקן זיין אַ ברכה אַפילו אויף אַזאַ מצוה וואָס שטייט נישט בפירוש אין דער תורה. ווי דער רמב"ם זאָגט: שכל ודאי של דבריהם מברכין עליו. 4). אַזוי, אַז די ברכה „אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה" איז אַ לעגאַלע און געזעצלעכע. לויט דעם אויבן געזאָגטן אָבער מיינען מיר, אַז די ברכות פון חנוכה (און פון מגילה) קענען סימבאָליש אָנגערופן ווערן ברכות מן התורה. וואָרום אויב דער גאַנצער קאַמף פון די חשמונאים איז געווען אַ תורהדיקער אַ „מלחמת דת", זענען דאָך אַלע מצות געווען ממש אָפּהענגיק פון דעם נצחון פון די חשמונאים... וואָרום ווען דער שונא זאָל חלילה געווען מצליח זיין און אויספירן זיינע גזרות קעגן שבת, מילה, טהרת המשפחה, כשרות א.א.וו. וואָלטן דאָך אַלע מצות בטל געוואָרן, וואָלט דאָך די גאַנצע תורה פאַרגעסן געוואָרן... איז דעריבער דער טייטש פון דער ברכה

„אשר קדשנו במצותיו" ווייל ג-ט האָט אונדז געהייליקט מיט זיינע תרי"ג מצות. „וצונו", האָט ער אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן אַלץ טאָן, מיר זאָלן מיט אַלע אונדזערע כוחות קעמפן „להדליק נר", אָנצוצינדן די ריינע הייליקע ליכט „חנוכה" און מיר זאָלן דאָס אַלע-מאָל באַנייען און מיט דעם מחנך זיין אונדזערע קינדער...

---

1) מגילה י׳.
2) שבת כ"א.
3) יבמות י"א.
4) הלכות חנוכה פ"ג הל׳ה׳.

ויגש

ווען הערצער דערנענטערן זיך

„ויגש אליו יהודה" (בראשית מ״ד, י״ח).
„ולא יכל יוסף להתאפק לכל הנצבים עליו" (בראשית מ״ה א׳).
„ויפל על צוארי בנימין אחיו ויבך ובנימן בכה על צואריו" (בראשית מ״ה י״ד).
על שני מקדשות שעתידין להיות בחלקו של בנימן וסופן לחרב על משכן שילה שעתיד להיות בחלקו של יוסף ועתיד לחרב (רש״י).

א

שווער צו פאַרשטיין די אויבן ציטירטע רש״י. נאָכוואָס דער אויסטייטש, אַז יוסף און בנימן האָבן געוויינט אויף די חרובע בתי מקדשות, וועלכע וועלן געבויט ווערן אין ארץ ישראל, אין זייערע טיילן, און זיי וועלן חרוב ווערן? צו איז נייטיק געווען צו זוכן אַנדערע אורזאַכן פאַר דעם וויינען ווי די נאַטירלעכע? ווען צוויי לייבלעכע ברידער, פון איין טאַטע מאַמע, זענען פאַר צווייאונצוואַנציק יאָר אָפּגעריסן איינער פון דעם אַנדערן און זיי באַגעגענען זיך אונטער דראַמאַטישע אומשטענדן, איז דען זייער וויינען פאַר פרייד אומנאַטירלעך, אַז מען זאָל מוז אויסטייטשן דאָס מיט אַנדערע טעמים?

דער אָנפאַנג און דער קלימאַקס פון דער היינטיקער סדרה זענען, לכאורה, אויך נישט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך. ווען מיר אַנאַליזירן יהודהס אויפטריט און זיין דיפּלאָמאַטישע פאַרטיידיקונגס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר יוספן כדי אָפּצוראַטעווען בנימנען

פון דער באַשולדיקונג פון צוגנבֿענען יוספֿס בעכער, געפֿינען מיר נישט אין איר קיינע נייע פֿאַקטן, וואָס זאָלן קענען באַאיינפֿלוסן יוספֿן צו בייטן זיין באַשלוס. יהודה האָט נישט מער ווי איבערגעחזרט דאָס וואָס יוסף האָט שוין געוווּסט. טאָ פֿרעגט זיך: וואָס האָט יוספֿן אַזוי שטאַרק צעטרייסלט, אַז ער האָט ראַדיקאַל און אומדערוואַרטעט, געענדערט זיין האַרטע שטעלונג און האָט אויסגעבראָכן אין אַ סענסיטיווען געוויין? „ויתן את קולו בבכי".

מיר האַלטן, אַז נישט דער אינהאַלט פֿון דער רעדע, נישט די לאָגיק און נישט די פֿאַקטן, זענען געווען אינסטרומענטאַל, צו ברענגען יוספֿן, צום סוף פֿון זיין ראָלע, צו דעם „ולא יכל יוסף להתאפק". ניין! וואָרום, ווי געזאָגט, האָט יוסף דאָ נישט געהערט קיין שום נייעס וואָס זאָל אַזוי באַווירקן זיין שכל און זיינע געפֿילן. נאָר וואָס עס האָט יוספֿן יאָ אויפֿגעטרייסלט, וואָס עס איז פֿאַר אים, יאָ געווען ניי, איז דער טאָן, דער אופֿן און די עמאָציע פֿון יהודהס רעדן. און די ערשטע ווערטער פֿון דער סדרה זענען דער שליסל וואָס עפֿנט פֿאַר אונדז די געהיימע טיר וועלכע האָט געפֿירט צום גליקלעכן אָפּשלוס פֿון דער שטורעמדיקער „ברידער-דראַמע". די ווערטער זענען: „ויגש אליו יהודה". און יהודה האָט זיך צו אים דערנענטערט... אָט אין זיי איז געלעגן יהודהס גרויסער דערפֿאָלג. די דערנענטערונג פֿון יהודה צו יוספֿן... דאָס איז געווען די נייעס וואָס האָט יוספֿן אינגאַנצן איבערגעביטן... אָפּפֿרישנדיק די גאַנצע פּאַסירונג, אין געציילטע ווערטער, געפֿינען מיר דעם „קערנדל" פֿון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן דער גאַנצער פּלאַנטער אין די ווערטער פֿון דעם פּסוק, „ויראו אותו מרחוק ובטרם יקרב אליהם ויתנכלו אותו להמיתו 1) זיי האָבן אים געזען פֿון ווייטן און איידער ער האָט זיך דערנענטערט האָבן זיי געטראַכט אים צו הרגענען. אָט דער „מרחוק" איז געווען די אומגליקלעכע, פּסיכאָלאָגישע סיבה פֿון דער שנאה. דער פּסוק באַנוצט אויך דעם וואָרט „ובטרם". טרם מיינט איידער, פֿריער. דאָס איז אָבער נישט קיין וואָרט וואָס מען באַנוצט אויף דער נאָנטער פֿאַרגאַנגנהייט, נאָר דווקא אויף אַ גאָר ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט. למשל,

ווען פרעהס קנעכט האָבן געוואָלט איבערצייגן אים, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים, האָבן זיי גענוצט דעם אַרגומענט: „הטרם תדע כי אבדה מצרים”, וואָס מיינט: צו ווייסטו דען נישט שוין פון אַ לאַנגער צייט, אַז מצרים איז פאַרלאָרן?... אַזוי, אַז דאָס וואָרט באַצייכנט אַ טערמין פאַר לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. און דאָס האָט געזאָגט דער פסוק: „ויראו אותו מרחוק”, ווייל זיי האָבן שטענדיק, אַלעמאָל, אים געזען בלויז פון „דערווייטנס”. „ובטרם יקרב אליהם” און ער איז קיין מאָל, אין דער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, נישט געווען נאָנט צו זיי. דעריבער „ויתנכלו אותו להמיתו”. דאָס איז געווען די סבה פון זייערע מחשבות אים צו הרגענען. און וואָס האָבן זיי געזאָגט, בשעת מעשה, „הנה בעל החלומות הלזה בא” אָט קומט ער, דער אומרעאַליסטישער, טרוימער. און דאָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז ווידער זייערע פאַרוווּנדעטע געפילן. דאָס מיינט צו זאָגן: מען קען זיין צוזאַמען מיט אַ מענטשן, אַפילו אַן אייגענעם ברודער, יאָרן לאַנג אין איין הויז, עסן ביי איין טיש און שלאָפן אין איין צימער און דאָך בלייבן פרעמד, אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אַנדערן...

מעגלעך, אַז יוסף מיט זיין גאַנצער אומשולדיקייט, איז געווען נישט ווייניק שולדיק. אַ יונגער יינגל, אַ „בן זקונים”, פאַרפּיעשטשעט, קודם פון זיין מוטער און שפּעטער פון זיין פאָטער, אַלע מענטשן האָבן, מסתמא, געקוקט אויף אים מיט מיטלייד און רחמנות. אַ יתומל נעבעך, פלעגט ער כסדר אַרומגיין מיט אַ רחמנות-פּנימל, פאַרטראַכט אין זיך אַליין אַ מין פאַסטוכל אַ טרוימער... און געטרוימט האָט ער פון בינטלעך קאָרן וואָס הויבן זיך, פון זון, לבנה און שטערן... דער פאָטער פלעגט מיט אים אויך לערנען אַבטראַקטע ענינים. (פון עגלה ערופה).... מיט איין וואָרט, ער איז געווען מער „אַסטראָנאָם” ווי „אַגראָנאָם”... במילא פלעגט ער אויף דער ערד זען זאַכן ווע מעס באַדייט עס איז געווען שווער פאַר אים צו באַנעמען און אין די אינטימע שמועסן מיט זיין באַליבטן פאָטער, פלעגט ער לאָזן פאַלן באַמערקונגען פון זאַכן וואָס ער האָט געזען ביי די ברידער און נישט פאַרשטאַנען זייער כוונה...

דער „שפתי חכמים" לייגט דעם פינגער אויף דעם פולם פון דעם רעיון. אויפן פסוק „ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם", 2), זאָגט רש"י: „כל רעה שהיה רואה באחיו היה מגיד לאביו". יעדע שלעכטס וואָס ער האָט געזען ביי די ברידער האָט ער דערציילט דעם טאַטן. באַמערקט דער „שפתי חכמים", „שלדעתו אמת היה", ער האָט געמיינט, אַז וואָס ער זעט איז ריכטיק, אָבער „טעות היה בידו". ער האָט זיך טועה געווען. וואָלט ער נישט געווען אַזוי פאַרחלומט, וואָלט ער געווען געזען זאַכן מער רעאַליסטיש, אָדער וואָלט ער פאַרלאַנגט אַן אויפקלערונג פון זיינע ברידער, וואָלט זיכער נישט געווען קיין בייז, און עס וואָלט געווען „שלום על ישראל". נאָר די „וויטקייט", ער פון זיי און ממילא, זיי פון אים, האָט דערפירט צו דער גרויסער טראַגישער איבערלעבונג... און דאָ, פלוצלינג, „ויגש אליו יהודה". יהודה האָט זיך דערנענטערט צו אים און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט יוסף דערהערט אַ שפּראַך פון זיינע ברידער וואָס האָט געקלונגען אַזוי נאָענט, אַזוי האַרציק און אויפריכטיק, מיט אַזויפיל אמתער ליבע סיי צום פאָטער און סיי צו אים אַליין, דעם פאַר-לאָרענעם ברודער... דאָס ערשטע מאָל, וואָס עס האָט גערעדט נישט דאָס מויל, נאָר דאָס האַרץ פון אַ זון און אַ ברודער. און וויפל צער איז געלעגן אין די ווערטער, וויפל ליבע, מורא און אַנגסטן, האָט זיך אַרויסגעהערט פון זיי. און שטייענדיק סוף כל סוף פנים אל פנים, מיט זיינע ברידער, זעענדיק דעם ווייטאָג אויסגעגאָסן אויף זייערע פנימער האָבן אים די מחשבות פאַרטראָגן מיט צוויייאונצוואַנציק יאָר צוריק. נישט צום אַקט פון פאַרקויפן אים, וואָס האָט ביז איצט פאַר-נומען זיין גאַנצן מח, נאָר צו זיין אייגענער אויפירונג... און עס האָט אים געגעבן אַ זעץ אין געדאַנק: צו בין איך אַליין נישט מיטשולדיק אין זייער אַקט? צו האָב איך פאַרשטאַנען אָט די וווּנדערבאַרע מענטשן און זייער אויפפירונג? און אַן איבערקערעניש איז פאַרגע-קומען אין זיינע געפילן. הרטה און צוגלייך געוואַלדיקע שמחה האָט אויפגעשטורעמט זיין גאַנצן וועזן „ולא יכל להתאפק". מער האָט ער זיך נישט געקענט באַהערשן... ווען דער „וירא אותו מרחוק" איז

פאַרביטן געוואָרן אויפן „ויגש אליו יהודה", איז פאַרגעסן און אָפּגע־ווישט געוואָרן די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. „ויתן את קולו בבכי", און אַ שטראָם פון זודיקע פרייד־טרערן האָט באַגאָסן זיין געזיכט און ער האָט אויסגעשריגן „אני יוסף אחיכם". אָט בין איך באמת אייער ברודער יוסף"...

די חז"ל זאָגן: ווען יוסף האָט זיך געגעבן צו דערקענען, „ראה אותם נסוגים אחור", האָט ער געזען ווי זיי ציען זיך צוריק, פאַר בושה נאַטירלעך. שרייט ווידער יוסף אויס, ניין! גייט מער נישט אַוועק! גענוג געווען פון ווייטנס!... „גשו נא אלי" דערנענטערט זיך צו מיר, לאָמיר פון היינט אָן זיין אמתע נאָנטע... „ויגשו", האָבן זיי זיך אויף אַן אמת דערנענטערט צו אים צום ערשטן מאָל.

ב

מיר גלייבן אַז איצט ווערט אויך קלאָרער די ערשטע פראַגע, פאַרוואָס די חז"ל זאָגן, אַז יוסף און בנימן האָבן געוויינט אויף די חורבנות פון די בתי מקדשות. וואָרום די גמרא זאָגט: מקדש שני שהיו עוסקין בתורה ובמצות וגמילות חסדים מפני מה נחרב? מפני שהיה בו שנאת חנם. דער צווייטער בית המקדש, אין וועמעס צייטן די יידן האָבן געלערנט תורה, געטאָן מצות און מעשים טובים, פאַר־וואָס איז ער חרוב געוואָרן? ווייל עס איז געווען אין אים „שנאת חנם", אומזיסטע פיינטשאַפט. 3). און די גמרא דייטעט אויך אָן, אַז כאָטש אין די צייטן פון דעם ערשטן בית המקדש, זענען געווען אַנדערע עבירות, האָט אָבער אויך די שרעקלעכע עבירה פון „שנאת חנם" געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע אין דעם חורבן. נו, קענען מיר לייכט פאַרשטיין די געדאַנקען וואָס זענען דורכגעלאָפן אין די מוחות פון די צוויי, נאָר וואָס, פאַראייניקטע ברידער. מער ווי יע־דער האָבן זיי, ספּעציעל יוסף, געפילט די קאָנסעקווענצן פון „שנאה". דורך אַ שנאה איז ער, יוסף, דורכגעגאַנגען דעם גהינם, געלעגן אין אַ גרוב מיט גיפטיקע שלאַנגען און פאַרקויפט געוואָרן צו קנעכט־שאַפט, אומשולדיק באַשולדיקט געוואָרן אין אוממאָראַלישע פאַר־

ברעכנס, אריינגעוואָרפן געוואָרן אויף יאָרן אין קרימינאַל, שוין נישט רעדנדיק פון די טיפע, גייסטיקע לײַדן פון דאָס זיין אָפּגעריסן פון זיין טאַטן. און ענדלעך, נאָך אַזויפיל יאָרן זעט מען זיך ווידער אין אומ־שטענדן פון גליק און פרייד, ער אַ מלך און די ברידער דערנענטער־טע און גליקלעכע. צוריק איז געוואָרן גאַנץ די משפחה און באַלד וועט ער זען דעם ליבן, טייערן פאָטער... נישטאָ קיין גרענעץ דאַכט זיך צו דער נייער אויסגעבענקטער „אהבה"... איז דאָך גוט?... אָבער דאָ זעען זיי בנבואה אַז ניין, עס איז נישט אַזוי. די שנאה איז נישט פאַרשוואונדן. די יידישע „בתי מקדשות" וועלן חרוב ווערן צוליב נישט קיין אַנדערער סיבה ווי נאָכאַמאָל די זעלבע, שרעקלעכע „שנאת חנם". און דער געוויין פון שמחה און פרייד ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ געוויין פון צער און טרויער פאַר דעם יידישן פאָלק וועלכער דאַרף אַרויסקומען פון זיי די „שבטי יה", און ער וועט מוזן דורכגיין חורבנות און גלותן אין וועלכע ער וועט דאַרפן אַזוי ביטער לײַדן און אַלץ צוליב שנאה פון ברודער צו ברודער... אינמיטן דער פרייד, אַזאַ שרעקלעכער טרויער....

ג

אַט דער געדאַנק רופט בײַ אונדז אַליין אויף אַרויס אַ טרער. צו נאָך אַלע חורבנות און גלותן, שטייען מיר נישט, היינט יעדער אין זיין ווינקל, פאַר דער זעלבער צרהדיקער דילעמע פון „שנאת חנם"? וואָלט דען נישט געווען מער יידישקייט און מער רעספּעקט פאַר תורה, צווישן די יידישע מאַסן, ווען זיי וואָלטן אַביסל ווייניקער באַמערקט די „שנאת חנם" וואָס הערשט צווישן די, אַזוי גערופענע, אָרטאָדאָקסישע, אפילו רבנישע קרייזן? וואָלט דען דאָס יידישע לעבן בכלל נישט געווען שענער ווען איינער דעם אַנדערן וואָלט נישט געזוכט אונטערצושטעלן אַ פיסל בײַ יעדער געלעגנהייט?...

ווען די פּיאָנערן פון די נאָרד־אַמעריקאַאַער „פּילגרימס" האָבן זיך באַזעצט אין די בערג, וואָס רופן זיך „בערגשייער" האָבן

זיי דאָרטן אָנגעטראָפן אַ שיעור גרויסע, שרעקלעכע, גיפטיקע שלאַנגען, וועלכע האָבן אין אַ קורצער צייט אויסגעהרגעט אַ סך מענטשן. ענדלעך האָבן זיי אויפגעפונען אַ מאָדנע דערשיינונג, אַז העכער פון פירהונדערט מעטער האָבן די שלאַנגען קיין שליטה נישט און דער וואָס וווינט אין אָט דער הויך, קען זיין רואיק און זיכער, אַז קיין שלאַנג וועט אים נישט בייסן. האָט מען אָפּגעמאָסטן פירהונדערט מעטער פון דער ים פלאַך, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן די „שלאַנגען-ליניע", און אַזוי אַרום איז פאַרזיכערט געוואָרן דאָס לעבן פון דער באַזעצטער קאָלאָניע. שפּעטער, נאַטירלעך, האָט מען געשאַפן ספּעציעלע עקספּעדיציעס, וואָס האָבן אויסגעראָטעט אַלע שלאַנגען און געמאַכט אויך דעם טאָל וווינבאַר. היינט איז דאָס איינע פון די שענסטע געגנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווערמאַנט און העמפּשער 4) וואָלט נישט כדאי געווען עפּעס צו לערנען פון דער דערפאַרונג? וואָלט נישט געווען נייטיק צו שאַפן אַזאַ גייסטיקע „שלאַנגען-ליניע"? זענען דען קנאָה, שנאה, נישט פאַרגינערריי, לשון הרע און רכילות נישט די ערגסטע גיפטיקע שלאַנגען, וואָס מאַכן אַן אַ חורבן אין די יידישע רייען? וווינען דען נישט אָט די אויסגערעכנטע שלעכטע מידות אין די נידעריקסטע טיילן פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער? לוינט זיך דען נישט צו מאַכן אַלע נייטיקע אָנשטרענגונגען צו דערהויבן זיך איבער דער "גייסטיקער" „שלאַנגען-ליניע" צו קענען אויך אין גייסטיקן זין לעבן רואיק און זיכער? זאָלן זיך וועגן דעם פאַרטראַכטן נישט נאָר דער המון עם, נאָר נאָך מער די אויבערשטע שיכט... — און אפשר, ווער ווייסט? אפשר וועלן מיר קענען אַזוי אַרום פאַרמיידן. נייע חורבנות און נייע גלותן. לאָמיר האָפן . . .

---

1) פּ׳ וישב.
2) בראשית ל"ז ג׳.
3) יומא ט׳ א׳.
4) הרב ב. ל. בערזאָן און ר. מ.

ויחי

דער אייביקער סוד

„למה פרשה זו סתומה? לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם. דבר אחר שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו (רש"י) (לשון המדרש ונסתלקה ממנו שכינה).

„בר אחוי דר' יוסי אמר: שלשה סימנים נתן להם הזקן, הבא בסיגנון של אנכי! הממנה מכם זקנים והאומר לכם פקוד! זה הוא הגואל. (בראשית רבה צ"ז ח').

המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים ויקרא בהם וכו' וידגו לרוב בקרב הארץ (בר' מ"ח).

„חזק חזק ונתחזק"...

א

די פראַגע וועלכע רש"י שטעלט אַוועק גלייך ביים אָנהויב פון דער היינטיקער סדרה: למה פרשה זו סתומה? וואָס דער פשוטער מין דערפון איז: פאַרוואָס איז צווישן דער סדרה און דער פריערדיקער נישטאָ קיין ליידיקער פלאַץ ווי עס פירט זיך ביי אַלע אַנדערע סדרות? ווילן מיר פאַרבירן טייטשן נאָך פשוטער. למה פרשה זו סתומה? פאַרוואָס איז די פרשה פון „ויחי יעקב", פון יעקבס לעבן, אַ פאַרמאַכטע און אַ פאַרבאָרגענע? פאַרוואָס איז יעקבס לעבן אַזוי ענג און ווי קען יעקב גאָר לעבן אונטער אַזעלכע שווערע באַדינגונגען? די פראַגע בויערט דעם מח זינט דער אַנטשטייאונג פון די יידן אַלס אַ פאָלק. „דבר זה נשאל לחכמים ולנביאים ולא

פרשיהו". 1). די חידה איז אַן אייביקע. יעקבס לעבן איז אומפאַר־שטענדלעך. חכמים, חוקרים, היסטאָריקער פריינט און שונאים האָבן דאָס געוואָלט וויסן שונאים, בכדי לייכטער אונדז אומצוברענגען, פריינט וואָלטן דאָס וועלן אויסגעפינען בכדי צו קענען אונדז נאָכטאָן... אָבער קיינער, ממש קיינער, האָט נישט געקענט אַנטדעקן דעם „רז", דעם טיפן מיסטעריעזן סעקרעט... די בעיה איז פאַרבליבן מיט אַן אייביקן תיקו . . .

רש"י האָט קודם אָפילו יאָ פּראָבירט געבן אַ תירוץ: לפי שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד. דאָס קען מיינען, אַז אַזוי לאַנג ווי יעקב אבינו האָט געלעבט, איז ער געווען דער כח וואָס האָט זיי אויפגעהאַלטן . . . און ווען יעקב אבינו איז נפטר געוואָרן, איז „צרת השעבוד" געוואָרן די „טרייבקראַפט" פון דעם יידישן דאַ זיין . . ווי די תורה, אין דער קומענדיקער ערשטער „גלות־סדרה" שמות, זאָגט עדות: „וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ"... וואָס מער די מצרים האָבן די יידן געפּייניקט, אַלץ מער און שטאַרקער זענען זיי געוואָרן... און די גאַנצע יידישע גלות־געשיכטע באַשטעטיקט איר עדות זאָגן . . . אָבער באַלד כאַפּט זיך רש"י ווידער צוריק און זאָגט: „דבר אחר". נאָך נישט דאָס אַליין איז דער סוד פון דעם יידישן קיום. דאָס וואָלט געווען אַ גאַנץ קליינער קאָמפּלימענט פאַר דעם יידישן פאָלק, אַז בלויז צרות האָלט עס אויף אַלס יידיש פאָלק... נאָר וואָס דען? זאָגט רש"י: „בקש יעקב לגלות את הקץ". יעקב האָט געוואָלט אויסזאָגן, מגלה זיין, פאַר זיינע קינדער דעם גרויסן סוד און זיין ענדציל, „נסתלק ממנו שכינה", האָט די שכינה פּראָטעסטירט און נישט געלאָזט „ונסתם ממנו" און ער אַליין האָט שוין נישט געוווסט דעם ריכטיקן ענטפער צו דער גרויסער אייביקער פראַגע... ווי זאָגנדיק צו אים: יעקב! דער סוד אַליין איז דער „קיום העם". „קודשא ברוך הוא, אוריתא וישראל חד הוא" ג־ט, די יידן און די תורה איז איין איינזיקייט. אַזוי ווי קיינער האָט נאָך נישט דערגרונטעוועט די גאָטהייט, אַזוי ווי קיינער האָט נאָך נישט אַנטדעקט אַלע „סודות התורה" אַזוי וועט קיינער, קיינמאָל

נישט, דערגײן דעם סוד פון דעם ײדישן קיום... װי שײן די חז״ל זאָגן דאָס: אין הברכה מצויה לא בדבר השקל, ולא בדבר המדוד, ולא בדבר המנוי אלא בדבר הסמוי מן העין... די ברכה קען נישט חל זײן נישט אויף קײן געמאָסטענער, נישט אויף קײן געצײלטער און נישט אויף קײן געװױגענער זאַך, נאָר אויף אַ זאַך װאָס עס איז פאַרהוילן פון דעם אויג . . . 2). מיסטעריע האַלט געש־פאַנט. סעקרעטן ציען אויפמערקזאַמקײט. דאָס װעלן דערגרונטעװען זיך דערהאַלט בײם לעבן . . . דער סוד, אַלזאָ, פון „ויחי יעקב״ איז דער סוד אַלײן . . . דוד המלך האָט געזאָגט: „סוד ד׳ ליראיו״, דער סוד פון דער ג־טהײט העלפט צו יראת שמים . . . 3). כביכל אַלײן זאָגט אין דער תורה „הלא היא כמוס עמדי חתום באוצרותי״. דער סוד איז באַהאַלטן בײ מיר אין מײנע אוצרות . . . 4). לאָמיר, דעריבער אויפהערן זיך גריבלען אין „נסתרות״ און לאָזן יעבן לעבן. און װי זאָגט די גמרא: יעקב אבינו לא מת מה זרעו בחיים אף הוא בחיים״, יעקב אבינו איז נישט געשטאָרבן, װײל אויב זײנע קינדער לעבן איז גלײך װי ער אַלײן לעבט 5). און אַזױ װי מיר, זײנע קינדער, לעבן ב״ה, על אפם וחמתם פון אַלע שונאים . . . נאָכװאָס זיך חקרענען אין די סודות? דער פאַקט איז דער בעסטער תירוץ . . .

ב

אויב די שכינה האָט פאַרבאָטן יעקבן אויסצוזאָגן דעם גאַנצן „סוד הקיום״, איז װי זאָגט די װעלט: אַז מען לאָזט נישט אַרײן דורך דער טיר. מוז מען זוכן אַ װעג דורכן פענצטער... איז דעם סוד ממש האָט ער זײ טאַקע נישט געקענט איבערגעבן אָבער סימנים, רמזים, האָט ער, לויט דעם אויבן ציטירטן מדרש, זײ יאָ איבערגעגעבן... און װײזט אויס, אַז יעקב האָט אויך געהאַלטן פון דעם „ודי, לחכימא ברמיזה״ . . .

דרײ סימנים האָט דער אַלטער פּאַטריאַרך איבערגעלאָזט בײ־רושה זײנע קינדער.

אויב איר ווילט וויסן פון וואָס פאַראַ טייג דער משיחישער גואל איז געקנאָטן, טאָ זייט וויסן אַט וואָס; דער אמתער גואל וועט מיטראָגן מיט זיך דעם „אנכי". די וועלטאיז פול מיט אידייען, מיט פלענער און מיט פילאָסאָפיעס, ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן דעם מענטשנס לעבן אין סאָציאַלן און עקאָנאָמישן זין. די וועלט זוכט וועגן און אויסוועגן צו פאַרמיידן מלחמות, צו פאַראייניקן די מענטשהייט, צו אויסלייזן זי פון די שרעקלעכע איבלען וועלכע דראָען איר צו פאַרניכטן. אַלע פלענער, אַלע אידייען זענען גיגאַנטישע און אפשר פאַרנונפטיקע. זיי האָבן אָבער איין יסודותדיקן חסרון: זיי לאָזן אינגאַנצן אַרויס ג-ט פון די פלענער. זאָגט יעקב צו זיינע קינדער: הערט איר פון אַ גואל אָן ג-ט, קומט ער נישט מיט דער „אָנכישער" וויזיע, מעג ער קומען מיט די שענסטע אָנזאָגן, מיט די הערלעכסטע אידייען און די אָנציענדיקסטע שלאָגווערטער, גלייבט נישט אין אים! ער איז נישט דער ריכטיקער גואל, ער איז אַ פאַלשער משיח... די פולע מענטשלעכע דערלייזונג, אין וועלכער אויך ישראל זאָל קענען לעבן במנוחה און בשלום מיט די פעלקער פון דער וועלט, קען נאָר זיין אין אַזאַ וועלט, אין וועלכער דער מענטש זאָל בכלל נישט וועלן מאַכן מער קיין מלחמה איינער קעגן דעם אַנדערן. אמת, צו לייזן, וועלט־פּראָבלעמען, פאָדערט זיך הויכע אינטעליגענץ, סאָציאַלע גערעכטיקייט, גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען און ראַדיקאַלע טעכנאָלאָגישע אויסבעסערונגען. און דאָך וואָלט דאָס אַלעס נישט אויסגעהאַלטן אויב דאָס זאָל נישט באַזירט זיין אויף דעם טיפן גלויבן אין דעם אַלמעכטיקן, אויף דעם בורא כל עולמים, וואָס נאָר ער קען פאַרזיכערן איר עקזיסטענץ. ווען די יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון דער מצרישער שקלאַפעריי, האָבן זיי געמוזט הערן דעם „אנכי ד" אלוקיך" אויפן באַרג סיני, ווען נישט וואָלטן זייערע נשמות אויף אייביק פאַרבליבן פאַרשקלאַפטע. דער היינטיקער מענטש איז אַזוי פאַרשקלאַפט צו זיך אַליין, אַז וועט ער נישט, סוף כל סוף, אָנערקענען, אַז „אין בלעדו", אַז אָן דער ג-טהייט איז נישטאָ קיין

מענטשהייט, וועט ער קיינמאָל נישט באַפרייט ווערן פון זיין אייגע־נער שקלאַפעריי...

דער צווייטער משיחישער סימן, וואָס יעקב האָט איבערגעגעבן צו זיינע קינדער, איז געווען „הממנה מכם זקנים”. די אָנערקענונג, אַז די גענעראַציע פון די עלטערע מוז האָבן אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער „סכעמע” פון דער באַפרייטער וועלט. צו גלויבן, אַז די געליטענע און פאַרווונדעטע האָבן נישט קיין חלק אין דער דערלייזונג און זענען נישט באַרעכטיקט צו קיין פירערשאַפט, איז פונקט ווי צו זאָגן, אַז טאַטע און מאַמע האָבן נישט קיין חלק אין זייער קינד. עס איז דווקא דער עלטערער דור וואָס גיט דעם ייִנגערן די געלעגנהייט צו זיין דער־פינדעריש. דער אָרגאַנאָם מעג, לויט זיינע כעמישע קאָמבינאַציעס, דערפינדן אַ נייעם מין פרוכט, אָבער עס איז די אייביק־אַלטע ערד וואָס וועט מאַכן די פרוכט וואַקסן... נאָר אין אַלטער פּראַקטיק ליגט דער נייער שכל... אַבראַהאַם לינקאָלן האָט געזאָגט: אַ יוגנט וואָס פאַר־וואַרפט די דערפאַרונג פון דעם „זקן” וועט קיינמאָל נישט אַלט ווערן... נאָר דער וואָס געדענקט דעם נעכטן, קען האָפן אויף אַ בעסערן מאָרגן. אַלזאָ יעקב האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער: דער וואָס שניידט אָפּ מיט דער פאַרגאַנגענהייט כדי צו בויען אַ צוקונפט, דער פאַרזייט זיין זוימען אין פוסטקייט... דער איז נישט דער אמתער גואל...

דער דריטער סימן איז דער „פקוד”. די ריכטיקע גאולה וועט קומען ווען דער אַלטער וועט געדענקען, אַז ער לעבט נישט אייביק און ער מוז איבערלאָזן צום יונגן די ממשלה. וועט ער דאָס געדענקען וועט ער זוכה זיין אַז זיין זון זאָל זיין דער גואל... דעם סימן האָט אויך יוסף איבערגעגעבן צו זיינע ברידער און קינדער. יוסף רופט זיי צו־זאַמען און זאָגט זיי: „אנכי מת... פקוד יפקוד אלוקים אתכם והעליתם את עצמתי מזה אתכם”. יוספס געשיכטע מיט די ברידער האָט זיך אָנגעפאַנגען פון חלומות פון מאַכט. אַלעס האָט זיך פאַר אים גע־בויגן, די זון, די לבנה, די שטערן, דער טאַטע, די ברידער, די וועלט... אָבער די געשיכטע ענדיקט זיך מיט „אנכי מת” איך וועל באַלד שטאַרבן... לאָזט נישט מיינע ביינער דאָ, נעמט זיי מיט ווען ג־ט וועט

אייך אויסלייזן.. איר הערט? יוסף דער מלך, דער מושל ער גייט גאָר שטאַרבן... מענטשן פאַרבינדן געוויינטלעך מאַכט מיט „אומאָפּ-העגניקייט". וואָס שטאַרקער, וואָס רייכער, אַלץ מער אומאָפּהענגיק. ווען איר וועט אַמאָל רעדן מיט געוויסע אויפגעקומענע גבירים, ווען איר האָבן דעם איינדרוק, אַז זיי קוקן אויף אייך פון אויבן אַראָפּ. וואָס ווייסט איר, קצבן, ווער איך בין? איך דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען... אָבער דאָס איז בלויז גערעדט אַזוי, אַן אילוזיע אַזעלכע... אַלע דאַרפן צו אַלעמען אָנקומען... די וועלט זאָגט: קיינער האָט זיך נישט אין די הענט... ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל יעדער איז שטענדיק ביי יענעם אין די הענט... אָט נעמט דעם דערמאָנטן גרויסן מיליאָנער. ער קען אַמאָל זיין ר"ל ביים דאָקטאָר אין די הענט... און אויב דעם דאָקטאָרס הענט זענען נישט קיין געבענטשטע... וועט ער זיכער באַלד זיין ביים „מאַלאָטש" אין די הענט. אָט דער גרויסער אויפטוער, וואָס קיינער איז נישט גלייך צו אים... וואָס אָט ערשט, אויב איר האָט עפּעס געדאַרפט צו אים, זענט איר געשטאַנען כעני בפתח און צומאָל האָט ער אייך גאָר אינגאַנצן נישט געוואָלט אויפנעמען, אָט דער „אני ואפסיניק" ליגט שוין נעבעך און מען גיסט עפּעס מאָדנע וואַסער אויף אים... און דער וועמען ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט אָנקוקן אַפילו, ער איז זיך מתעסק מיט אים, טוט זיין רעכט... יוסף איז מודה פאַר זיינע ברידער: זייט זיך נישט מתקנא אין מיר. אָט בין איך געווען מעכטיק, אָבער „אנכי מת", אָט אָט און איך וועל שטאַרבן. „פקוד יפקוד", אָט ערשט בין איך געווען אַ הערשער, אַ באַפעלער, (לשון פקיד) אָבער באַלד וועל איך נישט זיין (לשון ויפקד מקום דוד) און איר, איר וועט זיין די בעלי בתים איבער מיינע ביינער.. טאָ בעט איך אייך, לאָזט מיך נישט איבער דאָ אַליין אין מצרים. נעמט מיך מיט זיך ווען איר וועט אויסגעלייזט ווערן, וואָרום אַן אייך בין איך גאָרנישט... דער וואָס ווייסט אָט די טייטש.. דער, זאָגט יעקב, וועט אייך ווייסן, אַז די אמתע טייטש איז „פקוד יפקוד", דער רבונו של עולם וועט אייך געדענקען. און נאָר דער איז דער ריכטיקער גואל...

ג

ווען יעקב האָט געבענטשט זיינע אייניקלעך, אפרים און מנשה, האָט ער זיי געזאָגט „וידגו לרוב בקרב הארץ". איר זאָלט זיין, אויף דער ערד, ווי די פיש אין וואַסער. מפרשים זאָגן: „פרין ורבין כדגים". זיי זאָלן זיין אַזוי פיל ווי פיש אין וואַסער. אַנדערע זאָגן פּונקט ווי פיש קענען נישט לעבן אָן וואַסער אַזוי קענען יידן נישט לעבן אָן תורה (אין מים אלא תורה). מיר האָבן ערגעץ געזען אַזאַ טייטש: מיר ווייסן, אַז עס זענען פאַראַן כשרע בהמות און עופות און נישט כשרע. אָבער די כשרע אַליין זענען אויך נישט אַלעמאָל כשר. אַ בהמה קען ווערן אסור אַלס נבלה, אויב עס איז געווען עפּעס אַ פּסול ביי דער שחיטה. אַ כשרע בהמה, אָדער עוף, קען טריפה ווערן דורך אַ קראַנקהייט, אָדער גאָר אויב עס האָט זיך אויסגעמישט מיט מילך... כשרע פלייש, וואָס איז נישט געוויקט און געזאַלצן געוואָרן, לויט די יידישע דינים, איז אויך נישט כשר... הקיצור, ביי אַלע כשרע בהמות און עופות מיינט נאָך נישט כשר, זיכער כשר. עס קען ווערן טריף... אַנדערש אָבער זענען פיש. אויב דער פיש איז פון דעם כשרן סאָרט, קען ער שוין באין אופן נישט טריפה ווערן. פיש דאַרף נישט קיין שחיטה, פיש ווערן נישט טריפה פון קיין קראַנקהייטן. איר קענט זיי עסן מיט מילך אָדער פלייש. מיט איין וואָרט, איינמאָל כשר אַלעמאָל כשר... מיט דעם האָט יעקב געבענטשט זיינע אייניקלעך. בייט זיך נישט אַלעמאָל... זייט נישט אַמאָל כשר און אַמאָל טריף. זייט כסדר כשר ווי פיש... — נאָר מען קען צוגעבן, אַז פיש האָבן דווקא איין גרויסן חסרון וואָס אויב זיי ווערן אַ ביסל עלטער הייבן זיי זיך אָן צו פילן... איז דאָס ווידער אַ גוטע אָנזאָג, אַז אַ ייד דאַרף אויף דער עלטער זיך היטן פון אַ שלעכטן ריח. ווען אַ ייד אויף דער עלטער פירט זיך נישט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, גייט זיין שלעכטער ריח גאָר ווייט און עס גיט דעם כשרן ייד נישט צו קיין גרויסן כבוד... ובפרט אַז דער ייד איז נאָך פון די גרויסע „העכט", מוז ער אוודאי זיין געוואָרנט און זיך היטן פון אַ חילול השם... דערפאַר זאָגט מען דעם יידן וואָס האָט

געלערנט תורה און ער מאַכט שוין אַ סיום אויפן ערשטן ספר „חזק חזק ונתחזק". אים זאָגט מען אָן מיט דער שאַרפער פען, זיי שטאַרק און פאַל נישט אַריין אין אַ נעץ.

---

1) נדרים פ"א.
2) תענית ח'.
3) תהילים כ"ה י".
4) דברים ל"ב ל"ד.
5) תענית ה'.

שמות

שמות א׳

דער פאַרבינדונגס־ריגל

שמות ב׳

אונדזער ענטפער צו די שונאים

וארא א׳

וואָרט און טאַט

וארא ב׳

ווייניקער גערעדט און מער געטאָן

בא

וואָרנונג און שטראָף

בשלח

פאַעטישער געזאַנג

יתרו

וועלן וויסן יאָ אָבער ברעכן נישט

משפטים

אַ פאַרקנעכטעטער גייסט

תרומה

דער שכל פון געבן צדקה

תצוה

אויפהאַלטן שווערער ווי בויען

כי תשא

מיט וועמען מען קען רעכענען

ויקהל

מער עבירה ווי מצוה

פקודי — שבת שקלים

קען געלט זיין הייליק?

שמות א׳

דער פאַרבינדונגס-ריגל

„ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו" (שמות א׳ א׳).
„כל מקום שנאמר אלה פסול את הראשונות ואלה מוסיף על הראשונות" (שמו״ר פ״א ב׳).

א

מיט דער סדרה מאַכן מיר אָן התחלה פון דעם צווייטן ספר פון די חמשה חומשי תורה. דער סאַמע אָנפאַנג פון דער סדרה איז דער אות ו, פון דעם וואָרט „ואלה". קומען די חז״ל, אין דעם אויבן ציטירטן מדרש, און דרשענען: אומעטום ווו מיר טרעפן דאָס וואָרט „אלה", אָן אַ ו, האָט דאָס איינגאַנצן איבער מיט דעם פריערדיקן און ס׳הייבט זיך אָן אַ נייער ענין. ווען אָבער מיר באַגעגענען דאָס וואָרט „ואלה", מיט אַ ו, איז דאָס אַ פאָרזעצונג, אָדער ווי די חז״ל זאָגן, אַן „הוספה" צום פריערדיקן.

ווען עס וואָלט אונדז דערלויבט געווען, וואָלטן מיר חשק געהאַט צו אָנרופן דעם ספר בראשית „אבות", און דעם ספר שמות „בנים". דער ספר בראשית גיט אונדז די היסטאָריע פון די „אבות", די אורשפּרינגלעכע גרינדער און פאַרפלאַנצער פון דעם שפּעטער אַנטוויקלטן יידישן פאָלק, אברהם, יצחק, יעקב און די צוועלף שבטים. דאָס ספר שמות, דאַקעגן, רעדט שוין פון די קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך, וועלכע האָבן שוין ממש פאַרמירט דעם

געשטאַלט פון אַט דעם פאָלק. מיט זייערע אויפירונגען און דורכלע־בונגען האָבן זיי אויסגעקנאָטן דעם טייג וועמעס מאַטעריע האָט בולט באַוויזן די פיזישע און גייסטיקע צוזאַמענשטעלונג פון אַ גרופּע, אויף וועמעס פּלייצעס, די געטלעכע השגחה האָט אַרויפגעלייגט, די אויפ־גאַבע צו זיין דער פונדאַמענטאַלער יסוד פון דעם גיגאַנטישן בנין וואָס רופט זיך „עם ישראל".

דער אות ו, אין דער לשון הקודשדיקער שפּראַך, איז דער פאַר־בינדונג-בוכשטאַב, דער „און" פאַר וועלכן עס קומט נישט קיין פינ־טעלע און נישט קיין קאָמע, נאָר איז דער המשך פון דעם זאַץ. ו איז דער טייטש „ריגל" ווייל פּונקט ווי אַ ריגל פאַראייניקט און פאַרבינדט צוויי, לכאורה אָפּגעטיילטע טירן און מאַכט פון זיי איין טיר, אָדער טויער, אַזוי איז דער ו אין העברעאיש, אין איינער פון די וויכטיקסטע סדרות פון דעם ספר געפינען מיר דעם אויסדרוק: „ווי העמודים", וואָס איז די טייטש: די ריגלען פון די זיילן. אַלזאָ די ו איז דער ריגל, וואָס פאַרבינדט צוויי ווערטער, צוויי זאַצן, אָדער אַפילו צוויי ספרים. אין אונדזער פאַל, פאַרבינדט די ו די צוויי ספרים, בראשית און שמות און לויט ווי מיר וואָלטן זאָגן די „אבות" מיט די „בנים". די חז"ל זעען אין דער ו פון דעם וואָרט „ואלה" דעם המשך, דעם „קשר של קימא" פון די טאַטעס, די גרינדער פון דער יידישער דינאַסטיע און די קינדער, די פאַרפעסטיקער פון דער זעלבער.

דער וואָס האָט אַביסל אָן אָפּענעם מח און גיט זיך די מי צו טראַכטן, באַמערקט גלייך אין דעם לשון פון די חז"ל אַ שטוינענדיקן אמת, וועלכער שלאָגט אונדז אין פּנים אַריין. אויב, זאָגן די חז"ל, עס שטייט „ואלה", מיט אַ ו, איז דאָס מוסיף, גיט דאָס צו שטאַרקייט, כח און מוט צו דער ראשונות, צו די עלטערן. אויב די נאָכקומענדיקע רייסן זיך נישט אָפּ, נאָר פאַרקערט זיי שליסן זיך אָן און ריגלען זיך אַריין, אין אַ המשכדיקע שותפות מיט זייערע אבות, קריגן די אבות אָן הוספה. דאַקעגן אָבער, אויב די ו פעלט, דער פאַרבינדונגס-ריגל ווערט אַרויסגעריסן און די יידישע טויערן בלייבן הפקרדיק אָפן, „פסול את הראשונות", ווערן טאַטע מאַמע די פסולדיקע, זיי ווערן בטל

ומבוטל. מערקט איך, עס שטייט ניט פסול את האחרונות, אז די קינדער ווערן פסולע נאך „פסול את הראשונות", די טאטעס ווערן אפגעהאקטע...

אין אונדזער דור לעבן מיר דורך אט די טראגעדיע אין איר פולער קאנסעקווענץ. עס זענען נישט די קינדער וועלכע זענען די אפגע־שטאנענע און אומוויסנדע. עס זענען די טאטעס, וואס זענען פאר־בליבן די אלטמאדישע, בטלניש־אפגעשטאנענע. עס זענען נישט די קינדער וואס וויסן גארנישט... נאר עס זענען די טאטעס די צוריק־געשטאנענע גארנישט־וויסנדיקע, אמאליקע וויסטע פאנאטיקער. עס איז נישט דער טאטע וואס וויטאגט פארן קינד, נאר עס איז דער קינד וואס לאכט פון דעם טאטן... (ווען מיר זאגן די טאטעס מיינען מיר נישט נאר היינטיקע טאטעס, נאר אויך די טאטעס פון ווען די היינ־טיקע טאטעס האבן געלאכט...). מיט א צוויי וואכן צוריק, האט אין שול געפעלט א צענטער צו מנין. זאגן מיר צו א יידן: רופט ארייַן אייער זון! זאגט דער ייד: ער וויל נישט קומען. זאגן מיר צו אים: וואס הייסט ער וויל נישט קומען? באפעלט אים וועט ער קומען. ניין, רבי, זאגט דער ייד, איר מאכט א טעות נישט איך באפעל אים, נאר ער באפעלט מיר.. ווארום אויב די „זו המחברת" איז צעבראכן געווארן, און עס איז נישט „ואלה", בלייבט דער טאטע דער פסולער...

שוין יעקב אבינו האט באמערקט די געפאר. „וירא ישראל את בני יוסף ויאמר מי אלה". 1). יעקב האט דערזען יוספס קינדער, האט ער געפרעגט „מי אלה", ווער זענען זיי? און רש"י טייטשט אויפן ארט „מהיכן יצאו אלו שאינן ראוין לברכה", פון וואנען זענען זיי ארויס... אט די ביי וועמען עס פעלט דער זו און עס איז געבליבן בלויז „אלה", וואס מאכט זיי אומווירדיק פאר דער ברכה? און יוסף מוז צוגעבן „בני הם", זיי זענען מיינע קינדער, אבער „אשר נתן לי אלוקים", וואס ג־ט האט מיר געגעבן „בזה", דא אין מצרים, אין גלות וו עס ווערט אפט צעבראכן דער ריגל...

ווען מיר זענען געווען קינדער ביי אונדזער פאטער אין הויז, האבן מיר געוווינט אין דער שטאט טשערנאוויץ. די שטאט איז

באַוווסט געוועז, פאַר אַ זייער אַ מאָדערנע, אָבער אונדזער שטוב האָט מען גערופן „ירושלים". ביי אונדז איז געווען אַ „בית פתוח לרוחה" אַ גרויסע אָפענע הויז, ווו פילע מענטשן זענען געקומען פון נאָנט און ווייט, רייכע און אָרעמע. ווען מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ וואָרט פון אונדזער פאָטער דעם רבין שליט"א. ווען איינער האָט אים גע־פרעגט: רבי, פאַר וואָס האַלט איר אייערע קינדער אַזוי אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט? האָט ער געענטפערט: ח"ו איך האַלט זיי נישט אָפּגעשלאָסן, איר זעט דאָך מיינע טירן זענען שטענדיק אָפן... נאָר אויף מיינע טירן זענען פאַראַן גייסטיקע ריגלען און מיינע קינדער ווייסן אַליין ווען די טירן זענען גייסטיק פאַריגלט... אָט דעם גייסטיקן ריגל האָבן מיר היינט פאַרלאָרן. יידישע טאַטע מאַמע האָבן „בידים" אָפּגעריסן די ריגלען פון זייערע טירן און די קינדער זענען געוואָרן פרייע פייגעלעך...

ב

אין פ' ויגש געפינען מיר אַ מערקווירדיקן מאמר חז"ל וואָס וועט משלים זיין אונדזער רעיון. ביי דער היסטאָרישער באַגעגעניש פון יעקב מיט יוספן, נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר זיין אָפּגעריסן, דער־ציילט די תורה: „וירא אליו ויפול על צואריו ויבך על צואריו עוד". יוסף האָט זיך באַוויזן צו יעקבן, געפאַלן דעם פאָטער אויפן האַלדז און דאָרטן זייער שטאַרק געוויינט. 2). זאָגן די חז"ל, און רש"י ברענגט עס אויפן פלאַץ: „אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף בנו ולא נשקו ואמרו רבותינו שהיה קורא את שמע". יעקב אָבער איז נישט געפאַלן זיין זון אויפן האַלדז און אים נישט געקושט, ווייל, זאָגן אונ־דזערע רבים, יעקב האָט דאַן געלייענט קריאת שמע. איז דאָך באמת שווער משיג צו זיין, צו האָט יעקב נישט געהאַט קיין אַנדער צייט צו לייענען קריאת שמע נאָך דוקא ביי דער, אַזוי שווער דערוואַר־טעטער רגע, פון דער באַגעגעניש מיט זיין געליבטן זון יוסף? היפּש טינט איז אויסגעגאָסן געוואָרן פון די מפרשי התורה, יעדע אויף זיין שטייגער, כדי קלאָר צו מאַכן די אומפאַרשטענדלעכקייט. אונדז

דאַכט זיך, אַז יעקב האָט דאָ אונדז, ווידעראַמאָל, געלערנט די אויבן דערמאָנטע לעקציע. ווען די קינדער האָבן געפירט יעקבן קיין מצרים, זאָגט דער רבונו של עולם צו אים: „אל תירא מרדה מצרימה". יעקב, האָב נישט קיין מורא אַרונטערצונידערן קיין מצרים. „אנכי ארד עמך ואנכי אעלך גם עלה". איך וועל מיט דיר אַראָפּנידערן און איך וועל דיך ווידער אַרויפבּרענגען. פרעגט זיך ווידער: ווי שטייט דען, אַז יעקב האָט מורא געהאַט, אַז ג-ט זאָל אים דאַרפן זאָגן „אל תירא", האָב נישט קיין מורא? אָבער דער ענין איז גאַנץ עלעמענטאַר. עס האָט נישט געדאַרפט שטיין און יעדער קען פאַרשטיין, אַז יעקב האָט מורא געהאַט. ביז אַצינד איז יעקב געווען דער איינציקער בעל הבית און וואָרטזאָגער ביי זיך אין הויז. די הויז איז געווען יעקבס, דאָס פאַרמעגן איז געווען יעקבס, די קינדער האָבן געפּאַשעט די גרויסע צאָל שאָף, זיי האָבן אפשר געהאַנדלט און געוואַנדלט, אָבער אַלץ מיט יעקבס גוטהייסונג און אונטער זיינע אָרדערס. און דאָ ווערט יעקב אַרויסגעריסן פון זיין אייגענער היים. ער גייט אין דער פרעמד צו זיין אַ לאָקאַטאָר ביי יענעם. אמת, ער גייט נישט צו קיין פרעמדן, ער גייט צו זיין טייערן און געליבטן זון יוסף, וועלכער לאַדט אים איין מיט דעם גרעסטן דרך ארץ און מיט דער גרעסטער מאָס איבערגעגעבנקייט, ער שיקט אים די טייערסטע מתנות און באַפעלט אים: „טוב כל ארץ מצרים לכם היא". 3) דאָס בעסטע וואָס מצרים פאַרמאָגט איז אייערס. אָבער דער „אנכי אכלכל אתכם", דער צוזאָג פון יוספן, אַז ער וועט זיי שפייזן איז פאַר דעם שטאָלצן טאַטן נישט געווען אַזאַ זיסע פּיל אַראָפּצושלינגען, אַז נאָך אַזויפיל יאָרן האַרעווען און פּראַצעווען זאָל ער יעקב דאַרפן אויף דער עלטער אָנקומען, אַז יוסף זאָל אים מפרנס זיין? יעקבן איז באַפאַלן אַ שרעק. זאָגט צו אים דעריבער דער רבונו של עולם: יעקב, האָט נישט קיין מורא, „אנכי ארד עמך", איך גיי מיט דיר. איך האָב דיר ביז היינט געהאָלפן און איך וועל דיר ווייטער העלפן, דו ביזט נישט ביי יוספן אין די הענט, נאָר אין מיינע הענט, ווי שטענדיק... נישט מער „ויוסף ישית ידו על עיניך", בלויז פאַר די אויגן וועט אויסזען, אַז יוסף

איז דיין ברויט-געבער. יוסף איז טאַקע אַ מלך, אָבער איך בין דער „מלך מלכי המלכים"... (לב מלך ושרים ביד ד'). פאַרשטייען מיר איצט, אַז ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט יעקב, גלייך, נישט וואַרטנדיק אויף שפּעטער, געלאָזט וויסן יוספן: הער אוים מיין קינד, דו קומסט צו מיר ווי אַ מלך, ווי אַ הערשער איבער דעם לאַנד און איך בין גליקלעך דיך צו זען, דו קענסט אַליין פאַרשטיין... אָבער איבער מיר, יוספל, ווערסטו קיין הערשער נישט זיין. ביי מיר איז דאָ איין מלכות, און דערביי האָט ער אויסגעשריגן דעם טראַדיציאָנעלן „הרני מקבל עלי עול מלכות שמים", „שמע ישראל וכו'". ביי מיר איז ג-ט דער מלך איבער אונדז אַלע. דו בלייבסט מיין קינד, אָבער נישט מער... היינטיקע טאַטעס מעגן אַריינקוקן אין דעם „יעקב שפּיגל" און זען וואָס פאַראַ פּנים זיי האָבן...

מען דערציילט: צוויי בעלי דינים זענען געקומען צום אַ רב מיט אַ דין תורה וועגן אַ שטיקל באָדן. ביידע האָבן געטענהט „כלו שלי". נאָכן אויסהערן די טענות, הויבט זיך דער רב אויף פון זיין שטול און, צו דער פאַרוווּנדערונג פון אַלעמען, לייגט ער זיך אַראָפּ אויף דער ערד און לייגט צו זיין אויער צום באָדן. נאָכן אָפּליגן אַ קורצע צייט הייבט ער זיך אויף, זעצט זיך צוריק אויף דער שטול און זאָגט אַזוי: פאַרשטייט איר, איר זענט ביידע געקומען צו מיר, מיט דער טענה, אַז די ערד געהערט צו אייך, האָב איך זיך מיישב געווען לאָמיר הערן וואָס עס זאָגט דער דריטער צד, די ערד אַליין? האָב איך זיך אָנגע- בויגן צו הערן אירע טענות. ערשט ווייסט איר מיינע ליבע יידן וואָס די ערד טענהט? זי זאָגט, אַז ביידע געהערט איר גאָר צו איר...

ג

דאָס צווייטע וואָרט פון דער היינטיקער סדרה, וואָס איז צוגלייך דער נאָמען פון דעם גאַנצן ספר איז „שמות". שמות זענען נעמען. דער ערשטער ריגל וואָס האָט צוזאַמען יידישע דורות איז דער יידישער נאָמען. במצרים לא שנו בני ישראל את שמותם: ראובן שמעון נחתין, ראובן שמעון סלקין. לא היו קוראין ליהודה רופוס ולא

לראובן לוליאני. לא ליוסף לוקוס ולא לבנימין אלכסנדרי״. אין מצרים האָבן די יידישע קינדער נישט פאַרענדערט זייערע נעמען. זיי זענען אַריין קיין מצרים, אַלס ראובן און שמעון און זיי זענען ווידער אַרויס פון מצרים, אַלס ראובן און שמעון. יהודה האָט נישט געהייסן רופוס, ראובן האָט נישט געהייסן לוליאני, יוסף האָט ניט געהייסן לוקוס און בנימין האָט זיך נישט גערופן אלכסנדרי... 4). „שמות״, הייסט דאָס איז דער פירוש פון „ואלה״. אויב דער ריגל צווישן די אבות און די בנים איז פאַרבליבן, איז דאָס אַ דאַנק דעם יידישן נאָמען וואָס איז אויך פאַרבליבן... וואָרום יהודה און ראובן אַסימילירן זיך נישט, דאַקעגן רופוס און לוליאני יאָ. מיר גאַראַנטירן, אַז פסח וועט נישט חתונה האָבן מיט אַ נישט יידיש מיידל, אָבער מיט פעדראָ זענען מיר שוין נישט אַזוי זיכער...

ווען אַ פרוי (נאָך אין קובאַ), האָט ביטער געוויינט פאַר אונדז און געחלשט מיר זאָלן ראַטעווען איר „כואַנעלע״, וועלכער איז משוגע געוואָרן און זיך פאַרליבט אין אַ גויה, האָבן מיר איר געענטפערט: ליבע פרוי, איר זענט פריער משוגע געוואָרן ווען איר האָט אָנגעהויבן רופן אייער נחומל „כואַנעלע״... ביי יידן האָט אַ נאָמען געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע. אַלע נעמען פון די אבות און זייערע קינדער האָבן אַ באַשטימטע באַדייטונג (קוקט אַריין אין חומש ביי יעדן נאָמען וועט איר זען). און ג-ט אַליין ווערט געהייליקט ביי יידן מיט זיין נאָמען... אַז אַ ישיבה-בחור וויל רעדן וועגן כביכל, זאָגט ער אַפילו נישט ג-ט, נאָר ער זאָגט „השם״. השם איז דער נאָמען און דער נאָמען מיינט ג-ט. ווי פאַרהייליקט איז ביי יידן געוועזן דער „שם המפורש״, ווי האָבן יידן געציטערט אָט פאַר דעם נאָמען״? כל ההוגה את השם באותיותיו אין לו חלק לעולם הבא״. יעדער איינער וואָס רעדט אַרויס ג-טס נאָמען מיט זיינע אותיות האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצע עולם הבא; 5). אַ נאָמען איז געוועזן דאָס שענסטע, הייליקסטע ביי יידן. אַ נאָמען נאָך אַ גרויסן זיידן, נאָך אַ רבין האָט געמיינט, האָפענונג, אַז דאָס קינד, אויב ער וועט נישט זיין פונקט ווי דער זיידע, אָדער רבי וועט ער זיין כאָטש אַ שאָטן פון אים. היינט איז נאָך אויך

עפּעס געבליבן פון דעם, אָבער... ס'איז ניט קיין סוד, אַז אַ היינטיקער רב מוז אַפילו קיין סמיכה ניט האָבן. נישט נאָר ניט קיין „ידין ידין" נאָר אַפילו ניט קיין „יורה יורה"... אָבער עטלעכע זאַכן מוז ער קענען. אַביסל הלכות אבילות ר"ל, דעם לוח הקדוש... און איבערזעצן אַ מענערישן נאָמען אויף אַ ווייבערישן און פאַרקערט... מיט עטלעכע וואָכן צוריק קומט אַריין אַ יונגער מאַן און וויל, אַז מיר זאָלן פאַר אים איבערזעצן דעם נאָמען עקיבא, פון זיין זיידן, כדי צו קענען אַ נאָמען געבן זיין גיי געבוירן טעכטערל. טאָ זייט אַזוי גוט, כ'בעט אייך, און טרעפט אַ פרויען-נאָמען וואָס זאָל פאַסן צו עקיבא. טראַכט אַהין טראַכט אַהער — זאָגן מיר אים, ווייסט איר גאָר וואָס, גיט איר אַ נאָמען רחל, די געליבטע פרוי פון רבי עקיבא. עה, זאָגט ער, דאָס טויג נישט, וועלן מיר דאָך מוזן רופן זי אין שפּאַניש, „ראַקעל" און דאָס איז צו אַלטמאָדיש, מיר ווילן זי רופן וויקטאָריאַ. נישט האָבנדיק קיין ברירה און נישט וועלנדיק ווערן אוים רב... האָבן מיר אים געהייסן אַ נאָמען געבן זיין טאָכטער עקבה. דער יונגערמאַן איז אַרוים אַ גליקלעכער, און מיר זענען ווייטער פאַרבליבן אַ רב ביי יידן..

הקיצור, די צוויי ווערטער „ואלה שמות" קענען זיין דער ענט-פער אַז עס זאָלן איבערבלייבן — „בני ישראל"...

---

1) בראשית מ"ח ח'.
2) בראשית מ"ו כ"ט.
3) בראשית, מ"ה, י"ג.
4) ויק"ר פל"ב.
5) סנהדרין פ"א א'.

שמות ב׳

אונדזער ענטפער צו די שונאים

„ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף" (שמות א׳ ח׳).
„כל הבן הילוד היאורה תשליכהו" (שמות א׳ כ״ב).
„וראיתם על האבנים וכו׳" (שמות א׳ ט״ז).
„ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך" (שמות א׳ י״ד).

א

מיר האָבן געענדיקט דאָס ספר בראשית, אין וועלכן די הויפּט־העלדן אדם, נח, אברהם, יצחק, יעקב און די צוועלף שבטים, האָבן פאַר אונדז פאַנאַנדערגעוויקלט זייערע ראָלן און אַזוי אַרום זיך פאַראייביקט אין דער יידישער ווי אין דער וועלט־געשיכטע. אין דעם ספר „בראשית" איז געלייגט געוואָרן דער יסוד נישט בלויז פאַר דער עקזיסטענץ פון דער אַלגעמיינער וועלט נאָר הויפּטזעכלעך פאַר דער יידישער אַנטשטייאונג.

די גרינדער פון דעם יידישן פאָלק און איר „אמונה", אברהם, יצחק און יעקב האָבן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַגרינדעט זייער דאָ — זיין און דאָס פון זייערע קינדער, נישט ווי גלאַט אַ צופאַל, ווי אַ פאַרבייגייענדיקע געשעעניש, נאָר אַלס אַ גוט־אויסגערעכנטער און פלאַנירטער פּלאַן, וועלכער איז אָנגעצייכנט געוואָרן פון דער העכסטער אויטאָריטעט, פון ג־ט אַליין. זייער לעבן, ווירקן און שאַפן, זייער פרייד און זייער טרויער אַלץ איז געווען ענג פאַרבונדן מיט זייער איבערצייגטן גלויבן, אַז זיי זענען פון דער העכסטער

„השגחה" באַשטימט געוואָרן צו בילדן אַ באַזונדערע איינקייט, אַ נייע וועלט-אַנשויאונג, וועלכע זאָל מיט איר אַנדערשקייט, מיט איר ספּעציפיש-גייסטיקער אָריענטאַציע, געבן אַ לאָגישע עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג פאַר דער גאַנצער בריאה, וועמעס תכלית און ענד-ציל איז ביז אַצינד געווען פאַרנעפּלט, צעשווומען און אומזיכער. פון יעדן פון די אבות באַזונדער האָבן מיר, פון יעדן אויף זיין אָרט, פּראָבירט אַרויסצוברענגען, אויב נישט קיין קאָמפּלעטע אָפּשאַצונג, איז כאָטש אַן אָפּשיין פון זייערע כאַראַקטער-שטריכן מיט וועלכע יעדער האָט זיך אויסגעצייכנט און ווי אַזוי ער האָט דערפילט זיין מיסיע וועלכע איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. מיר האָבן דאָס געטאָן בכדי, מער ווייניקער, צוצוגלעך צו מאַכן די הויכע באַגריפן זייערע, פאַר יעדן דורכשניטלעכן יידן וועלכער איז זייער אַן אָפּ-שטאַמלונג און אים דערנענטערן, אויף וויפל מעגלעך, צו זייערע אידייען און ממילא צום מקור פון זיין יידישקייט.

זיי, די אבותדיקע גרינדער, האָבן פּאַראַקערט דעם באָדן און אין אים פאַרזייעט די זריעה פאַר דעם אויפקום פון אַ יידיש פאָלק. אָבער זענען באַלד אַראָפּ פון דער סצענע, זייער אַרבעט נישט פאַרענ-דיקט. יעקב אבינו איז אַרונטער קיין מצרים מיט זיין גאַנצן הויז-געזינד, איבערלאָזנדיק דאָרטן אַלע נאָכקומענדיקע דורות, פון וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט באַדאַרפט ווערן דער „גוי גדול", אין אַ ספקדיקן און אָפילו געפערלעכן מצב. נאָכן אָפּזיין צוויי הונדערט יאָר אין מצרים אונטער גאָר שווערע באַדינגונגען, אונטער אַן אייזער-נער פּרעס פון אונטערדריקונג און עקספּלאָטאַציע, זענען די „בני אברהם יצחק ויעקב" געשטאַנען אויף אַ געפערלעכן „פרשת דרכים". פון איין זייט האָט זיי געדראָט אונטערצוגיין אין דער „טומאת מצרים" און ווערן פולשטענדיק אַסימילירט, עס זאָל פון זיי קיין זכר נישט בלייבן און די גאַנצע האָפענונג פון די אבות צוזאַמען מיט אַלע הבטחות פון כביכל, זאָלן צערונען ווערן. פון דער צווייטער זייט האָט זיך געניייטיקט עס זאָלן געשען אויסערגעוויינלעכע זאַכן אונטער דער דראַמאַטישער פּירערשאַפט פון אַן אויסערגעוויינלעכע דינאַ-

מישער פּערזענלעכקייט, כדי די פאַרקנעכטעטע און פאַרשקלאַפטע מענטשן־מאַסע אַרויסצורייסן פון דער פיזישער און גייסטיקער פינס־טערניש און ממש אונטער היפּנאָטישער סטימולאַציע אַנטוויקלען פון איר אַ ציוויליזירטע גרופּע וועלכע זאָל זיין בכח צו שטרעבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון ווערן אַ פאָלק מיטן פאַרדינטן טיטול „ממלכת כהנים וגוי קדוש". און אַט אין דעם קריטישן מאָמענט האָט זיך פאַר זיי, ווי פאַר אַלע דורות שפּעטער, אַנטפּלעקט די גיגאַנטישע פיגור, וועלכע איז פאַרבליבן „לעולמי עד" דער איינאונייניציקער, אומפאַר־גלייכלעכער „משה רבינו" און ער איז דערשינען קיין איין מינוט נישט צו פרי... אין דעם גאַנג פון צייט וועט אונדז מסתם נישט איינמאָל אויסקומען צו באַטראַכטן און אַנאַליזירן דעם גרויסן, ג־ט געבענטשטן „מנהיג ישראל". אָבער איצט וועלן מיר איבערגיין צו דער עצם סדרה און זען וואָס זי האָט פאַר אונדז אין דער היינטיקער צייט.

ב

ווען די תורה האָט אָנגעזאָגט: למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך, דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגיין פון מצרים דיין גאַנצן לעבן. 1). האָט זי זיכער געמיינט אונדז אויך אָנצוזאָגן, מיר זאָלן וויסן, אַז אייביק וועט מצרים און „יציאת מצרים" זיין אַ טייל פון אונדזער לעבן און אַ גרויסע טייל פון איר זאָרג. דעריבער איז, לויט אונדזער מיינונג, די היינטיקע סדרה „שמות" באמת אַ „היינטיקע" פונקט ווי זי איז עס געווען מיט איבער דריי טויזנטער פינפהונדערט יאָר צוריק. ווען אַפילו נעמען און הערשער בייטן זיך צומאָל, אָבער דער אינהאַלט איז שטענדיק דער זעלבער. דער „הבה נתחכמה" קעגן יידן איז אויף אַ האָר נישט געמינערט, אדרבא, מיט דער צייט איז ער נאָכמער פאַרשטאַרקט געוואָרן. דער פסוק זאָגט: ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף. עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג אין מצרים וואָס האָט נישט געקענט יוספן. פרעגן די מפרשים: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ קעניג זאָל נישט קענען זיין אייגענע געשיכטע? און זיי ענטפערן „דהוי דמי

כמאן דלא ידע ליה כלל״. ד״ה, געוווסט האָט ער יאָ, אָבער ער האָט זיך בלויז געמאַכט נישט וויסנדיק... 2). עס איז דעריבער כדאי צו באַמערקן, אַז דער גרעסטער שונא ישראל איז דוקא דער, וועלכער איז דעם יידן גרויסן דאַנק שולדיק. אַזוי איז געווען אַמאָל און אַזוי איז פאַרבליבן שטענדיק. היטלער, ימ״ש איז אין יאָר 1922 אפיר־געשלעפּט געוואָרן פון אונטער אַ לויפנדיקן לאָקאָמאָטיוו דורך אַ יידן מיטן נאָמען פראַנק שטראַסמאַן. (זע „ביאָגראַפיע פון אַ פאָלק״ פון יוד טעלער) די רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט דערפירט צום היינטיקן סאָוועטישן רעזשים איז פלאַנירט און מייסטנס אָנגעפירט געוואָרן פון יידן... נאָסער ימ״ש איז געווען געפאַנגען ביי יידן אין דער באַפרייאונגס מלחמה און איז פרייגעלאָזט געוואָרן מיט גאַנצע ביינער, אאז״וו (נישט רעדנדיק פון דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט וועמעס גרינדער איז געווען אַ ייד...) „אין לך קשה בעולם מכפוי טובה שהוא גורם שלא תהא טובה בעולם״ נישטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט ווי אומדאַנקבאַרקייט, ווייל דאָס פאַראורזאַכט עס זאָל קיין גוטעס נישט געטאָן ווערן אויף דער וועלט... 3) „אשר לא ידע את יוסף״ זאָגט אויף דעם די פסיקתא זוטרתא: כשם שכפר ביוסף כך כפר בבורא הכל. שהרי אמר לו יוסף „את אשר אלקים עושה הגיד לפרעה 4) והוא אומר לא ידעתי את ד׳? ארורים הרשעים שהם כפוי טובה שכופרין במי שעשה עמהם טובה. ד״ה פונקט ווי פרעה האָט געלייקנט אין יוספן, אַזוי האָט ער אויך געלייקנט אין באַ־שעפער פון אַלצדינג... יוסף האָט דאָך געזאָגט צו פרעהן: (ווען ער האָט אים פותר חלום געווען) דאָס וואָס ג-ט וויל טאָן, לאָזט ער וויסן פרעהן און דאָ זאָגט ער: ער ווייסט נישט ווער דאָס איז ג-ט? פאַר־שאָלטן זאָלן זיין די רשעים וועלכע לייקענען אין די וועלכע טוען זיי טובות.

אין דעם זעען מיר אַ סך ענלעכקייט צו דער היינטיקער צייט. יוסף האָט נאָך דאַן, מיט אַזויפיל טויזנטער יאָרן צוריק, געלייזט איינע פון די הויפּט-פּראָבלעמען וואָס מאַטערן די וועלט, און שטייען נאָך היינט אויף דער וויכטיקסטער טאָג-אָרדענונג, די סאָציאַלע

פראגע פון גלייכקייט. אין די זיבן הונגער יאָרן דערציילט די תורה, האָט יוסף אָפּגעקויפט פון די רייכע לאַנד-באַזיצער דעם גאַנצן באָדן און אים איבערגעגעבן דער רעגירונג. מיט דעם האָט ער איינגעפירט, דאָס געזעץ פון אָפּשאַפונג פון פריוואַט-אייגנטום פאַר בלויז די רייכע נאָר די ערד האָט, פון איצט אָן, געקענט פאַרטיילט ווערן פאַר אַלעמען, גלייך וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די קנאה שנאה פון דעם אָרעמען צום רייכן. אַט די סאָציאַלע איינשטעלונג אויף וועלכער די וועלט וואַרט און האָפט האָט יוסף געמאַכט אין מצרים אָן קיינע שום איבערקערעניש, אָן קיין שום בלוט-פאַרגיסונג. דאָס וואָס עס איז ביז היינט נישט געלונגען, אַפילו דעם לאַנד וואָס האָט, כלומרשט, דאָס אַוועקגעשטעלט אַלס דער הויפּט-פּראָל פון איר רעוואָלוציע. דאָס האָט יוסף יוסף פאַרווירקלעכט... האָט דאָך דאָס באַדאַרפט בלייבן איינגעקריצט אין די הערצער פון די מצרים איז אַנשטאָט אַ דאַנק, האָט מען זיינע קינדער פאַר שקלאַפן געמאַכט. און פון דעמאָלט ביז היינט חלומען אַלע איין וויסטן חלום: ווי אַזוי ברענגט מען אום דעם „בענעפאַקטאָר", ווי אַזוי ווערט מען פון אים פּטור...

אָבער פונקט ווי די יידישע שונאים האָבן איין ציל, אַזוי האָבן מיר יידן איין ענטפער: „וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ". 5) און עס איז אַזאַ נאַטור געזעץ זאָגט דער „ספר הדרוש": די אברים פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם וועלכע ווערן ווייניק באַנוצט ווערן אָפּגעשוואַכט, פאַרלירן זייער קראַפט ביסלעכווייז און מיט דער צייט ווערן זיי אינגאַנצן אַטראָפירט. אַמשטאַרקסטן און אַמקרעפטיקסטן דאַקעגן זענען די אברים וועלכע ווערן באַנוצט אַמערסטן. דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם יידישן פאָלק: אַ דאַנק דעם „וכאשר יענו אותו" איז „כן ירבה וכן יפרוץ". צוליב דער כסדרדיקער געפאַר אין וועלכער דער ייד געפינט זיך האָט זיך זיין שאַרפזין, וואַכזאַמקייט, עמפינדלעכקייט און ווידערשטאַנדס-פעאיקייט אַ סך מער אַנטוויקלט ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער.

פאַראַן אַ מכילתא 6) וואָס זאָגט: „שוט שישראל לוקין בו סופו ללקות". אַ רוט וועלכער שלאָגט יידן וועט מיט דער צייט אַליין

געשלאָגן ווערן. אַ דאַנק דעם פון אויבן, דאָס איז מקוים געוואָרן ביי אַלע פריערדיקע יידישע שונאים און עס ווערט אויך מקוים היינט. פרעה האָט באַפוילן „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו", יעדעס יונגל זאָל געוואָרפן ווערן אין וואַסער, איז ער, צום סוף, אַליין געווען דער קרבן אין וואַסער. נאַסער האָט געשריגן: ער וועט די יידן פון ישראל אַריינשטופן אין ים, שטייט ער היינט אַ דערשלאָגענער ביים סועץ־קאַנאַל און זעט ווי ישראל־סאָלדאַטן קאָנטראָלירן זיין מזרח זייט.

ג

אויפן אויבן ציטירטן פסוק „וראיתם על האבנים" ברענגט דער „בעל הטורים" אַרונטער אַ מסורה פון דריי מאָל, וואו עס שטייט דאָס וואָרט „וראיתם". איינמאָל דאַ אַ צווייט מאָל שטייט: „וראיתם את הארץ" און אַ דריטן מאָל „וראיתם אותו 7) איז אונדז איינגעפאַלן צו זאָגן אָט וואָס: „אבנים" דאַ, מיינט דאָס פלאַץ פון וואַנען דאָס קינד ווערט געבאָרן, אָבער אין אמתן קומט דאָס פון דעם וואָרט „אבנים" שטיינער 8) קומט אויס, אַז די מסורה דייטעט אונדז אָן, איינע פון די נבואותן פון דער היינטיקער צייט. קודם וועט זיין „וראיתם על האבנים", איר וועט זען בלויז שטיינער. ווען די יידישע חלוצים, אָנגעפילט מיט פייער און ברען פאַר בנין הארץ, זענען געקומען קיין „פאַלעסטינע" באַאַרבעטן דאָס לאַנד, איז דאָס לאַנד געווען בלויז שטיינער. שווער און ביטער האָבן זיי, מיט שווייס און בלוט, געהאַקט די שטיינער כדי פון דעם שטיינערדיקן באָדן צו מאַכן אַ שטיקל פרוכטבאַרע ערד. טויזנטער יונגע יידישע לעבנס האָט דאָס געקאָסט ביז מען האָט דערזען לאַנד... אָבער סוף כל סוף איז געווען „וראיתם את הארץ", יידן האָבן דערזען זיך, אויף זייער ערד, אויף זייער באָדן. נאָך דער באַפרייאונגס מלחמה האָבן יידן דערזען, אַז זייער פראַצע, זייער האָרעוואַניע איז נישט געווען אומזיסט. יידן האָבן באַקומען אַ לאַנד. אָבער ליידער האָט

אין דעם לאַנד געפעלט די „אמונה״ עס האָט געפעלט די אָנער־קענונג פון „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי״, אַז דאָס אַלעס איז נישט בלויז אַ פועל יוצא פון אײגענער פיזישער אָנשטרענגונג נאָר עס איז אויך אַן „אצבע אלקים״, אַן אתחלתא דגאולה, מיטן רצון פון השם. איז געקומען די איצטיקע מלחמה, קעגן דער גוואַלדיקער גרויסער אַראַבישער איבערמאַכט און האָט אויך געברענגט צום „וראיתם אותו״ דאָ האָבן אַלע דערזען, אַז די געטלעכקײט האָט אויסגעשפּרײט אירע פליגל און באַשיצט דעם ײדן און זײן לאַנד און עס איז מקוים געװאָרן דער „וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך ויראו ממך״ אַלע פעלקער פון דער װעלט האָבן אָנערקענט, אַז דער נאָמען פון ג־ט איז איבער דיר אױפדאָסנײ אָנגערופן געװאָרן און זײ האָבן זיך דערשראָקן פאַר דיר...

מיר דערמאָנען זיך, װען עס האָבן זיך געענדיקט די שלאַכטן פון די באַרימטע זעקס טעג האָט דאָך די גאַנצע װעלט געחוזקט פון דער אַראַבישער „מויל־מלאכה״, זאָגט צו אונדז אַ ײד. רבי! איך געדענקט דאָך דעם פסוק אין דער תורה „ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך״. איז דאָך דער פּראָסטער טײטש פון דעם װאָרט „בפרך״ מיט שװערער אַרבעט, קומען אָבער די חז״ל און זאָגן, אַז בפרך מײנט „בפה רך״ מיט אַ װײכע מויל. האָב איך, זאָגט דער ײד, קײנמאָל נישט פאַרשטאַנען װי קומט מצרים, װעלכע האָבן מיט די ײדן געאַרבעט שװער און ביטער, אַז זײ זאָלן רעדן מיט די ײדן מיט אַ װײכע מויל? נאָר װײזט אויס, אַז די תורה האָט אין זינען געהאַט די הײנטיקע מצרים. די אַראַבישע צונג איז געװען אַזוי װײך און אַזוי לויז, אַז װען זײ האָבן, זיך צעלאָזן מיט זײער „מענה לשון״, האָט מען געמײנט װער װײסט װאָס... אָבער צום סוף האָבן מיר דאָך געזען. דער ײד דערצײלט, אַז ער האָט געהערט װי אַ פרוי אין ניו־יאָרק לערנט איר קינד, אַ מײדעלע: הערסטו מײן קינד טאַמער קומט צו דיר צו אַ מאַן און װיל דיר געבן שאָקאָלאַד אָדער אַ

שפילצייג, אַנטלויף פון אים, ווי פון פייער, ווייל ער איז געפערלעך... נאַר טאָמער שרייט אַ מאַן אויף דיר, שרעק זיך נישט מיין קינד. ער בילט נאַר, אָבער ער קען נישט בייסן...

---

1) דברים ט"ז ג'.
2) סוטה י"א א'.
3) מדרש הגדול.
4) בראשית מז' כ"ד.
5) שמות א' י"ב.
6) פ' בשלח.
7) ביידע אין דער פרשה פון שלח.
8) סוטה י"ט ב'.

וארא א׳

ווארט און טאט

„ויאמר ד׳ אל משה קח את מטך ונטה את ידך וכו׳״ (שמות ז׳ י״ט).

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני. תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי. (תהילים קל״ז ה׳ ו׳).

א

אין די דאזיקע סדרות געפינען מיר כסדר די באפעלן פון ג־ט צו משהן. „בא אל פרעה״, „דבר אל פרעה״ אאז״וו. ס׳קוקט אוים זייער מערקווירדיק, דאס וואס ג־ט האט זיך באנוצט מיט משהן אלס פארמיטלער צווישן אים און, להבדיל, פרעהן. פארוואס האט אייגנטלעך ג־ט נישט גערעדט דירעקט מיט פרעהן? ווען אבימלך, דער מלך פון גרר, האט צוגענומען שרהן פון אברהמן, שטייט: „ויבא אלוקים אל אבימלך בחלום הלילה ויאמר לו הנך מת על האשה אשר לקחת״. 1). ג־ט האט זיך באוויזן צו אבימלך, אין חלום ביינאכט און אים געזאגט: דו גייסט שטארבן צוליב דער פרוי ווייל זי געהערט צו א מאן. ג־ט האט אויך גערעדט צום מלך פון בבל נבוכדנצר, צו בלעמן, טא פארוואס דוקא צו פרעה מלך מצרים, האט ער געשיקט משה מיט אהרנען צו פארהאנדלען וועגן ארויסשיקן די יידן פון מצרים?

ווילן מיר דעריבער זאגן, אז ג־טס כוונה איז נישט געווען צו באנוצן זיך מיט משה רבינו אלס מיטל צו באפרייען דאס

יידישע פאָלק, נאָר גאָר פאַרקערט, צו אויסבילדן און אויסשולן, אַזוי צו זאָגן, פירער, פאַר דעם באַפרייטן יידישן פאָלק. אוודאי האָט ג־ט געקענט רעדן דירעקט צו פרעהן, פאָדערן די יידישע באַפרייאונג, אָבער וואָס ווייטער? ווער וועט זיין דער מנהיג רוחני פון דעם באַפרייטן יידישן פאָלק? פאַר וועמען וועט דער, נאָרוואָס באַפרייטער „שקלאַפן־פאָלק", האָבן געגנוג דרך ארץ צו אָנערקענען אים אַלס פירער? און ווער וועט באמת זיין בכח צו אָנפירן מיט אַזאַ אומציוויליזירטער האָרדע? אַזוי, אַז כביכל האָט געגומען משה מיט אהרנען, לאַנגזאַם זיי אַנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער גרויסער, שווערער אויפגאַבע פון אָנפירן מיט דעם פאָלק, סיי בשעת דער באַפרייאונג און סיי נאָך איר.

פירער־מאַטעריאַל פעלט נישט אין קיין פאָלק, אָבער ערשטנס מוז מען זיי טרעפן און צווייטנס, מוזן זיי דורכגיין אַ צוגרייטונגספראָצעס פון הארטע מאַנעווערעס, בכדי זיי צוצופאַסן צו די פאַרשטיין, ווען עס נייטיקט זיך אַ שטאַרקע האַנט און ווען געדולד איז דער געבאָט פון דער שעה.

די ערשטע לעקציע וואָס משה רבינו האָט געלערנט ביי דער ערשטער באַגעגניש מיט קודשא בריך הוא, ביים „סנה", איז געווען, ווען ג־ט האָט צו אים געזאָגט „של נעליך". אויף דעם איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנט חסידיש מעשהלע. מען האָט צוגעטראָגן דעם רבין ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל, אַז דער רבי ר' אלימלך דינעווער ז"ל, דער מחבר פון דעם ספר „בני יששכר", זאָל האָבן עפּעס געזאָגט קעגן אים, האָט עס דעם ראָפּשיצער אַביסל פאַרדראָסן. ווען דער דינעווער האָט געהערט, אַז דער ראָפּשיצער האָט תרעומות, איז ער אַריבערגעפאָרן אים מפייס זיין. דער ראָפּשיצער האָט אים זייער שיין אויפגענומען, אים שטאַרק מכבד געווען, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ חשובן גאַסט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ זילבערנער בעכער. נעמט דער ראָפּשיצער דעם בעכער אין דער האַנט און זאָגט צום דינעווער: זעט דער דינעווער רבי, אין יעדער זאַך אויף דער וועלט, סיי אין אַ דומם, סיי אין צומח אָדער אין אַ מדבר געפינט זיך דאָס

חיות פון קדושה, וואָס האַלט דאָס בײם לעבן. אַזױ שנעל װי דאָס קדושהדיקע חיות, טײלט זיך אָפּ פון דער זאַך, װערט די זאַך אינגאַנצן בטל. אַט למשל נעם איך אַרױס דאָס חיות פון דעם כּוס װעט עס װערן ממש בלאָטע... דער דינעװער רבי האָט פאַרשטאַנען דעם רמז רופט ער זיך אָן צום ראַפּשיצער. ג-ט האָט געזאָגט צו משה רבינו „של נעליך מעל רגליך", װאָס איז דער זין פון די װערטער? נאָר מיר געפינען אין פּרקי אבות: והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה". זײ געװאָרנט אין די ברענענדיקע קױלן פון די תלמידים חכמים, זאָלסט זיך אין זײ נישט אָפּבריען. „שנשיכתן נשיכת שועל ועקוצתן עקיצת עקרב ולחישתן לחישת שרף", װײל זײער „בּיס" איז װי פון אַ פוקס, זײער „שטאָך" װי פון אַן עקדיש און זײער „שפּרוך" װי פון אַ גיפט־טיקער שלאַנג 2). נשיכה, עקיצה און לחישה, זענען די ערשטע אותיות „נעל". האָט ג-ט געלערנט משה רבינו, אַז כּדי צו זײן אַ מנהיג רוחני, מוז ער די ערשטע זאַך אַראָפּװאַרפן דעם „נעל" און זיך דערמיט נישט באַנוצן קעגן קײן שום ייִדן...

ב

פּרעה איז געװען דער ערשטער, אָפענער שונא ישראל. און כאָטש מען קען דאָך זאָגן, אַז פּרעה האָט אײגנטלעך מקיים געװען ג-טס אָנזאָג צו אברהם אבינו „ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה", די מצרים װעלן אַרבעטן מיט די ייִדן און זײ פּלאָגן פיר הונדערט יאָר 3). נאָר פון „ועבדום", ביז שעכטן קינדער און זיך באָדן אין זײער בלוט, איז אַ װײטער מהלך. נאָר אַ מערדער מאַכט „תלינות" פאַר זײן קאַריערע... די חז"ל דריקן דאָס אױס װען זײ זאָגן: „מגלגלין חוב על ידי חייב". אַ שלעכטער מענטש װערט אַ שליח פאַר שלעכטע זאַכן...

דער ערשטער װאָס האָט אָנגעפאַנגען שלאָגן צוריק איז געװען משה „וירא איש מצרי מכה איש עברי מאחיו". װען משה האָט געזען װי אַן עגיפּטער שלאָגט אַ ייִדן פון זײנע ברידער, „ויפן כּה וכה וירא כי אין איש", איז ער דערשטױנט געװאָרן, נישט נאָר פון

דעם אכזריות פון דעם מצרי, נאָר נאָכמער פון דער פחדנות פון די יידן. ער האָט באַמערקט, אַז די גאַנצע מענטשלעכע ווירדע איז אָפּגעטעמט געוואָרן ביי זיי, אַזוי, אַז די בייטש, וואָס איז געפאַלן אויף די יידישע קעפּ, האָט בלויז פאַרשאַפט וויטאָג, אָבער נישט אַרויסגערופן קיין רעאַקציע. האָט ער דער ערשטער אויפגעהויבן אַ פאַרטיידיקונגס האַנט. „ויך את המצרי ויטמנהו בחול״. האָט ער דערשלאָגן דעם מצרי און זיין קערפּער באַהאַלטן אין זאַמד. 4)

קאָמענטירנדיק דעם עפּיזאָד, ברענגט דער מדרש אַ פלוגתא צווישן ר׳ אביתר און ר׳ יחזקיה. איינער האַלט, אַז ער האָט אים דערשלאָגן ממש מיט דער פויסט, „באגרוף״, און דער צווייטער זאָגט „בשם המפורש״ מיט ג־טס נאָמען. 5).דער מצרי איז דער פּראָטאָטיפּ פון דעם פּערמאַנענטן יידישן שונא, וועמעס ציל עס איז צו דערנידעריקן, פאַרשעמען און דערדריקן דעם יידן, און משה איז דער סימבאָל פון העלדישן פּאַטריאָט וואָס איז דעציזידירט און פאַרעקשנט צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און דעם כבוד פון זיין פאָלק, אונטער אַלע אומשטענדן. עס זענען אָבער שטענדיק געווען צוויי מעטאָדן פון פאַרטיידיקונג ביים יידישן פאָלק. דער פיזישער קעגן קלאַפּ. דער „אגרוף״־אָנגריף, דער תורה שבכתבדיקער „עין תחת עין״ און די „שם המפורשדיקע״ פאַרטיידיקונג, דער גייסטיק־מיסטישער ווידערשטאַנד, דער „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי״... נישט די קראַפט פון פויסט, נאָר די קראַפט פון אמונה. הרב עמיאל ז״ל, דער געוועזענער הויפּט רב פון תל אָביב, וויל האָבן, אַז די הלכה פון „מבטל זיין דעם חמץ״ איז שטיק יסוד פון יידישן אויסדויער.

אין דער צייט וואָס דער ייד, אין משך פון זיין לאַנגן גלות, איז „כלפי חוץ״ געווען אַ דערנידעריקטער און פאַרשעמטער; ווען מען האָט אים אַריינגעזעצט אין די געטאָס האָט ער נישט פּראָטעסטירט. ווען מען האָט אים אָנגעטשעפּעט אַ געלע לאַטע, האָט ער אָנגענומען פאַר ליב. דאָס זינגען מה יפית פאַרן פריץ, האָט ער באַטראַכט ווי אַן אַפּקומעניש... האָט ער אָבער, אין דער זעלבער

צייט, אין זיינע אייגענע ד׳ אמות געקעמפט ווי א לייב פאַר זיין כבוד. א פעטע עליה, א שטאָט אין מזרח און די דריטע הקפה שמחת תורה, האָבן אים געגעבן גענוג חיות און גייסטיקן כח, מבטל צו זיין דעם שונא און אים באַטראַכטן „כעפרא דארעא״. ג-ט אָבער לערנט משהן, דעם צוקונפטיקן יידישן פירער, אַז צו באַזיגן אַ שונא מוז מען האָבן ביידע זאַכן צוזאַמען, סיי דעם „אגרוף״ און סיי דעם „שם המפורש״. „קח את מטך ונטה את ידך״, דו דאַרפסט טאַקע באַנוצן דעם שם המפורש, און זאָגן „כה אמר ד׳״. אָבער אַ קלאַפּ מיטן שטעקן, דערלאַנגען מיט דער פויסט איז אויך נייטיק. אַ ישובניק האָט אַמאָל געטייטשט די הגדה פאַר זיין ווייב. שרייט ער אויס „ביד חזקה״, די שטאַרקע האַנט „זה הדבר״ דאָס איז די ריכטיקע זאַך״... דער ייד מוז וויסן, אַז צו דערלאַנגען מכות די פּרעהס מוזן זיי קומען פון קאָמבינירטע כוחות פון ג-ט און פון משהן...

ג

ווען מיר עקזאַמינירן די יידיש-נאַציאָנאַלע „שבועה״ וועלכע יידן האָבן אָנגענומען נאָכן חורבן בית ראשון: „אם אשכחך ירושלים וכו׳״ קענען מיר אָבסערווירן, אַז בלויז צוויי פון די אברים ווערן דערמאָנט אין דער שבועה, די האַנט און די צונג. פאַרוואָס נישט דער קאָפּ און דאָס האַרץ? נאָר די האַנט און די צונג רעפּרעזענטירן די פיזישע און די גייסטיקע כוחות פון דעם פאָלק: די צונג פאַר תפילה און די האַנט פאַר אַקציע.

אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז בלויז די צונג האָט די שבועה מקיים געווען, וואָרום עס איז געווען זי, וועלכע האָט נישט געלאָזט, דעם יידישן פאָלק, אין דעם גאַנצן „גלות-פּעריאָד״, פאַרגעסן, נישט אַפילו אויף איין מינוט, אַז ירושלים איז אונדזער, אַז ציון געהערט צום יידישן פאָלק און קיינער, ממש קיינער, וועט קיינמאָל דאָס ביי אונדז נישט קענען צונעמען... אַמאָל מיט שטראָף-ווערטער, ווי „חזון ישעיהו בן אמוץ״, אַמאָל מיט טרייסט ווערטער, ווי „נחמו נחמו עמי״.

אין די תפילות דריי מאָל אַ טאָג, אין בענטשן נאָך יעדן עסן, איז ירו־שלים געווען די קרוין פון אונדזער האָפענונג. מיט פאַסטן, וויינען און קלאָגן אויפן חורבן און מיט „אני מאמין בביאת המשיח", האָבן מיר געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז מיר האָבן נישט אויפגעגעבן די זיכערע האָפענונג אויף דעם „ושבו בנים לגבולם". עס איז געווען זי, די צונג וואָס האָט אַן אויפהער געמאָנט און געפאָדערט... דאַקעגן אָבער די האַנט האָט אויסגעזען צו זיין פאַראַליזירט. די יידישע האַנט איז געווען אַן אָפּהענטיקע, אַ שלאַבערדיקע, אַן אַטראָפּירטע. ווען יידן זענען ווי שאָף געפירט געוואָרן צו דער שחיטה, ווען מען האָט געברענט, פאַרגאַזט און געמאָרדעט אונדזערע שוועסטער און ברי־דער, זענען מיר אָפּגעגאַנגען מיט טייכן בלוט, נישט אויפהויבנדיק קיין האַנט קעגן די רוצחישע שונאים, ביז אַ שטורעם איז אַריין אין די יידישע אָדערן, ביז עס האָט אויפגעבליצט און אויפגעפלאַקערט אַזאַ העראָישער כח אין דעם „שארית ישראל", וואָס האָט פאַרגאָפּט און פאַרוווּנדערט די גאַנצע וועלט. קודם דער אויפשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ און שפּעטער אין קאַמף פאַר אונדזער פאָלק און אונ־דזער לאַנד, אויף די גרענעצן פון אונדזער אויסגעבענקטער היים. די וועלט האָט באַוווּנדערט, ווי די שלאָפנדיקע יידישע האַנט האָט פלו־צעם אויפגעוואַכט און האָט אָנגעהויבן מקיים צו זיין איר הייליקע שבועה, מקיים פסק צו זיין די יידישע שונאים. ניין די יידישע האַנט איז נישט אַטראָפּירט! ווען עס איז געקומען דער באַפעל „נטה את ידך"! האָבן אונדזערע העלדישע זין און טעכטער, פון אַלע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק, באַוויזן דעם „יד החזקה" נישט נאָר אין „שם המפורש" נאָר ממש „באגרוף". אונטער אונדזער אייזערנער פויסט, אָנגעלאָדן מיט אַזויפיל צער און וויטאָג, מיט אַזויפיל שמערצלע־כער בושה, אָנגעזאַמלט פון די אַלע יאָרן פון חורבן, זענען די גרעסטע אַרמייען געפאַלן ווי שטרוי. אין דעם באַפרייאונגס־קאַמף, פון אונדזער מדינה, האָבן זיך אויפדאַסניי פאַראייניקט, די יידישע צונג מיט דער יידישער האַנט, צו דערפילן דעם צוזאָג, נקמה צו נעמען פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון אונדזערע מארטירער. עס האָט באַוויזן דער

וועלט, אַז אונדזער פאָטער אין הימל, האָט פּרעזערווירט די יידישע האַנט פאַר דער צייט ווען זי וועט אַמבעסטן קענען באַנוצט ווערן. „ועוד זרועו נטויה”. די יידישע האַנט איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אדרבא, זי איז אויסגעשטרעקט מיט כח און מיט שטאָלץ, סיי פאַר אַ בכבודיקן שלום, אויב אונדזערע קעגנערישע שכנים, זאָלן דאָס וועלן און סיי פאַר אַבסאָלוטער, אומקאָמפּראָמיסלעכער פאַרטיידיקונג פון אונדזער לאַנד, אונדזערע בירגער און אונדזער האָב און גוטס.

ווען מיר באַטראַכטן ביידע העלדן פון דער „מצרים דראַמע”, משהן און להבדיל פּרעה, צוויי וועלט-פירער פון ערשטן ראַנג, וואַרפט זיך אונדז אָבער אין די אויגן דער טיפער אונטערשייד פון די צוויי. פּרעה איז פאַרבליבן דער סימבאָל פון טיראַניע און שלעכטס, און משה איז פאַראייביקט געוואָרן אַלס דער פאָנען-טרעגער פון די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן. ביידע זענען נישט לייכט. עס ווענדט זיך בלויז אין כאַראַקטער פון דעם מענטש.

אין אַ סעריע אַרטיקלען פון דעם באַרימטן זשורנאַל „לייף” האָט דער באַרימטער באַנק-רויבער, ווילים סאַטען, דערציילט וויפל יאָרן עס האָט אים גענומען אויסצופּראַקטיצירן זיינע פינגער צו עפענען די שווערסטע בענק-שלעסער. וויפל געדולד און אויסדויער ער האָט געהאַט ביז ער איז געוואָרן דער גרעסטער פאַכמאַן אין דער גאַנצער וועלט. מישא עלמאַן אָדער יאשע חפץ האָבן אויך געמוזט יאָרן און יאָרן פּראַקטיצירן זייערע פינגער כדי אַרויסצובאַקומען די פיינסטע און שענסטע טענער פון די סטרונעס פון זייערע פידלען. אַלע האָבן שווער געאַרבעט נאָר סאַטען, האָט זיך דעראַרבעט צו אַ שווערן קרימינאַל-טערמין און די אַנדערע, צו וועלט באַרימטקייט וואָס האָט געבראַכט נחת און פרייד דער גאַנצער מענטשהייט.

אַ חסידישער ייד האָט אין אַ קאַלטן פרימאָרגן גענומען זיין יונגן זון אין אַ קאַלטער מקוה. ווען דער יינגל איז אַריין אין מקוה, האָט ער אָנגעהויבן שרייען „אוי, ס'איז קאַלט! ווען דער יינגל איז שוין געווען אָפּגעטריקנט און אָנגעטאָן, פרעגט אים דער פאָטער:

חיימל, ווי פילסטו? „אַי, ס'איז אַ מחיה, טאַטע"! זעסטו מיין קינד, זאָגט דער פאָטער, זאָל עס זיין פאַר דער אַ לעקציע אין דיין גאַנצן לעבן. ווען דו ווועסט טאָן אַ מצוה, וועט אפשר זיין קודם „אוי" און דערנאָך, „אַ מחיה". ווען אָבער דו וועסט טאָן אַן עבירה וועט קודם זיין „אַ מחיה" און דערנאָך וועט זיין „אוי"... כדאי דאָס צו געדענקען... 6)

5) שמות ו' י"א.
6) שמות ו' י"ג.
1) בראשית כ'ג.
2) אבות פ'ב.
3) בראשית ט"ו י"ג.
4) שמות ב' י"ב.
5) שמו"ר א'.
6) הרב ב. ל. בערזאָן.

וארא ב׳

וויניקער גערעדט און מער געטאָן

„וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב בקל שדי ושמי ד׳ לא נודעתי להם" (שמות ו׳ ג׳).
„וארא אל האבות" (רש״י).
„וידבר משה לפני ד׳ לאמר: הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה" (שמות ו׳ י״ב).

א

די גאַנצע וועלט וווּנדערט זיך: וואָס איז רש״י דאָ אויסן געווען און וואָס האָט זי אויפגעטאָן מיט דעם פשט, אַז „וארא" מיינט צו די אבות. צו דען ווייסט נישט יעדעס קינד, אַז אברהם יצחק און יעקב זענען די אבות? און ווען ג־ט זאָגט: איך האָב זיך באַוויזן צו זיי און זאָגט אויסדריקלעך צו וועמען: צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן טאָ וואָס וויל רש״י באַצוועקן מיט די ווערטער „אל האבות"? משמעות, אַז קיינער ווייסט נישט ווער די אבות זענען געווען?

גלויבן מיר, אַז רש״י איז טאַקע באמת נישט אויסען געווען צו אַפּטייטשן דעם פסוק מיט אַ טייטש וואָס אַלע ווייסן, נאָר וואָס רש״י האָט יאָ געוואָלט איז פּאַר אַלגעמיינעזירן דעם באַגריף „אבות", נישט בלויז צו די פאָלקס־אבות, אברהם יצחק און יעקב, נאָר צו אַלע אבות, ד. ה. צו אַלע יידישע עלטערן, צו וועמען קינדער זענען פאַרפליכטעט, נישט בלויז צו ערן זיי און זיי אָפּגעבן כבוד, נאָר צו מאַכן זיכער, אַז זיי, די קינדער, וועלן נישט אָפּשטיין פון זייערע על-

טערן, אין פעסטקייט פון כאַראַקטער, אין אויסגעהאַלטענער הנהגה און אין מאָראַלישער אויפירונג.

וואָרום וואָס איז דאָ אייגנטלעך פאָרגעקומען? כביכל מאַכט משהן אַ שווערן פאָרוואורף, אַז ער איז נישט אַזוי ווי זיינע עלטערן, אברהם יצחק און יעקב זענען געווען. זיי, זיינע זיידעס, זענען גע־ווען אויסגעהאַלטן אין דער אמונה און זיי האָבן קיינע קשיות נישט געפרעגט און ער, משה, איז נישט אַזוי. און די חז״ל ברענגען אַ משל פון אברהם אבינו. ווען ג־ט האָט אים געהייסן ברענגען זיין זון יצחק צו דער עקדה, האָט ער דאָך געקענט זאָגן: סטייטש היתכן רבונו של עולם? צו האָסטו דען אַליין מיר נישט צוגעזאָגט: כי ביצחק יקרא לך זרע. אַז פון יצחקן וועל איך האָבן קינדער? און דאָ פלוצים הייסטו מיר אים ברענגען פאַר אַ קרבן ווו איז דיין וואָרט?... אָבער אברהם האָט דאָס נישט געטאָן, קיינע שום שאלות נישט געפרעגט און געגאַנגען אויספירן דעם באַפעל פון ג־ט מיטן גאַנצן הארצן... און דו משה זאָגט ג־ט אַזוי שנעל ווי דיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עפּים שטימט נישט, האָסטו גלייך געפרעגט קשיות „למה הרעות לעם הזה ולמה זה שלחתני״?... פאַרוואָס האָסטו שלעכטס געטאָן צו דעם פאָלק און נאָכוואָס האָסטו מיך געשיקט צו פרעהן?

אודאי איז דאָס אַ פאָרוואורף צו משה רבינו, אָבער ווי דריקן זיך אוים די חז״ל „אם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו איזובי קיר?״ אויב די האַרטע טענענהאָלץ שטייט אין געפאַר פון דעם פייער וואָס וואָס זאָל שוין זאָגן די טריקענע „וואַנט־מאָך״?... (1 דער תנא „עקיבא בן מהללאל״ זאָגט: „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה״ טראַכט זיך אַריין אין דריי זאַכן וועסטו נישט קומען אין די הענד פון דער עבירה. דאָס ערשט איז „דע מאין באת״ וויים פון וואַנען דו ביזט געקומען... ווען דו וועסט דאָס וויסן און פאַרשטיין וועסט נישט קומען צו ווערן אַ „בעל עבירה„ (2 אויף דעם זאָגן מיר שטענדיק: אויב אַ ייד וויל באמת אויסהיטן זיך פון צו טאָן שלעכטע זאַכן, איז די ערשטע עצה, צו וויסן און צו געדענקען פון וואַנען ער קומט. ווער זיינע עלטערן און אורעלטערן זענען געווען,

ווי האָבן זיי זיך געפירט און ווי פירט ער זיך. אויב אַ ייד וועט זיך אַלעמאָל דערמאָנען אין זיין היים, אין זיין אָפּשטאַמונג, ער וועט זיך וועלן זען פאַר זיך דעם „דמות דיוקנו של אביו" ווי זיין טאַטע האָט אויסגעקוקט און ווי ער האָט זיך געפירט, אויב דאָס וועט אים ליגן אין מח, אויב ער וועט גענוג רעספּעקטירן זיינע עלטערן וועט ער זיכער זיין מער אַנשטענדיק, מער אָפּגעהיטן און מער אויס-געהאַלטן....

מען זאָגט נאָך פון דעם „חתם סופר" ז"ל וועלכער איז געווען אַן איידעם פון דעם גרויסן גאון און צדיק ר' עקיבא אייגר ז"ל, אַז ער האָט געזאָגט: איידער איך פאַר זען מיין גרויסן שווער, איז וואָכן לאַנג טו איך תשובה, אוים מורא טאָמער. ווען דער שווער וועט מיך דערזען און אונקוקן מיין צורה, זאָל ער נישט דערקענען מיין נישטיקייט...

מעגלעך דעריבער, אַז ווען רש"י ז"ל האָט דערזען אין דער תורה דעם פאָרוואָרף וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט משה רבינו, אַז ער איז נישט ווי זיינע עלטערן זענען געווען, האָט רש"י גע-טראַכט: מה דאָך משה רבינו, דער אב הנביאים, דער מקבל התורה, האָט אים ג-ט געזאָגט אַזאַ מוסר... היינטזשי מיר, מיר וועלכע זענען אַפילו נישט „כקליפת השום" לגבי משהן, מוזן מיר דאָך אודאי טראַכטן און זאָגן: „וארא אל האבות", אַז מיר זאָלן זיין אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך קענען „באַווייזן פאַר אונדזערע עלטערן און זיי דערביי נישט פאַרשעמען און אַליין נישט פאַרשעמט בלייבן...

מיר האָבן דעם וואָרט געזאָגט אַמאָל ביי אַ געוויסער מסיבה. שפּעטער קומט צו אונדז צו אַ ייד און זאָגט מיט אַ היפּש ביסל חוצפה: רבי פאַרוואָס באַליידיקט איר אונדז! צו דען שעמען זיך די עלטערן מיט אונדז?... האָבן מיר דעם יידן געענטפערט: צי די עלטערן שעמען זיך מיט אייך דאָס ווייסן מיר נישט, אָבער, אַז זיי מעגן זיך שעמען מיט אייך, דאָס איז קיין ספק נישט...

ב

די יידן אין מצרים האלטן אינמיטן פראצעס פון באפרייאונג, די אקציע האט זיך אנגעהויבן מיטן דערשיינען פון משה מיט אהרנען פאר פרעהן, דעם מלך פון מצרים, אום אים איבערצוגעבן דעם באפעל פון דעם ג-ט פון ישראל „שלח את עמי ויחוג לי במדבר" שיק ארויס מיין פאלק זיי זאלן מיך פייערן אין דער מדבר. 3) פרעה, נישט נאר האט ער זיך געמאכט פארגעסן יוספן, וועלכער האט זיין לאנד געראטעוועט פון הונגער און אונטערגאנג, נאר ער האט אויך געמאכט זיך פארגעסנדיק פון דעם ג-ט אין וועמעס נאמען יוסף האט אים געראטעוועט. און בכדי צו ווייזן זיין אבסאלוטע אומאפהענגיקייט און אייגענע שטארקייט, איז אנשטאט צו אויספירן דעם באפעל פון ג-ט, האט ער נאך פארשטארקט זיין רשעות איבער די יידישע שקלאפן, דערמיט וואס ער האט באפוילן, אז מען זאל זיי מער קיין שטרוי פאר ציגל נישט מער צושטעלן ווי ביז אצינד, אבער די זעלבע צאל ציגל מוזן זיי פראדוצירן און אזוי ארום האט ער אויף זיך געבראכט אלע צרות און די שטראף-עקספעדיציע האט זיך אנגעהויבן מיט די בארימטע „עשר מכות".

אבער מערקווירדיק איז, אז די ערשטע הויפט-שוועריקייטן זענען נישט געווען אזוי ווייט פון פרעהן, מיטן נישט וועלן אויספירן דעם באפעל פון ג-ט, ווי פון די יידן אליין, וועלכע האבן גארנישט געוואלט באפרייט ווערן. „ולא שמעו אל משה מקצר רוח ומעבדה קשה" 4). די יידן האבן זיך נישט צוגעהערט צו משהן צוליב זייער שוואכן גייסטיקן צושטאנד און צוליב זייער שווערער ארבעט. משה האט זיי געבראכט די גוטלעכע בשורה פון די פיר היסטארישע פרייהייטן: „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" איך וועל אייך ארויסנעמען פון דעם שווערער ליידן פון די מצרים, „והצלתי אתכם מעבודתם" איך וועל אייך רעטן פון דער שווערער ארבעט, „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה" איך וועל אייך אויסלייזן מיט א שטארקן ארעם. „ולקחתי אתכם לי לעם" און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאר א פאלק. אבער די יידן האבן אפילו נישט געוואלט הערן פון די אלע

זאכן. זאָגט אויף דעם דער זוהר: „מרובא דעבידתא הוי שכחין אבות-הון" פון צופיל שווערע אַרבעט האָבן זיי פאַרגעסן זייערע עלטערן... לויט דעם זוהר קומט אויס דאָס וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז ווען מען פאַרגעסט די עלטערן וויל מען שוין אפילו נישט אויס-געלייזט ווערן...

ג

דער עיקר וואָס מיר ווילן, אַז מיר זאָלן פאַרשטיין אין דער היינ-טיקער סדרה, איז אָט וואָס. ווען משה רבינו האָט פון ג-ט באַקומען דעם צווייטן באַפעל: „בא אל פרעה מלך מצרים וישלח את בני ישראל מארצו", קום צו פרעהן און פאָדער, נאָכאַמאָל, ער זאָל אַרויסשיקן די יידן פון זיין לאַנד.. 5), פרעגט משה ביי ג-ט: „הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה?" אויב, די יידן אַליין ווילן זיך צו מיר נישט צוהערן, ווי קען איך דערוואַרטן, אַז פרעה זאָל זיך יאָ צוהערן? דאַכט זיך אַ זייער ערלעכע, קלאָרע און לאָגישע פראַגע, אַ צייטלעכע און אַ נויטיקע, אָבער צו גרעסטן וווּנדער, קריגט משה אויף דער פראַגע קיין שום תשובה נישט, נאָר אַנשטאָט אַן ענטפער קריגט ער אַ נייעם באַפעל: „וידבר ד' אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל ואל פרעה מלך מצרים להוציא את בני ישראל מארץ מצרים" ד. ה. ג-ט רעדט ווידער צו משהן מיט אהרנען און באַפעלט דורך זיי די יידן און דעם מלך פון מצרים ער זאָל אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים. 6).

אַ סך פון די אויסטייטשער פון דער תורה האָבן אַריינגעטייטשט אין דעם פסוק פאַרשידענע פשטים, רמזים און איינפאַלן, אָבער די קשיה בלייבט אויפן אָרט און די צווייטע קשיה, פאַרוואָס ג-ט האָט משהן נישט געענטפערט אויף זיין ריכטיקער און גוטער פראַגע, איז נאָך הארבער ווי די קשיה אַליין. ווייזט אונדז דעריבער אויס, אַז דער רבונו של עולם האָט דאָ געוואָלט לערנען מיט משה רבינו אַ פרשה, אין דער הלכה פון דעם יידישן לעבן בכלל און פון זיין עקזיס-טענץ בפרט און די הלכה וועט, במילא, זיין אַן אַלצייטיקע תשובה

וועלכע וועט דינען סיי משהן און סיי אַלע נאָכקומענדיקע יידישע דורות, אַלס אַ באַזע און אַלס אַ יסוד פאַר יידישער אייביקייט.

משה רבינו, כאָטש שוין אַליין נישט קיין יונגערמאַן, ער איז שוין אַלט בערך אַכציק יאָר, אָבער פאָרט איז ער ניי אין זיין מיסיע, נאָרוואָס האָט ער אָנגעהויבן צו דורכפירן די ראָלע פון דעם יידישן מנהיג, אַליין נאָך נישט קיין צופיל אויספּראָבירטער, אין אַנדערע ווערטער עס איז נאָך נישט דער משה רבינו, וועלכער האָט שפּעטער געפירט פערציק יאָר די יידן אין דער מדבר. ער איז אַ נייער און ער שטייט ביים סאַמע אָנפאַנג פון דער יידישער היסטאָריע. פרעגט ער ביים רבונו של עולם, ווי געזאָגט, אַ לאָגישע פראַגע און ער דער־וואַרט אַ לאָגישן ענטפער. אָבער ג־ט זאָגט צו משהן: משה! דו מאַכסט ווידעראַמאָל אַ טעות! וואָרום נישט מיט סתם לאָגיק און סתם שכל, וועט דאָס יידישע פאָלק, וועמעס פירער דו גייסט זיין, געפירט ווערן. לאָגיק און שכל זענען נישט גענוג צו האַלטן אַ פאָלק אין איי־ביקער עקזיסטענץ! אדרבא לויט דער לאָגיק און דעם שכל וואָלט דאָס יידישע פאָלק, לאַנג נישט געקענט זיך האַלטן אויף דער אויבער־פלאַך. גיב אַ קוק משה! אַנדערע, גרעסערע פעלקער פון דעם יידישן פאָלק, מיט לאָגיק און שכל, וועלן מוזן אונטערגיין, דאָס וועט פּאַסירן מיט „אשור", מיט „עמון", מיט „מואב" און מיט אַ סך אַנדערע גרויסע אימפּעריעס. זיי וועלן אָדער אינגאַנצן אונטערגיין אָדער אויסגע־מישט ווערן מיט אַנדערע און אַזוי פאַרשווינדן... ווילסטו משה, אַז מיין און דיין פאָלק זאָלן נישט האָבן דעם זעלבן סוף ח"ו, טאָ זוך נישט קיינע לאָגישע ענטפערס צו די פראַגעס וואָס מאַטערן דיר, דו דאַרפסט וויסן איין זאַך: באַפעל די יידן זיי זאָלן וועלן אַרויסגיין און באַפעל פרעהן, ער זאָל זיי אַרויסלאָזן די רעשט לאָז איבער צו מיר, דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן, צו זאָרגן זיך פאַר דער אייביקער עקזיסטענץ פון דעם פאָלק ישראל... זיי וויסן משה!, אַז נישט לאָגיק ברענגט עקזיסטענץ נאָר עקזיסטענץ איז די גרעסטע לאָגיק...

דאָס דערמאָנט אונדז אַ טשיקאַווע עפּיזאָד נאָך פון דער אַלטער היים. נאָכן ערשטן וועלט קריג, ווען מיר זענען נאָך גאָר אַ

קינד געװען, איז דאָן געװען אַ שרעקלעכער מאַנגל אין דירות און דאָס געזעץ האָט נישט דערלויבט אַרויסצושטעלן קײן שום לאָקאַטאָר און דער בעל הבית האָט נישט געהאַט קײן רעכט איבער דער דירה סײדן דער אײנװױנער האָט אים גוטװיליק איבערגעגעבן דעם שליסל. אין אונדזער הויז האָט אויך געװוינט אַ לאָקאַטאָר אַזאַ, זײער אַ רײ־כער מענטש און כאָטש מיר זענען געװען זײער אַ גרויסע פֿאַמיליע, בלי עין רע, אכצן מענטשן, און אונדזער דירה איז געװען זײער אַן ענגע, אָבער װיפֿל מיר האָבן זיך בײ אים געבעטן ער זאָל אַרויס פֿון דער דירה האָט נישט געהאָלפֿן. אין אַ שײנעם טאָג גיט מען אַ קוק הער געזרבעל, אַזױ האָט ער געהײסן, ציט זיך אַרויס. עס איז פֿאַר־פֿאָרן אַ גרויסער לאַסט אויטאָ און מען האָט אַרויפֿגעלײגט די גאַנצע מעבל און ער איז אַװעקגעפֿאָרן. בײ אונדז אין הויז איז געװאָרן ששון ושמחה, סטײטש מיר װעלן שוין קענען זײן אַביסל באַקװעמער. אָבער עס גײט אַװעק אַ גאַנצן טאָג און דער בעל דבר ברענגט נישט די שליסל. די זאַך איז געװאָרן פֿאַרדעכטיקט, אַז מסתם האָט ער בדעה אַרײַנצוזעצן אַנאַנדערן אין דער דירה. געדענקען מיר די געהײמע בעראַטונג װאָס עס איז פֿאָרגעקומען אין הויז און מען האָט באַשלאָסן, אַז מען מוז די דירה גלײך איבערנעמען. אומר ועושה, אויפֿגעבראָכן דעם שלאָס, אַרײַנגעפֿירט מעבל מיט אַנדערע כלים און מען װױנט. אַרום צװעלף אַזײגער בײַנאַכט, הערט מען װי עמיצער דרײט מיט אַ שליסל און װיל אַרײַנקומען אָבער נאַטירלעך איז שוין געװען פֿאַרזאָרגט מען זאָל נישט קענען אַרײַן. עס איז געװאָרן אַ גרויסע סעמאַטאָכע און אַ טומל, זײ שטײען מיט אַ לאַסט־װאָגן מעבל און מען קען נישט אַרײַן. װעלן מיר קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן װי אונדזער מלמד, דער רבי ר׳ איציק ע״ה איז אַרויס צו זײ און זײ גע־זאָגט בזה הלשון: מײנע הערן! עס טוט אונדז לײד, אָבער מיר האָבן באַזעצט די דירה און באַזעצט איז באַזעצט! װען די זאַך איז געקומען צו געריכט און דער ריכטער האָט אויסגעהערט בײדע טענות גיט ער זיך אַ רוף אָן: גלויבט עס צו נישט, בזה הלשון: מײנע הערן נאָכן

אויסהערן די אַלע טענות, זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז אַזוי ווי די דירה איז שוין באַזעצט און דאָס געזעץ זאָגט בפירוש באַ־זעצט איז באַזעצט, איז פאַרפאַלן... ווען מען האָט אים שפּעטער גע־פרעגט וועלכעם געזעץ? האָט ער געענטפערט: דאָס געזעץ פון דעם אַלטן מלמדס לאָגיק...

---

1) מ"ק כ"ה.
2) אבות פ"ג א'.
3) שמות ה' א'.
4) שמות ו"ט'.

בא

ווארנונג און שטראף

ויאמר ד" אל משה בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו למען שיתי אותתי אלה בקרבו. (שמות י' י"א).

א

לעצטנס איז פאר אונדזער איינעם געווארן זייער שווער צו רעדן א גוט ווארט וועגן דעם רבונו של עולם. יעדער ייד ווערט א שופט איבער ג-ט און אזוי שנעל, ווי איר ברענגט ארויס אויף אייערע ליפן, א רעיון וועגן דער גוטסקייט און רחמנותדיקייט פון דעם וועלט באשעפער, אזוי באמערקט איר גלייך, ווי אויגן-ברעמען הויבן זיך און ווי איינער דעם אנדערן קוקט אן מיט אן אויסדרוק, ווי איינער זאגט: וואס האקט ער דארטן א טשייניק, דער רב, פון ג-טס רחמ־נות? און וואס איז מיט די זעקס מיליאן? און זייער אפט נאך א דרשה, אין וועלכער מיר האבן געוואגט צו רעדן פון גדלות ד', באפאלן אונדז די קלוגינקע מיט דער 64 מיליאן דאלערדיקע שאלה: און ווו איז געווען גאטס גרויסקייט און ג-טס רחמנות בשעת היטלער, ימ"ש האט אומגעבראכט דאס יידישע פאלק? א סך מאל, בעת אזא אנפאל פון „קלאץ קשיהס", אויף וועלכע קיינער וועט זיך נישט אונטער־נעמען צו געבן, אט די „פרעגער" א, פאר זיי, צופרידנשטעלנדיקן ענטפער, דאכט זיך אוים ווי זיי, די היפער-פאטריאטן באטראכטן אונדז, די „גלוביקע יאלדן", גלייך ווי מיר וואלטן געווען כאטש אינדיאנישע-האטענטאטן ווען עס טוט גאר נישט וויי דער אומ־

גליק וואָס עס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק... דער אמת איז, אַז די מיינסטע „סתם מקשנים" ווילן גאָר נישט קיין תירוץ... ביי זיי איז די קשיה אַליין דער תירוץ... אַ תירוץ נישט צו דאַרפן מקיים זיין די מצות פון ג־ט, וואָרום אויב ג־ט איז אַזעלכער און אַזעלכער, ווי קען איך גלויבן אין אים? (אַ תירוץ אויף די קשיהס וואָס מען קען ביי זיי פרעגן...)

אויפן פסוק אין דער היינטיקער סדרה „והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם". ווען די קינדער וועלן אייך זאָגן וואָס פאַראַ אַרבעט איז דאָס פאַר אייך? 1), זאָגט די וועלט: אין אמתן איז דאָך ווי די הגדה זאָגט „לכם ולא לו", צו אים געהערט דאָך שוין סיי ווי סיי נישט די יידישקייט. ער האָט זיך שוין פון דעם לאַנג באַפרייט, און דאָך רופט ער דאָס אָן „עבודה". דאָך איז עס אים, לעול ולמשא...

ב. יאושזאהן ברענגט אָן אינטערעסאַנטע מעשהלע: דער זשיטאָמירער רב, רבי צבי הירש סעגאַל דער „בעל עטרת צבי", האָט געהאַט אַ זון, וועלכער איז אַרוים לתרבות רעה. ער האָט געוווינט אין פעטערסבורגער און זיך גערופן ד"ר גריגאָרי פעטראָוויטש. איינמאָל איז ער געקומען צום טאַטן צוגאַסט און פאַרבראַכט ביי אים אַ שבת. אין שול איז ער נישט געגאַנגען, דאַוונען האָט ער נישט געוואָלט, דערפאַר אָבער די שבתדיקע סעודה האָט ער געפּראַוועט כהלכתה, פאַסמאַקעוועט זיך מיט די גוטע פיש, געגעסן מיט גרוים אַפּעטיט דעם געשמאַקן קוגל, שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם צימעס אאז"וו. נאָכן עסן איז ער אַריין אין אַ חדר מיוחד אויסגערייכערט אַ סיגאַר און נאָכהער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און פאַרפירט מיטן טאַטן אַ שמועס, מיט טענות קעגן ג־ט און וועגן דער נייטיקייט צו רעפאָרמירן דאָס יידישקייט.

— אַ מאָדנע זאַך — מאַכט צו אים דער פאָטער — מיר איז דאָס יידישקייט לגמרי נישט שווער, און דוקא דו, וואָס קיין שום עול פון תורה און מצות טראָגסטו נישט אויף זיך, דאַוונען דאַוונסטו נישט, רופן רופסטו זיך גריגאָרי פעטראָוויטש, שבת רויכערסטו סיגאַרעטן,

דערביי געניסטו סיי פון די גוישע, סיי פון די יידישע באַקוועמלעכ־קייטן, עסנדיק אי חזיר אי שבתדיקן קוגל, און דווקא אַזעלכע ווי דו איז דאָס יידישקייט אַזוי שווער. ג־ט טויג נישט און רק זיי פאַרלאַנגען רעפאָרמען...

ב

אין אמתן זענען קשיהס מיט שאלות נישט קיין נאָווינע ביי יידן, אַפילו קשיהס אויף ג־ט האָבן יידן זיך דערלויבט וואָרום, דער עיקר זענען די אַבזיכטן. ערשט אין דער פריערדיקער סדרה האָט משה רבינו געפרעגט דעם רבונו של עולם „למה הרעותה לעם הזה ולמה זה שלחתני"? פאַרוואָס ג־טעניו האָסטו ערגער געמאַכט דעם פאָלק און נאָכוואָס האָסטו מיר געשיקט? 2) אָבער דאָס איז געווען אַ פראַגע פון מסירת נפש און דווקא פון טיפן גלויבן... אונדזער גאַנצע תורה־ליטעראַטור איז אויפגעבויט אויף שאלות און קשיות, דער תלמוד איז אינגאַנצן, כמעט, איין קשיה. בעו מיניה, מתקיף לה, ורמינהו און הדרי קושיה לדוכתי, זענען דאָך די יסודות פון טיפזיניקע פלוגתות און הלכהס פון גאַנץ ש"ס. אַלע מפרשי התורה וועלכע זענען טאַקע דורכ־געדרונגען מיט אמונה און אהבת ד'. פרעגן הונדערטער קשיות וועלכע זיי געבן אָן אַ שיעור תירוצים אָבער די קשיהס און אויך די תירוצים זענען פּאָזיטיווע נישט קיין נעגאַטיווע...

מיר האָבן געמאַכט היינט אָט די היפשע הקדמה, צוליב אַ פונדאַמענטאַלער קשיה וואָס אַלע אינטערפּרעטירער און אויסטייט־שער פון אונדזער תורה, שטעלן אויף דעם ערשטן פסוק פון דער היינ־טיקער סדרה. מיר ווייסן, אַז דער יסוד פון אונדזער אמונה איז „בחירה חפשית". דער מענטש אַלס דער יציר כפיו של הקב"ה, ווערט אָבער נישט געצוווּנגען פון דער ג־טהייט אין זיין הנהגה, אין מאָראַלישע און געטלעכע ענינים. דער מענטש איז פריי זיך אויסצוקלייבן אין וועלכן וועג ער וויל גיין און דאָס זאָל דעם מענטשן געבן די מעג־לעכקייט, פאַר זיין אייגענער גייסטיקער אַנטוויקלונג. דער מקור איז די באַקאַנטע גמרא 3). „אותו מלאך הממונה על ההריון לילה

שמו וכו׳ ואומר לפני רבש״ע טיפה זה מה תהא עליה, גבור או חלש חכם או טיפש וכו׳ ואילו צדיק או רשע לא קאמר, כי הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״. איידער דאָס קינד ווערט געבוירן פרעגט דער ספּעציעלער מלאך איבער געבורטן: וואָס זאָל דאָס קינד וואָס דאַרף געבאָרן זיין? אַ שטאַרקער צו אַ שוואַכער, אַ קלוגער אָדער אַ נאַר? צו אָבער ער זאָל זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע, דאָס פרעגט נישט דער מלאך ביי ג־ט, ווייל אַלץ איז ביי ג־ט אין האַנט, אַחוץ צו דער מענטש זאָל האָבן יראת שמים צו נישט. דאָס מוז דער מענטש אַליין אויסקלייבן. איז דאַך זייער שווער צו פאַרשטיין, אויב ג־ט האָט געוואָלט, אַז פרעה זאָל אים פאָלגן און אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים, האָט ער דאַך אים געמוזט לאָזן אַ פרייע בחירה, און דאָ זאָגט ג־ט אַליין: „כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו״. איך אַליין, האָב שווער געמאַכט זיין הארץ ער זאָל נישט אַרויסשיקן די יידן, טאָ ווו איז ג־טס יושר? ווו איז גערעכטיקייט? דו אַליין לאָזט נישט, ער זאָל דיך פאָלגן און דו באַשטראָפסט אים פאַר נישט פאָלגן דיר, היתכן?

קומט דער אברבנל און גיט זייער אַן אינטערעסאַנטן און כאַראַק־טעריסטישן ענטפער אויף דער קשיה: קודם זענען משה מיט אהרנען געקומען צו פרעהן מיט אַ שליחות פון ג־ט און געזאָגט: כה אמר ד׳ אלקי ישראל, שלח את עמי ויחוגו לי במדבר. אַזוי האָט געזאָגט דער ג־ט פון ישראל, שיק אַרויס מיין פאָלק און זאָלן זיי פייערן פאַר מיר אין מדבר. וואָס ענטפערט פרעה? „מי ד׳ אשר אשמע בקולו״, ווער איז דאָס ג־ט צו וועמען זיך זאָל זיך צוהערן? „לא ידעתי את ד׳ וגם את ישראל לא אשלח״, איך קען נישט ג־ט און איך וויל אים נישט פאָלגן. הייסט דאָס, אַז ג־ט האָט געגעבן פרעהן די בחירה ער זאָל טאָן ווי ער וויל, און פרעה האָט באַשטימט ניין! איך פאָלג נישט! נו, אַז עס גייט נישט מיט גוטן, מוז עס גיין מיט בייזן. האָט ג־ט אָנ־געהויבן צו שיקן מכות אויף פרעהן, אים צו צווינגען ער זאָל אַרויס־שיקן די יידן. וואָס האָט פּאַסירט? קודם האָט פרעה זיך דערשראָקן

און געבעטן משהן ער זאָל צונעמען די מכה. ער װעט שױן שיקן די ייִדן אָבער אַזױ שנעל װי פּרעה האָט דערזען אַ פאַרלײכטערונג, האָט ער חרטה געהאַט. זאָגט דער אברבנל: דאָס איז די כאַראַקטערים־טיק פון אַלע רשעים. װען זײ זעען גוטסקײט, נאַכגיביקײט נעמען זײ דאָס אָן פאַר שװאַכקײט. װען פּרעה האָט דערזען, אַז די מכות זענען צײטװײליקע און אַזױ שנעל, װי ער בעט משהן, נעמט ער די מכה אַװעק, האָט ער פון דעם אַרױסגעדרונגען, נישט אַז ג־ט איז שטאַרק נאָר פאַרקערט, אַז ג־ט איז שװאַך, און ער האָט גאָר פאַר אים, פאַר פּרעהן, מורא. װאָרום װאָלט ער טאַקע געװען, אַזױ אַלמעכטיק װי ער װיל, אַז פּרעה זאָל גלױבן, װאָלט ער מיט אײן קלאַפּ אים אַװעקגע־פּאַטערט. די מענטאַליטעט איז די טיראַנישע, דיקטאַטאַרישע. זײ װײסן בײ זיך, אַז װען זײ האָבן דעם כח, עקזיסטירט גאָרנישט אַזאַ זאַך װי רחמנות, הומאַניטאַריזם, מענטשלעכקײט... דאָס זאָגט ג־ט צו משהן: „בא אל פרעה״, קום נאָכאַמאָל צו פּרעהן, װײל „כי אני הכבדתי את לבו״. איך, מיט מײן געטלעכן יושר און רחמנות, האָב אים כסדר, אױפדאָסנײ געלאָזט אָפּ אָטעמען, מיט דער האָפענונג, אַז ער װעט בעסער װערן און עס װעט נישט נײטיק זײן, אים צו פאַר־ניכטן, אָבער אַנשטאָט װאָס ער זאָל אָנערקענען מײן גוטסקײט און גערעכטיקײט, נעמט ער דאָס אָן פאַר שװאַכקײט און װערט גאָר מער חוצפּהדיקער, אַנשטאָט נאָכגיביקער... איך, זאָגט ג־ט, האָב דאָס געטאָן „למען שיתי אותתי אלה בקרבו״, כדי אײנצופּאַלנצן אין דער מענטשהײט, אַז מעג אײנער האָבן די גרעסטע איבערמאַכט, און מעג ער קענען מיט אײנמאָל אָפּװישן אַ שונא פון דער אױבערפלאַך, איז ער אָבער מחויב צו געבן דעם שונא אַ געלעגנהײט זיך אונטער־צוגעבן אײדער ער װערט אומגעבראַכט, לױט דעם אָנגענומענעם כלל פון „אין עונשין אלא אם כן מזהירין״. מען באַשטראָפט נישט אײדער מען גיט אַ װאָרענונג... 4).

ג.

דער פשט, עפנט פאַר אונדז, אויפדאָסנײַ, די אויגן צו זען, אַז „אין כל חדש תחת השמש".

„אַפּיזמענט" ווערט אויסגעטײַטשט פאַר שוואַכקייט. אַזוי איז געווען ביי פּרעהן, אַזוי איז געווען ביי היטלערן און אַזוי איז היינט אין וויעטנאַם. און ווען די וועלט איז היינט צוטיילט אין „האָוקס" און „דאָווס". דאָס מיינט אין אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז אַמעריקע וואָס קען דאָס, דאַרף מיט איין קלאַפּ באַזיגן וויעטנאַם און אָראָפּ פון דעם מאַרק און זיי טענהן, אַז דאָס איז דער זיכערסטער וועג, איידער כינע ווערט צו שטאַרק. און אַנדערע וועלכע האַלטן, אַז אַמע־ריקע מוז אָפּשטעלן דאָס באָמבאַרדירן און מאַכן שלום אונטער אַלע אומשטענדן... קריגן זיי זיך אייגנטלעך, צו יושר, רחמנות און איינ־זעעניש האָט נאָך אַ ווירקונג צו נישט... ליידער האָבן אונדז די פּרעהס און היטלערס געלערנט, אַז טיראַנען און רשעים פאַרשטייען אינגאַנצן נישט די הויכע טערמינען. דוד המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט: „עם עיקש תתפל", מיט קרומע מענטשן מוז מען זיין „עקלהאַפט"... (איינער וואָס ווייסט נישט די טייטש פון דעם וואָרט „תתפל" טייטשט זייער פשוט: מיט אַ קרומען „טו־טאָפּל").

דער רמב"ם זאָגט אין מורה נבוכים „הדבר הכי קל להתקשות נגד ד' כי הוא נעלם מכל". די לייכטסטע זאַך איז צו פרעגן קשיות אויף ג־ט ווייל ער איז פאַרהוילן פון אַלעמען... די אַנדערע וואָך וועלן מיר לייענען אין דער תורה די „שירת הים". „שירה לד' כי גאה גאה סום ורוכבו רמה בים". דער מדרש זאָגט: די ערשטע העלפט פון דעם פסוק האָט געזאָגט משה און די צווייטע העלפט די יידן. פון וואַנען איז אַ ראיה? ווייל די ערשטע העלפט רעדט פון דער גרויס־קייט פון ג־ט „אשירה לד' כי גאה גאה". און די צווייטע העלפט רעדט פון פערד און רייטער וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן. „סוס ורוכבו רמה בים". זאָגט דער קאָצקער ז"ל: מען קען אין איין אָטעם נישט

דערמאָנען ג-ט מיט להבדיל פערד... מוז זיין, אַז די ערשטע העלפט, פון ג-ט, האָט געזאָגט משה און די צווייטע העלפט, פון פערד, האָבן געזאָגט די יידן...

מיר גלויבן, אַז דער מדרש האָט געוואָלט זאָגן, אַז אין דער זעל־בער פּאַסירונג זעט יעדער עפּעס אַנדערש. הרב בערל לייב בערזאָן פון ברוקלין אין זיין ספר „גוטע אָנפאַנגען" ברענגט אַ שיינעם משל אויף דעם: בשעת דער רוסישער רעוואָלוציע, איז פּרינץ קאָניעוו, דעם צאַרס אַ נאָנטער עצה-געבער און הויפּט גענעראַל, פאַרנדיק אין אַ קאַרעטע, אויפגעריסן געוואָרן דורך אַ רעוואָלוציאָנערער באָמבע. באַלד האָט אַ גרויסער עולם זיך פאַרזאַמלט אויף דער סצענע און עס האָבן זיך דערהערט פאַרשידענע מיינונגען. איינער, אַ פאַבריצירער פון קאַרעטן, האָט באַדויערט וואָס אַזאַ הערלעכע קאַרעטע איז צעשמעטערט געוואָרן. אַ פערד-סוחר האָט ממש באַוויינט די גרויסאַרטיקע פערד וואָס זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער די קעניגלעכער גוואַרדיע וואָס איז אָנגעקומען, האָט נאַטירלעך וויגעטאָן דער טויט פון דעם גרויסער גענעראַל און אַ ניו-יאָרקער קאָרעספּאָנ־דענט האָט געשיקט אַ טעלעגראַם צו דער „ניו-יאָרק טיימס": דער אַלטער רעזשים איז טויט און אַ נייער ווערט געפאָרעמט. יעדער האָט געזען אין דער פּאַסירונג דאָס וואָס אים איז געווען נאָנט, און וואָס זיין שכל האָט באַנומען.

היוצא מזה, יעדער מענטש בכלל און אַ ייד בפרט מוז זיין אויסגעהאַלטן אין זיין דענקען און דער עיקר, קענען זיך אַליין. וויפל יידן זענען געווען און זענען נאָך פאַראַן וועלכע האָבן געשריען דאָס זעלבע וואָס פּרעה, „מי ד' אשר אשמע בקולו?" עס ווילט זיך ניט זיין חלילה, קיין מקטרג אויף יידן, אָבער ווער איז געשטאַנען הינטער דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געפּרעדיקט כפירה אין ג-ט, פרייע ליבע אאַז"וו. אויב נישט „אונדזערע" אייגענע יידעלעך? ווען דער נביא האָט פאַרן חורבן בית המקדש געוואָרנט די יידן, תשובה צו טאָן אויב נישט וועט זיין אַ חורבן, האָט מען זיך מיט

אים געדעכנט? און ווען ג-ט פּאַרכטיקע יידן שרייען היינט און וואַרענען דעם כלל ישראל, סיי אין די תפוצות און סיי אין ישראל, הערט מען זיך צו זיי צו? איז צו ווענען האָבן מיר טענות? צו ג-ט? ניין, מיר זענען אין אַלץ אַליין שולדיק, אויב מיר ווילן זיין אויפריכ־טיק צו זיך אַליין...

---

1) שמות י"ב כ"ו.
2) שמות ה' כ"ב.
3) נידה ט"ז.
4) יומא פ"א.

בשלח

פּאָעטישער געזאַנג

„עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה".
„זה קלי ואנוהו אלקי אבי וארוממנהו" (שמות ט"ו ג׳).
„אלקי אבי, לא אני תחילת הקדושה אלא מוחזקת ועמדת לי הקדושה ואלקותו עלי מימי אבותי. (רש"י).

א

די גרויסע טעמע פון דער היינטיקער סדרה איז די „שירת הים", וועלכע משה און די יידן האָב אויסגעזונגען, פון גרויס דאַנקבאַרקייט צו ג-ט נאָך די לעצטע און פולשטענדיקע ניסים, וואָס ג-ט האָט זיי באַוויזן אין לעצטן סטאַדיום פון דער גאולת מצרים". צוליב דעם וואָס מיר לייענען אָט די סדרה היינטיקן שבת, ווערט דער שבת באַטיטולט מיט דעם נאָמען „שבת שירה", דער שבת פון געזאַנג, וועלכער פאַר־נעמט זייער אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן די גרויסע שבתים פון יאָר.

פרעגט זיך: פאַקטיש האָבן די מסדרי התפילות אַריינגענומען די שירה, דעם גאַנצן „אָז ישיר", אין די טעגלעכע תפילות און יעדער ייד וואָס דאַוונט זאָגט דאָס יעדן טאָג. טאָ וואָס איז די נאַווינע און די ספּעציעלע וויכטיקייט, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צום היינטיקן שבת? דאָס אייגענע קען מען פרעגן אויף דער באַקאַנטער גמרא: „אמרו מלאכי השרת לפני הקדוש ברוך הוא: מפני מה אין ישראל אומרים שירה לפניך בראש השנה ויום כיפורים? אמר להם: אפשר

מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו וישראל אומרים שירה?

די מלאכים פרעגןביים רבונו של עולם: פאַרוואָס זאָגן די יידן נישט קיין שירה פאַר דיר אין די טעג פון ראש השנה און יום כיפור. ענטפערט זיי דער רבונו של עולם: ווען דער מלך זיצט אויף דער שטול פון דין און משפט און די ביכער פון די לעבעדיקע ווי אויך פון די טויטע זענען אָפן פאַר אים, זאָלן די יידן דאַן זאָגן שירה? 1) פרעגט זיך: די יידן זאָגן דאָך אייגנטלעך, די שירה פון „אָז ישיר" אויך ראש השנה און יום כיפור? פאַרוואָס ווערט דאָס נישט פאַררעכנט פאַר קיין שירה, אַז די מלאכים זאָלן דאַרפן שטעלן זייער פראַגע צו ג־ט?

וואָלטן מיר וועלן, מיט דער דערלויבעניש פון אונדזערע חשובע לייענער, אַנטוויקלען דאָ אַ געדאַנק וואָס וועט, גלויבן מיר, קלאָר מאַכן פאַר אונדז דעם ענין, די אינספּיראַציע דערצו וועלן מיר זוכן אין דער שירה בכלל און אין „שירת ישראל בפרט. ר' יהודה הלוי האָט דעפינירט דאָס וואָרט „שירה" אַלס „דער פּאָעטישער געזאַנג פון דער נשמה". שירה, ווי מיר פאַרשטייען זי, איז דער אויסדרוק פון העכסטן עקסטאַז, פאַר און וועגן עפּעס וואָס מיר האַלטן אַלס זייער גרויס, הויך און וויכטיק. אין אונדזער פאַל ג־ט אַליין. מלאכים, שרפים אופנים אין הימל, חיות און אַלע באַשעפענישן אַפילו אַלע פלאַנצן, אויף דער ערד, האָבן זיך זייער פאַרעם פון זאָגן שירה, צו לויבן און אָנערקענען זייער באַשעפער דעם בורא עולם. באַוווּסט אַלס „פּרק שירה". און מערקווירדיק, שירה הייסט דאָך אייגנטלעך פּאָעזיע. ווען מיר באַטיטלען איינעם אַלס „משורר", אין דער העברעאישער שפּראַך, מיינען מיר דערמיט איינעם, וואָס שרייבט און פאַר־פאַרסט פיוטים, חרוזים, לידער אאַז"וו. אָבער שירה גייט מיינסטנס צוזאַמען מיט „זמרה", מיט געזאַנג, און אַ סך האָבן באַמערקט, אַז דריי זאַכן האָט דער רבונו של עולם זיך אויסגעקליבן אויף דער וועלט, אויף וועלכע יידן מאַכן דריי באַזונדערע ברכות. „הבוחר בתורה", „הבוחר בעמו ישראל" און „הבוחר בשירי זמרה". תורה, דאָס יידיש־פאָלק און פּאָעטישע געזאַנגען, זענען די אויסדערוויילטע ליבלינגען

פון ג־ט. נאָכמער, די גאַנצע תורה, ווערט פון די חז"ל אָנגערופן שירה. איינע פון די תרי"ג מצות איז שרייבן פאַר זיך אַ ספר תורה. די גמרא דרינגט דאָס אַרויס פון דעם פסוק „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת", און איצט שרייבט פאַר זיך אָט די שירה. 2) רבא זאָגט: איינער ווען די עלטערן האָבן אַפילו איבערגעלאָזט אַ ספר תורה, איז ער, פונדעסטוועגן מחויב (אָדער אַ מצוה) צו שרייבן אַ ספר תורה פאַר זיך אַליין און ער לערנט דאָס אַרויס פון דער דער־מאָנטן פסוק. 3).

דער רמב"ם באַמערקט אויף דעם „כלומר כתבו לכם תורה שיש בה שירה זו לפי שאין כותבין את התורה פרשיות פרשיות 4). דאָס הייסט: מען זאָל שרייבן די תורה אין וועלכער עס געפינט זיך די שירה 5) אָבער דער רמב"ן אויפן פסוק אין דער תורה, זאָגט בפירוש: „וקראוה שירה כי ישראל יאמרו תמיד בשיר וזמרה". פאַרוואָס רופט מען די תורה שירה? ווייל יידן זאָגן זי שטענדיק מיט געזאַנג. דער באַרימטער, טראַדיציאָנעלער „גמרא ניגון", וועלכער האָט זיך איינגעבירגערט ביי אַלע לומדים בכלל און ביי בני הישיבה בפרט, האָט אויפגעהאַלטן די לעבעדיקע פרישקייט, פון דעם שטיקל גמרא און אַפילו אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט, געהאַלטן פאַראינטע־רעסירט דעם למדן. אַ רמז פון דעם געפינען מיר אין דער גמרא אַליין: „אמר ליה אביי לרב יוסף הא דרבי יצחק גמרא או סברא? אמר ליה מאי נפקא לן מינה? אמר ליה גמרא גמור זמורתא תהא? אביי פרעגט ביי רב יוספן: דאָס וואָס רבי יצחק זאָגט איז דאָס אַ גמרא, איז אַן הלכה פון אַ תנא, אָדער איז דאָס בלויז אַן אייגענע סברא? פרעגט אים רב יוסף צוריק: וואָס איז דער חילוק? סיי ווי ווייסן מיר דאָך ווי אַזוי צו פסקענען? זאָגט אים אביי, ניין! ס'איז אַ גרויסע נפקא מינה, צי איז דאָס געלערנט, אָדער איז דאָס בלויז געזונגען... 6) זעען מיר, אַז שוין אין דער גמרא אַליין געפינט זיך דער ענין פון זינגען ביים לער־נען, נאָר אביי זאָגט, אַז ביים בלויזן זינגען טאָר עס נישט בלייבן...

ב

דער שרייבער פון די מאמרים, וועלכע זענען געווידמעט, ראשם ורובם, צו אינטערפּרעטאַציע פון תורה איז „בכבודו ובעצמו" גע־שטאַנען פאַר דער דילעמע. ווי באַוווסט זענען מיר, פון דער השגחה עליונה, אויך באַשאַנקען געוואָרן מיט, באַשיידענע, כלים און טאַ־לאַנטן פאַר „שירה וזמרה" און פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט זיך אַנטוויקלט, אין אונדז אַ מין „קאָנקורענץ" צווישן דער גמרא און דעם זמר.

און כאָטש מיר האָבן אויסגעקליבן די „גמרא" אַלס דעם יסוד פון אונדזער גייסטיקן לעבן, האָבן מיר אָבער דעם „זמר" אויך איינגע־גלידערט אין די פונדאַמענטן, און פּראָבירט, מיט אַט דער קאָמבי־נאַציע, דינען ג־ט און יידן... אויף וויפל דאָס איז אונדז געלונגען קענען מיר, פאַרשטייט זיך, אַליין נישט אָפּשאַצן. ווען מיר רעדן שוין פון דעם, אַזוי אָפּן, וועלן מיר זיך נישט שעמען און דערציילן אַ קליינעם אינצידענט אין שייכות מיט דעם:

מיר זענען אַמאָל געזעסן ביי אַ געוויסער מסיבה, צוזאַמען מיט רבנים, און תלמידי חכמים וועלכע מען האָט מכבד געווען מיט דברי תורה. ווען עס איז געקומען אונדזער ריי האָט מען געבעטן מיר זאָלן עפּעס זינגען. איידער מיר האָבן זיי דאָס צוליב געטאָן האָבן מיר דערמאָנט די באַוווסטע מעשהלע אין דער גמרא: 7) „אמרו ליה רבנן לרב המנונא זוטי בהלולא דמר ברי דרבינא, לשרי לן מר! אמר להו ווי לן דמיתנן ווי לן דמיתנן. אמרו להו אנן מה נענה אבתרך? אמר להו הי תורה והי מצוה דמגנו עלן". די רבנן זענען געזעסן ביי אַ מסיבה פון אַ יאָרצייט פון זייערן אַ חבר, מר ברי דרבינא. רופן זיך אָפּ די רבנן צו רב המנונא: זינגט פאַר אונדז עטוואָס רופט זיך אָפּ רב המנונא: „ווי, וואָס מיר וועלן שטאַרבן" ווי, וואָס מיר וועלן שטאַרבן!" פרעגט די גאַנצע וועלט: זיי, די רבנים, האָבן אים געבעטן ער זאָל זינגען, מסתמא זיי אַביסל אויפצוהייטערן, פאַנגט ער גאָר אָן צו שרייען: ווי וואָס מיר וועלן שטאַרבן, כדי זיי נאָך מער טרויע־ריק צו מאַכן. פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן? האָבן מיר דאַן געזאָגט,

אַז מיר טייטשן די גמרא אַנדערש: אַט זיצן רבנים און זיכער האָט מען גערעדט דברי תורה, און אים, רב המנונא, איז מען גאָר מכבד צו זינגען, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען: ווי מוז זיין צו אונדזער לערנען, (וואָרום מתנא קען אויך מיינען לערנען) אויב איר זענט מיך מכבד מיט זינגען!... האָבן זיי אים געענטפערט: „אנן מה נענה אבתרך"? וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן, אויב דו מיינסט, אַז דו קענסט נישט גענוג קיין לערנען? האָט ער זיי געענטפערט: אויב אַזוי, אויב איר דענקט אויך, אַז איר ווייסט נישט גענוג, טאָ ווו איז די תורה און ווו זענען די מצות וואָס זאָלן אונדז ראַטעווען פון דעם גיהנם- 8).

היוצא לנו מדברינו, אַז תורה, שירה און זמרה האָבן אַ שטאַרקן בונד צווישן זיך און אין איינעם פּרעזענטירן זיי אַ דערגרייכונג צו די העכסטע שטופן אין דער גייסטיקער וועלט. קענען מיר דעריבער זאָגן, אַז שירה, אָן זמרה זענען ווערטער אָן עקסטאַז און זמרה אָן שירה איז עקסטאַז אָן ווערטער און לויט דעם מדרש וואָס זאָגט: „אין עוז אלא תורה שנאמר ד' עוז לעמו יתן" 9). וועלן מיר טייטשן דעם אויבן ציטירטן פּסוק: „עזי", מיין תורה, „וזמרת יה", און דאָס געטלעכע געזאַנג „ויהי לי לישועה". דאָס קען מיר אַ סך העלפן.

אמת, יעדן טאָג זאָגן מיר די שירה. אויך ראש השנה און יום כיפור זאָגן מיר דעם „אָז ישיר". אָבער שירה אַליין, אָן תורה איז נישט די אמתע שירה. דער זהר הקדוש אין דער היינטיקער סדרה זאָגט: „כל בר נש דאמר שירתא דא בכל יומא ומכוון בה זכי למימרה לזמנא דאתי לכן צריך למימרה בכוונה, בשמחה, בזמרה ובעמידה" 10). יעדער מענטש וואָס זאָגט די שירה יעדן טאָג און איז גוט מכוון, וועט זוכה זיין צו זאָגן די שירה אויך אין דער קומענדיקער צייט. דעריבער זאָל מען זיין געוואָרנט צו זאָגן זי מיט שמחה, מיט געזאַנג שטייענדיקערהייט. וויפל יידן זאָגן יעדן טאָג די שירה לויט דעם זוהר? פאַר דאָס אָבער, ווען עס קומט שבת שירה, ווען די שירה ווערט געלייענט אין דער תורה, מיט דעם

טראַדיציאָנעלן ניגון און טראָפּ, ווערט די תורה, דאָס פאָלק און די שירה וזמרה פאַראייניקט, און איז בכח צו דערהייבן דעם יידן און אים אַרונטערצוברענגען תחת כנפי השכינה...

ג

דער בעל תפילה, אָדער ווי דער שולחן ערוך רופט אים אָן דער „שליח ציבור", מוז, אין זיך אויך פאַראייניקן די דריי דערמאָנטע זאַכן און פאַר דעם איז פאַרשטענדלעך וואָס כמעט אַלע חסידישע רביים, דאַווענען אַליין פאַרן עמוד און געוויינלעך טוען זיי דאָס מיט ברען און התלהבות, מיט געזאַנג און מיט שמחה. ווייל ווען זיי שטייען ביים עמוד, אַלס שליחי ציבור, פילן זיי די גרויסע אחריות וואָס איז אַרויפגעלייגט אויף זייערע פּלייצעס, מתפלל צו זיין פאַרן ציבור און צו דערגרייכן פאַר אים דעם מאַקסימום ברוחניות ובגשמיות...

מען האָט אַמאָל געפרעגט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, ז"ל וועלכער איז ווי באַקאַנט געווען אַ גרויסער גאון און אין דער זעלבער צייט אַ וווּנדערבאַרער בעל תפילה, פאַרוואָס ער דאַוונט, כמעט שטענדיק אַליין פאַרן עמוד? האָט ער געענטפערט: ער טוט ווי משה רבינו האָט געטאָן. משה איז געווען דער וועלכער האָט געבראַכט די רייד פון ג-ט, זיינע תורה ומצות צום יידישן פאָלק, אַלס דער שליח ד'. צוגלייך האָט ער אָבער אויך געבראַכט די רייד פון פאָלק צו ג-ט. אין דער קומענדיקער סדרה פּ' יתרו שטייט: „וישב משה את דברי העם אל ד'". און „ויגד משה את דברי העם אל ד'". פרעגט זיך: פאַרוואָס שטייט צוויי מאָל, אַז משה האָט געבראַכט די רייד פון פאָלק צו ג-ט? איינמאָל „וישב" און אַ צווייט מאָל „ויגד"? און דער בערדיטשעווער ז"ל האָט געזאָגט אַזוי: דער זעלבער שליח וועל-כער קומט מיט די רייד פון ג-ט צום פאָלק פאָדערט און פאַרלאַנגט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל היטן תורה ומצות, מוז אויך קענען ברענגען צוריק צו ג-ט די פאָדערונגען פון פאָלק. און פונקט ווי צום פאָלק מוז מען וויסן ווי אַזוי צו רעדן, נישט אַלע מאָל גלייך, אַמאָל מיט

װײכן און אַמאָל מיט שטרענגען, פּונקט אַזױ װיל דער רבונו של עולם, אַז דער װאָס נעמט זיך אָן צו זײן אַ „שליח ציבור“, אַ פאַר־טרעטער און אַ פאַרשפּרעכער פאַרן פאָלק צו ג־ט, זאָל ער װיסן און פאַרשטײן, אין װאָס פאַרא טאָן ער זאָל רעדן צו כביכל. אַמאָל מיט אַ „וישב“, װאָס דאָס איז אַן אױסדרוק פון װײכקײט, פון תחנונים, און אַמאָל, װען ער זעט אַז עס פאָדערט זיך, װען דער גורל פון דעם פאָלק שטײט אין קאָן, מוז מען קענען רעדן צו ג־ט מיט לשון פון „ויגד“, װאָס דאָס מײנט שאַרפע רײד... און דאָס, האָט געענדיקט ר׳ לוי יצחק, געטרױ איך קײנעם נישט...

תפילה, שירה און זמרה װערט איבערגעגעבן פון דור צו דור. און פּונקט װי די תפילה אַלס אַזעלכע, װערט כמעט נישט געביטן, נאָר מיר האַלטן זי אָן, מסורהדיק, טױזנטער יאָר. אָט אַזױ, מוז אױך דער ניגון און דער נוסח װאָרצלען אין מסורה, און טראַדיציע און דער בעל תפילה, שליח ציבור אָדער חזן, װאָס היט נישט אָפּ דעם נוסח התפילה, אָדער װי מיר רופן דאָס דעם „סקאַרבאָװון ניגון“ נאָר װערט באַאײנפלוסט פון פרעמדע מעלאָדיעס און נישט ײדישע געזאַנגען, באַגײט אַ שװערן פאַרברעכן קעגן דער ײדישער טראַדיציע. „זה קלי ואנוהו“. אװדאי דאַרף יעדער באַשײנען ג־ט מיט זײן אײגענעם טאַלאַנט און אױפטו, אָבער „אלקי אבי וארממנהו“, אױב מען װיל אמתדיק דערהױבן װערן, מוז מען אָפּהיטן און הײליק האַלטן דאָס װאָס אונדזערע טאַטעס האָבן אונדז איבער־געגעבן. „כבד את ד׳ מהונך“ זאָגן די חז״ל. „אל תקרא מהונך אלא מגרונך“. 11)

דאָס קען מײנען, פּונקט װי אײנער װאָס װיל מכבד זײן ג־ט מיט זײן געלט, ער גיט צדקה, טאָר ער דאָס נישט טאָן מיט פאַלשע געלט, פּונקט אַזױ, אַז אײנער װיל מכבד זײן ג־ט מיט זײן האַלדז, מיט זײן שטים, מוז ער אַכטונג געבן, די טענער זאָלן נישט זײן קײן פאַלשע אין יעדן זין פון דעם װאָרט. בקיצור, „שבת

שירה" איז אַ שבת פון גאָר טיפע באַגריפן פון תורה, שירה און זמרה.

---

1) ר"ה ל"ב.
2) דברים ל"א י"ט.
3) סנהדרין כ"א.
4) רמב"ם הלכות ס"ת.
5) פון „האזינו".
6) ערובין ד' ס' תוספ' שם.
7) ברכות לא.
8) רש"י.
9) מדר' תהילים.
10) ס' נ"א נ"ג.
11) מדרש הנעלם.

יתרו

וועלן וויסן יאָ אָבער ברעכן נישט

„וישמע יתרו" — מה שמיעה שמע ובא קריעת ים סוף ומלחמת עמלק" (רש"י).

„היום הזה באו מדבר סיני" (שמות י"ט א׳).

„וכי ביום הזה באו? כשאתה לומד תורה לא יהי בעיניך ישנה אלא כאילו היום נתנה" (מכלתא).

„וידבר משה והכהנים והלווים אל כל ישראל, הסכת ושמע ישראל היום הזה נהית לעם (דברים כ"ז ט׳).

„וכי אותו היום נתנה התורה לישראל? אלא ללמדך שחביבה התורה לישראל בכל יום ויום כיום שנתנה בו תורה סיני (ברכות ס"ג ב׳).

„ויאמר ד" אל משה רד העד בעם פן יהרסו אל ד׳ לראות ונפל ממנו רב" (שמות י"ט כ"א).

א

די היינטיקע סדרה, די סדרה פון „קבלת התורה", טראָגט דעם נאָמען פון אַ נישט יידן. ווי קומט עס? דער מדרש 1). זאָגט: „דרך ארץ קדמה לתורה". וויסן ווי זיך פירן מיט דער וועלט איז אַ פאָרצוג פאַר תורה. "לא בשמים היא", די תורה איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר די מלאכים אין די הימלען, נאָר פאַר די מענטשן אויף דער ערד און אויף דער ערד זענען פאַראַן פאַרשידענע מענטשן. איז כדי די תורה זאָל קענען געדייען, זי זאָל קענען האָבן די ריכטיקע השפעה מוז דער „דרך ארץ", פאַרזיכערן דעם „דרך

התורה״. אויב נישט, וואָלט די תורה געשוועבט אין דער לופטן אָן א זיכערן יסוד. איינע פון די דרך־ארצדיקע מידות אין „חכרת טובה״. רש״י פרעגט: וואָס האָט יתרו געהערט אַזוינס, וואָס ער איז געקומען צו גיין צום יידישן פאָלק און זיך דערקלערט אין ליבע צו זיי? ענטפערט רש״י: ער האָט געהערט פון דער שפּאַלטונג פון דעם ים און פון דער מלחמה מיט עמלק. וואָס טוט דאָ רש״י אויף? דער פסוק זאָגט דאָך דאָס בפירוש? ווייזט אויס, אַז רש״י לערנט מיט אונדז א לעקציע אין אַנשטענדיקייט, איידער מיר גייען צו קבלת התורה.

ווען פרעה מיט די מצרים, זענען נאָכגעלאָפן די יידן און די יידן האָבן זיך געפונען צווישן צוויי גרויסע געפאַרן, פון הינטן דער שונא און פון פראָנט דער ים סוף, האָבן די יידן נישט פאַרפירט מיט די מצרים קיין מלחמה און זיך זיי נישט אַנטקעגן געשטעלט. עס איז געהערט געוואָרן דער אויסרוף „ד״ ילחם לכם ואתם תחרישון״. איר יידן שווייגט. טוט גאַרנישט און ג־ט וועט שוין פאַר אייך מלחמה האַלטן. און דער אויסוועג וואָס ג־ט האָט געפונען איז געווען „קריעת ים סוף״. וואָלט מען דאָך געקענט מיינען, אַז כביכל האָט געוואוסט, אַז די יידן זענען טרוסן, איבערגעשראָקענע און אומדערפאַרענע קעמפער און פאַר דעם האָט ג־ט געמוזט באַווייזן ניסים און שפּאַלטן דעם ים. ווייזט זיך אָבער ארויס גאָר עפּעס אַנדערש: אין א קורצער צייט ארום, ווערן די יידן באַפאַלן פון עמלק, א שטאַרקער אויסמושטירטער שונא, און משה זאָגט צו יהושען: „בחר לך אנשים וצא הלחם בעמלק״! קלויב דיר אויס אביסל מענטשן און גיי ארויס מלחמה האַלטן מיט עמלקן! 2). נישט אַפילו דאָס גאַנצע פאָלק, נאָר געקליבענע מענטשן, האָבן פאַרפירט א מלחמה מיט עמלקן און אים מנצח געווען. פאַרוואָס האָבן זיי דאָסזעלבע נישט געטאָן מיט די מצרים? ווילט זיך זאָגן, אַז דאָס איז געווען צוליב דעם אַלטן יידישן כלל: „בירא דשתית מניה מיא לא תשדי ביה קלא״. א ברונעם פון וועלכן דו האָסט וואסער געטרונקען, זאָלסטו אין אים קיין שטיינער נישט אריינוואַרפן..

3). און אזוי ווי הונדערטער יאָרן האָבן די יידן געהאַט אַ היים אין מצרים, מעג זיין אַפילו אַ שווערע, ביטערע היים, האָבן די יידן אַליין נישט געטאָרט פאַרפירן קעגן די מצרים קיין מלחמה און דערפאַר זענען זיי נישט אַרויס מיט דער שווערד צו אַפטרייבן דעם שונא, נאָר ג־ט האָט דאָס געטאָן אויף זיין אופן. און רש״י וויל האָבן, אַז די נאָבעלע האַנדלונג פון די יידן, האָט אינספּירירט יתרון צו קומען און ווערן זיך אַנשליסן, אין דעם איידעלן פאָלק. אין אַנדערע ווערטער, די שיינע מידה פון דאַנקבאַרקייט, פון ״הכרת טובה״, האָט יתרון צוגעצויגן צו דער יידישער אמונה. ווייזט אויס פון דאַנען, אַז מען קען אַ גוי צוציען, אים געבן כבוד, אָנרופן אַפילו אַ סדרה אויף זיין נאָמען, אָבער נישט מיט פאַרלייקענען אונדזער אמונה דאַרף דאָס געטאָן ווערן, נאָר אדרבא, דורכן אָפּהיטן די שיינע יידישע מידות, פון דעם ווערט דער נישט־ייד, באַגייסטערט און באַאיינפלוסט... און אויך דאָן „וישלח משה את חותנו וילך לו אל ארצו״. אויך דאָן, איז מען מוחל דעם גוי די טובה און מען שיקט אים אַהיים...

ב

מיר, מאמינים בני מאמינים, זענען איבערצייגט, אַז אַלע שוועריקייטן, פּראָבלעמען און צרות וואָס דאָס יידישע פאָלק גייט דורך זענען אַ רעזולטאַט פון אייגענער פאַרלייקענונג און פון דער פאַרלייקענונג פון אונדזער אמונה אין „ד׳ אחד״. אַלע פילאָזאָפן, חוקרים, וויסנשאַפטס לייט, וועלכע ווילן דוקא, ווי זיי זאָגן, דער־גרונטעווען זיך צום אמת און דערביי לייקענען זיי אין דער עקזיס־טענץ פון דעם בורא כל עולמים, ברענגען בלויז אַריין אַ צעמישעניש אין די מענטשלעכע מוחות, צעטרייסלען די סטאַביליטעט פון מענטשלעכן געדאַנק, אָבער ברענגען, בשום אופן נישט קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פאַרן וווילזיין פון דעם מענטש.

ווען מיר לייענען איבער דעם אויבן ציטירטן פסוק וואָס ג־ט זאָגט צו משהן: גיי אַרונטער און וואָרן דאָס פאָלק טאָמער ווועלן

זיי וועלן זען ג־ט. ווען פאַלן פון זיי אַ סך, בלייבן מיר פאַרוואונדערט. נאָך קבלת התורה זאָגט דער פסוק „וכל העם רואים את הקולות, דאָס גאַנצע פאָלק האָט „געזען" די שטימען 4). איז דאָך, אַ ראיה, אַז דאָס זען, איז געווען דערלויבט און עס ווערט פאַררעכנט פאַר אַ גרויסקייט פון דעם יידישן פאָלק, טאָ וואָס איז דער פשט פון דעם „אל יהרסו לראות? אַז יידן האָבן נישט געטאָרט קוקן און זען... אָבער עס ווייזט אויס, אַז נישט דאָס זען, נאָר און פאַר זיך, איז געווען פאַרבאָטן, זען, מעג מען און נישט נאָר מען מעג, נאָר מען דאַרף זען. „ראה אנכי נותן לפניכם היום" איז אַ מצוה... וואָס מען טאָר נישט, וואָס עס איז אַבסאָלוט פאַרבאָטן, שעדלעך און געפערלעך, איז דאָס איבערפירן, דאָס „מהרס" זיין, דאָס צוברעכן און צעשטערן, אויפן וועג. „מהרסיך ומחרביך ממך יצאו" 5) דיינע צעשטערער און דיינע הרוב מאַכער, גייען אַרויס פון דיר. זיי בלייבן נישט מיט דעם פאָלק, זיי ווערן פאַרוואָרפן און פאַרפרעמדט זאָגט דער נביא. זען מעג מען אָבער נישט חרוב מאַכן, מיטן אויסרייד פון וועלן דערפאָרשן זיך, צו דער ווירקלעכקייט, וואָרום דערגיין צו דער ג־טהייט וועט מען נישט קענען, אָבער אויפן וועג וועסטו איבערלאָזן חורבות וועלכע וועלן קיינמאָל נישט קענען צוריק אויפגעריכט ווערן...

דאָס שרעק־וואָרט אין דער לעצטער מלחמה, איז געווען „זוכונגען". ווען מען האָט דערהערט, אַז די נאַצים ימ"ש, אָדער די באָלשעוויקעס, קומען מאַכן זוכונגען, איז אַנטרונען דער מאַמעס מילך, אַ זוכונג האָט געמיינט, אַז די רשעים זענען אַריין אין הויז האָבן צעריסן, צובראָכן צעשמעטערט אַלץ וואָס עס האָט זיך דאָרטן געפונען. צעהאַקט די מעבל, אויפגעריסן די פאָדלאָגע, אַרויסגעלאָזט די פעדערן פון די קישנס, דערצו געמאַכט אַ פּאַגראָם אויף די מענטשן, אָבער זעלטן האָבן זיי געטראָפן וואָס, זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זוכן. אונדזערע, אַזוי גערופענע, אפיקורסים און כופרים מאַכן אויך זוכונגען... אָבער מער ווי חורבות לאָזן זיי נאָך זיך נישט איבער. מיר האָבן זיי געהאַט פאַר דער מלחמה. אין פוילן און אין רוסלאַנד, שפּעטער אויך אין די אַמעריקעס און היינט

זעען מיר די רעזולטאַטן אין מדינת ישראל. נישט איין זוכער אַזעלכער איז זיך מודה און שמייסט זיך אַליין אָפּ אין דער עפנטלעכקייט. אָבער ליידער איז שוין צו שפּעט. די „הריסה" איז געמאַכט, דער חורבן איז אָנזעעוודיק... גאַר ביטער איז, ווען מען וויל זיין אַ גלויביקער און אַ פּאַרלייקענער אין דער זעלבער צייט. אַ מאָדערנער ראַביי, אַ רעפאָרמער אָדער אַ קאָנסערוואַטיווער, פאַרדינט זיך ערלעך אָט דעם טיטול. פון איין זייט מאַכט ער אַ לעבן פון דער רעליגיע. און פון דער צווייטער זייט, לייקנט ער אין „תורה מן השמים". בדרך הלצה קען מען טייטשן דעם פסוק אַזוי: „רד העד בעם־פּן יהרסו אל ד' לראות". גיי משה און וואָרן דאָס פאָלק זיי זאָלן נישט איבערפירן... בשעת זיי ווילן זען ג־ט... אָבער גאַר שטאַרק זאָלסטו וואָרענען „ונפל ממנו רב". ווען, אַן אַזוי גערופענער, „רב" פאַלט אַרונטער און ווערט אַ „מהרס", דאַן איז די געפאַר זייער גרויס... וואָרום וואָס קען אַן אַפּיקורסישער רב לערנען מיטן פאָלק?

אין פ' תבא געפינען מיר, ווי משה, די כהנים און די לוים זאָגן צום יידישן פאָלק: הער אויס ישראל! היינטיקן טאָג ביסטו געוואָרן אַ פאָלק. זאָגט אויף דעם די גמרא: צי איז דען די תורה געגעבן געוואָרן אין דעם טאָג? די תורה איז דאָך געגעבן געוואָרן נאָך מיט פערציק יאָר צוריק? און די גמרא דערקלערט: דאָס איז צו ווייזן, אַז די תורה איז אַזוי באַליבט, ביי די וואָס לערנען זי, אַז יעדן טאָג פילן זיי ווי די תורה וואָלט היינט געגעבן געוואָרן פון דעם באַרג סיני. ווערט גע־זאָגט אין „חזקוני", 6). דריי מאָל האָט ג־ט „כורת ברית" געווען מיט דעם יידישן פאָלק: איינמאָל ביים אַרויסגיין פון מצרים, דאָס צווייטע מאָל ביים באַרג־סיני און אַזוי ווי די יידן האָבן צעשטערט דעם בונד מיט ג־ט ווען זיי האָבען געמאַכט דאָס עגל און אויסגעשריגן „אלה אלהיך ישראל", האָט ג־ט נאָך די פערציק יאָר וואָס די יידן זענען געווען אין דער מדבר, באַנייט מיט זיי דעם בונד. פאַר דעם שטייט „היום הזה נהית לעם", היינטיקן טאָג, ביסטו, אויפדאָסנייַ, געוואָרן דאָס פאָלק פון ג־ט. זאָגט דער „משך חכמה": און פאַר דעם שטייט דאָ, אַז משה, די כהנים און לוים האָבן גערעדט צום יידישן פאָלק,

וואָס מיר געפינען נישט אין קיין שום אַנדער פּלאַץ, אַז די כהנים און לוים זאָלן רעדן צו די יידן ווייל די כהנים און די לוים קומען דאָך פון דעם שבט לוי און אַזוי ווי דער שבט לוי, האָט נישט געזינדיקט מיטן עגל, איז דאָך במילא נישט בטל געוואָרן דער ערשטער בונד פון ג-ט מיט זיי. האָבן זיי פאַר דעם געהאַט די פּריווילעגיע, צו רעדן צום יידישן פאָלק וועגן דעם נייעם בונד מיט ג-ט. דערפון איז זייער קלאָר צו זען, אַז רעדן צום יידישן פאָלק וועגן ג-ט האָבן אַ רעכט נאָר די וועלכע זענען ריין פון „אַפּיקורסיש-עגלדיקע" זינד...

ג

„בכל יום יהיה בעיניך כחדשה". די תורה איז אייביק ניי און ווערט קיינמאָל נישט פאַרעלטערט. דער באַרימטער יידישער ד"ר יאָנאַס סאַלק, דער דערפינדער פון דעם „סאַלק וואַקסין", קעגן דער „פּאָליאָ" קראַנקהייט, דערציילט אין אַן אַרטיקל, אין דער „ניו-יאָרק טיימס", אַז נאָך אַ רעפעראַט, געהאַלטן פאַר אַ נישט-מעדיצינישער פאַרזאַמלונג, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט די נויטווענדיקייט צו דערפינדן אַ „סערום" קעגן דעם מענטשנס שלעכטע אייגנשאַפטן, האָט זיך פּלוצעם אויפגעשטעלט אַ נישט ייד און זיך אָנגערופן צו ד"ר סאַלק: עס וווּנדערט מיך אויף אייך, אַ ייד, אַז איר זאָלט נישט וויסן, אַז אין אייער תלמוד, געפינט זיך דער „וואַקסין" קעגן די שלעכטע אייגנשאַפטן פון וועלכע איר רעדט. און דער נישט ייד האָט ציטירט פאַר אים, אין ענגליש נאַטירלעך, די גמרא אין קדושין ד' ל', וועלכע זאָגט: „אמר הקב"ה בראתי יצר הרע בראתי לו תבלין כנגדו, אם אתם עוסקים בתורה אין אתם מסורים בידו"... ג-ט זאָגט: איך האָב באַשאַפן אַ יצר הרע, האָב איך אָבער אויך באַשאַפן אַ מיטל קעגן אים, אויב איר וועט עוסק זיין אין דער תורה, וועט איר נישט איבערגעגעבן ווערן אין זיינע הענט. די אידייע, אַז תורה היילט סיי דעם גוף און סיי די נשמה, איז נישט קיין נייעס פאַר די וועלכע לערנען תורה, אָבער עס איז אַ נייעס, אַז אַ גוי זאָל דאָס דאַרפן זאָגן

צו א ייִדן... און עס זענען לײדער פאַראַן אַזעלכע ייִדן װעלכע עס העלפט שױן נישט קײן זאָגן...

װען מיר זענען די װאָך אַרײַן צו אַ רײַכן ייִדן, קע"ה, און אים אױפגעפאָדערט צו העלפן דער ישיבה, האָט ער אונדז געענטפערט: רבי! איך װעל אײַך געבן פאַר אַלץ װאָס איר װעט פון מיר פאַרלאַנ־גען, נאָר נישט פאַר קײן ישיבה, איך האָב דאָס פײַנט!... דענקט איר נישט, אַז אַזאַ ייִד דאַרף האָבן אַ רפואה שלימה?, אַז עפּעס איז קראַנק אין זײַן מוח? מיר האָבן בשעת מעשה געטראַכט ד"ר סאַלק איז גערעכט, מען דאַרף אַ „סערום" פאַר אַזעלכע מענטשן, אָבער װו נעמט מען אַ „גױ" װאָס זאָל אים דאָס אײַנשפּריצן?... אין אמתן, האָט אונדז אונדזער באַגלײטער, פריער געװאָרנט, אַז צו דעם מענטשן איז אַ שאָד אַרײַנצוגײן. האָבן מיר אים דערצײלט דעם באַקאַנטן װאָרט פון ר' לוי יצחק בערדיטשעװער. די גמרא זאָגט 7) „החזירה הקב"ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה, עד שבא אצל ישראל וקבלוה". ג־ט האָט די תורה אָנגעבאָטן אַלע פעלקער אָבער קײנער פון זײ האָט זי נישט געװאָלט אָנעמען, ביז ער איז געקומען צו די ייִדן, און זײ האָבן די תורה יאָ אָנגענומען. זאָגט דער בערדיטשעװער ז"ל: הגם עס איז געװען גלוי וידוע, פאַר דעם אױבערשטן, אַז די אומות העולם װעלן די תורה נישט מקבל זײַן, האָט עס דאָך געהאַט אַ געװיסע פעולה: בלױז פון דעם פאַרלײגן זײ צו נעמען די תורה, האָט זיך צו זײ צו געקלעפּט עפּעס אַ שמיץ פון איר... קען זײַן, אַז אױך בײ דעם ייִדן, װעט עפּעס געבן אַ קלאַפּ אין דער נשמה און ער װעט בעסער װערן...

דער מלבי"ם ז"ל האָט אַמאָל אין שול באַמערקט, װי מען האָט אױפגערופן צום ספר, אײנעם פון די שטאָטישע משכילים, װעלכער איז געװען באַקאַנט, אַלס נישט קײן צו שטאַרקער זהיר במצות און יענער האָט, מיט אַ זײער מתיקותדיקן ניגון, געמאַכט די ברכה „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו", װי קװיקנדיק זיך מיט יעדן װאָרט. נישט אומזיסט, האָט זיך דער מלבי"ם נאָכדעם אָנגערופן , פרײט ער זיך אַזױ; עס איז טאַקע באמת אַ גליק, װאָס די

תורה איז געגעבן געוואָרן בלויז צו אונדז אליין, זענער מיר פּטור פון אָפּצוהיטן זי און מיר קענען טאָן וואָס מ'ער ווילן!... וואָרום ח"ו, ווען מען וואָלט אויך די גוים געוועזן געגעבן די תורה, וואָלטן דאָך דאַמאָלט אַפילו די אַפּיקורסים, געמוזט מקיים זיין אַלץ וואָס עס שטייט געשריבן אין איר, מיט אַלע פּרטים ודקדוקים!...

---

1) שמור פ"א.
2). שמות י"ז י"ב.
3) ב"ק צ"ב.
4) שמות כ' ט"ו.
5) ישעיה מ'ט י'ז.
6) לויט אין תנחומה נצבים.
7) ע"ז ב'.

משפטים

אַ פאַרקנעכטעטער גייסט

„כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם (שמות כ״א ב׳).
„ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו״ (שמות כ״ד י״א).
„ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות למען ינוח שורך וחמרך וכו׳ (שמות כ״ג י״ב).

א

גרויסער ימים טובים, היסטאָרישע פּאַסירונגען, ווערן צום באַדויערן נאָכגעפאָלגט פון וואָכעדיקע, פּראָזאַישע טעג, וועלכע לעשן צוביסלעך אויס די טיפע איינדרוקן און אומנאַטירלעכע איבערלעבונגען און לאָזן איבער נישט מער ווי אַ בלאַסן צייכן פון דעם געוועזענעם.

אַט האָבן די יידן איבערגעלעבט „מעבדות לחרות״. פון פאַרשקלאַפטע קנעכט, זענען זיי געוואָרן אַ „ממלכת כהנים״, אַ פאָלק פון פּרינצן. אַט זענען זיי ניסימדיק, זיגרייך, אַריבער דעם ים. אין דער צייט וואָס אַלע מצריים זענען אומגעקומען, איז קיין איינער פון די יידן נישט פאַרלאָרן געגאַנגען. אַט דאָ, ערשטע נעכטן, זענען זיי געשטאַנען ביים „מעמד הר סיני״. די דריי גרעסטע, וויכטיקסטע געשעענישן אין דער יידישער היסטאָריע וועלכע האָבן געלייגט אויף זיי דעם אייביקן שטעמפּל אַלס דער „עם הנבחר״, און פונדעסטוועגן איז שוין נאָך דער חתונה... דער רעש איז אַריבער, די קולות וברקים

האָבן אויפגעהערט. זיי האָבן ממש געזען ג-ט „ויחזו את האלקים" אָבער ס'האָט נישט דערצו. געבליבן איז מען ביים „ויאכלו וישתו", ביים עסן און טרינקען. מען איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש!... און שוין דער ערשטער משפט פון דער היינטיקער סדרה ווייזט די געפאַלנקייט...

„אויב דו וועסט קויפן אַ יידישן קנעכט, זאָל ער בלויז זעקס יאָר אַרבעטן ביי דיר. דאָס זיבעטע יאָר אָבער, מוזטו אים פּריילאָזן אָן באַדינגונגען. אויב אָבער דער קנעכט וועט זאָגן „אהבתי את אדוני ואת אשתי ואת בני לא אצא חפשי", איך האָב ליב מיין האַר, מיין ווייב, מיינע קינדער און איך וויל נישט אַרויסגיין פריי, איך וויל בלייבן אַ קנעכט, איז „והגישו אל הדלת או אל המזוזה ורצע אדוניו את אזנו במרצע ועבדו לעולם". זאָל דער האר אים צופירן צו דער טיר און בויערן אויף איר זיין אויער, און ער זאָל בלייבן אַ קנעכט אויף אייביק...

ווי שוידערלעך קלינגען די ווערטער פון דעם גרויסן תנא ר' אליעזר אויף דעם: למה נרצע העבד על יד הדלת? פאַרוואָס בויערט מען דעם אויער פון דעם קנעכט אויף דער טיר? מפני שעל ידי הדלת יצאו מעבדות לחרות. ווייל די טיר איז דער סימבאָל פון פרייהייט. איז זי אָפן איז מען פריי, איז זי פאַרשלאָסן איז מען געפאַנגען... און פאַר דעם האָט דער אויבערשטער אין מצרים געהייסן שפּריצן די בלוט פון דעם קרבן פסח דוקא אויף דער טיר... און דו, קנעכטישער זון, פאַרשליסט פאַר זיך אַליין די טיר פון פרייהייט, זאָל מען דיר דעריבער דאָרטן בויערן דיין אויער!... און, זאָגט ווייטער ר' אליעזר, למה דוקא האזן מכל האברים שבגוף? פאַרוואָס האָט מען געבויערט דוקא דעם אויער און נישט קיין אַנדער אבר פון דעם גוף? מפני שהאזן שמעה על הר סיני „לא יהיה לך אלוקים אחרים". ווייל עס איז דער אויער וואָס האָט געהערט אויפן באַרג סיני" דו זאָלסט נישט האָבן קיין אַנדערע געטער". איז געקומען דער עבד „והפיק מעליו עול מל-כות שמים וקבל עליו עול בשר ודם", און ער האָט פון זיך אַראָפּגע-וואָרפן דעם יאָך פון ג' און גענומען אויף זיך דעם עול פון אַ „בשר

ודם"... „תרצע"! זאָל דער אויער געבויערט ווערן 1). ר' יוחנן בן זכאי, געבראַכט אין רש"י, מאַכט עס נאָך פּשוטער: דער אויער וואָס האָט געהערט אויפן באַרג סיני „לא תגנוב", זאָלסט נישט גנבען, און דאָס בית דין האָט אים געמוזט פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט, ווייל ער האָט יאָ געגנבעט, זאָל עס געבויערט ווערן. אָבער דער גאַנצער ענין פון „עבדות" גייט נאָך אַ סך טיפער ווי די דערקלערונגען. דער מענטש וואָס פירט זיך אויף אַזוי, אַז ער ווערט אַ קנעכט רייסט, כמעט אינגאַנצן איבער מיט זיין צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. און אָט פאַרוואָס.

ב

דער רמב"ן, אין דער היינטיקער סדרה אויפן זעלבן פּסוק, זאָגט פאָלגנדעס: התחיל המשפט הראשון בעבד עברי מפני שיש בשילוח העבד בשנה השביעית זכר ליציאת מצרים, הנזכר בדיבור הראשון וכו' ויש בה עוד זכר למעשה בראשית כשבת כי השנה השביעית לעבד שבתון ממלאכת אדוניו כיום השביעי ויש בה עוד שביעי בשנים שהיא יובל כי השביעי נבחר בימים, בשנים ובשמיטות וכל ענין אחד הוא. דאָס הייסט: די סדרה משפּטים האָט פאַר דעם אָנגעפאַנגען דעם ערשטן „משפּט" וועגן די דינים פון עבדים, ווייל דאָס באַפרייען דעם קנעכט אויפן זיבעטן יאָר איז אַ „זכר ליציאת מצרים", וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם ערשטן פון די צען געבאָט: „אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים". און ווידער איז עס אַ "זכר למעשה בראשית". פּונקט ווי שבת איז פאַר דער וואָך פון יעדן יידן אַזוי איז דאָס זיבעטע יאָר פאַרן קנעכט וואָס וויל נישט מער זיין פאַרשקלאַפט. אַפילו דאָס פעלד דאַרף זיין פריי איינמאָל אין זיבן יאָר, וואָרום, זאָגט דער רמב"ן, אַלע די זאַכן קומען פון איין באַגריף.

אין ליכט פון דעם רמב"ן פאַרשטייען מיר זייער גוט איינעם פון די שווערסטע פּסוקים אין דער תורה, געבראַכט אין דער היינטיקער סדרה, ציטירט פון אויבן: זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין

אייזל, אאז״וו. איז דאָך שווער, פון דאַנען קען מען דאָך מיינען, אַז דער גאַנצער שבת איז גאָר געמאַכט פאַר די בהמות... דער ייד זאָל רוען אום שבת, „כדי", דער אָקס מיטן אייזל זאָלן רוען... ווי ליגט זיך דאָס אויפן שכל? אַלזאָ דער וואָרט „למען" איז אומפאַרשטענד־לעך, לויט אַלע אָנגענומענע הייליקייטן פון דעם שבת, אַלס „יום מנוחה וקדושה" פאַר דעם מענטשן...??

לאָזט זיך דעריבער זאָגן אַט וואָס: דער מענטש איז אַ קאָמבינאַ־ציע פון גייסט און מאַטעריע, אָדער ווי מיר פאַרשטייען דאָס פון גוף און נשמה, וואָס מיינט פשוט, פון מענטשלעכע און צוגלייך בהמשהע אָדער חיהשע אייגנשאַפטן. דאָס בהמהש־חיהשע אין דעם מענטשן, איז דווקא דער דאָמינירנדיקער טייל פון דעם מענטשן. עס איז דער טייל וואָס טרייבט, יאָגט און פאָדערט. עס איז דאָס קערפּערלעכע וואָס שטויסט צו תאוות, צו קאָנקורענץ, צו מאַכט און צו רייכקייט. עס איז נישט דער נשמהדיקער טייל וועלכער שטופּט צו פאַרגע־ניגנס, געלט און רייכטום נאָר דער גופישער. דער אָקס און דאָס אייזל זענען די צוויי הויז־בהמות וואָס דאַרפן אַרבעטן פאַר דעם מענטש, אָבער אין אמתן אַרבעט דער מענטש (די נשמה) פאַר דעם אָקס און פאַר דעם אייזל... (דער גוף...). דער אָקסישער און אייזלשער טייל פון דעם מענטשן איז די טרייב־קראַפט, די מאַשין, וואָס צעטרעט אַלץ וואָס קומט אונטער אירע פיס, אויפן וועג צו מאַכט און פּאָזיציע און ווען מיר ווילן זיין אויפריכטיק וועלן מיר אָנערקענען, אַז ג־ט האָט אַזוי באַשאַפן דעם מענטשן, אַז אַזוי זאָל עס זיין. וואָרום די תורה זאָגט עטלעכע מאָל: „ששת ימים תעשה מלאכה" און „ששת ימים תעשה מעשיך", וואָס ווייזט, אַז גאַנצע זעקס טאָג זענען אַוועקגעגעבן גע־וואָרן דער אַרבעטסקראַפט. גאַנצע זעקס טעג פון דער וואָך הערשט און דאָמינירט, דער אָקסישער און אייזלשער טייל פון דעם מענטשן און דער מענטשלעכער טייל שלעפּט זיך נאָך אָדער בעסער געזאָגט, לויפט נאָך אין געהאָרכזאַמקייט... דער „חמור" וואָס איז אייגנטלעך דאָס זעלבע ווי דער „חומר", דער גוף פון דעם מענטשן, איז אַ גאַנצע וואָך דער שאַלטער און וואַלטער. די פיזישע אַפּעטיטן און פאַרגע־

ניגנס ווערן זייער שווער באַפרידיקט און „חומר חמור" פאָדערט נאָך און נאָך...

די תורה אָנערקענט, אַז דער גייסט, געצווונגען דורך דער שותפותדיקער-צוזאַמענשטעלונג מיט דער מאַטעריע, איז ווי אַ קנעכט צום „חומר" און ער מוז אים נאָכגיין און טאָן זיין ווילן. אָבער די תורה איז אויסן, אין דער זעלבער צייט, צו העלפן דער נשמה באַקעמפן די קנעכטשאַפט צום חומר. דערפאַר האָט זי געשאַפן פאַר אים דינים און געזעצן צו רעגולירן און אין אַ געוויסן זין, צו קאָנטראָלירן די באַציאונג פון דעם פיזישן טייל לגבי איר שותף דעם גייסטיקן טייל. למשל: דער גוף וויל וואָס מער עסן און פאַרגרעבט ווערן (אין יעדן זין). קומט די תורה און פאַרשרייבט אַ דיעטע, דאָס מעגסטו און דאָס טאָרסטו נישט עסן. דער חומר וויל יענעם באַגנבענען און באַראַבעווען, זיך מער אָנצושטאָפּן. קומט די תורה און זאָגט „לא תגנוב". דעם גוף איז רעכט צו הרגענען און מאָרדן, צוליב אייגענע פאַרגעניגנס. קומט די תורה און זאָגט „לא תרצח" אאַז"וו. די תורה פראָבירט אויסצומענטשלען דאָס בהמהשע, אַלע זעקס טעג פון דער וואָך און ווען עס קומט שבת, דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך, פאָדערט די תורה דאָס בהמהשע אינגאַנצן אָפּצושטעלן. די נשמה מוז, כאָטש איינמאָל אַ וואָך זיין באַפרייט, אינגאַנצן, פון דעם חומר בכדי צו שעפּן און צו זאַמלען כוחות פאַר דעם קאַמף אין די זעקס וואָכעדיקע טעג. זאָגט דעריבער די תורה „ששת ימים תעשה מעשיך". זעקס טעג טו דיין אַרבעט און טו דאָס אונטער די בעסטע, מעגלעכסטע, באַדינגונגען און אומשטענדן, לאָז זיך נישט אינגאַנצן פאַרפירן פון דעם גוף, אָבער שטער אים נישט צופיל אין זיין אַנטוויקלונג. נאָך אַלעמען לעבסטו אין אַן ערדישער וועלט... אָבער זאָגט ווייטער די תורה: „וביום השביעי תשבות", אין דעם זיבעטן טאָג מוזסטו פול-שטענדיק אויפגעבן די אַרבעט „למען ינוח שורך וחמורך", כדי דאָס אָקסישע און דאָס אייזלשע אין דיר, דער פיזישער כח וואָס שטאַרקט זיך איבער דיר, אַלע זעקס טעג פון דער וואָך זאָל בלייבן פּאַסיוו, אויטאָמאַטיק אום שבת, וואָס דאָס וועט דיר ברענגען מנוחת הנפש

והגוף... קומט אוים, אַז דער עבד וואָס וויל נישט באַפרייט ווערן און וויל בלייבן אַן אייביקער שקלאַף איז דער סימבאָל פון דעם מענטשן, וואָס וויל נישט רוען אום שבת און מאַכט דעם „שור" און דעם „חמור" אַלס זיינע שטענדיקע בעלי בתים וועלכע ווערן די אַבסאָלוטע מושלים נישט נאָר איבער זיין גוף נאָר אויך איבער זיין נשמה און דאָס מיינט, ווערן אינגאַנצן אוים מענטש און בלייבן אַ גאַנצע בהמה... דאָס איז שוין גאָר נישט יידישלעך...

עס דערמאָנט זיך אונדז, אַן אַלטער מגיד אין דער אַלטער היים. ער האָט דעם ענין געמאַכט נאָך קיילעכדיקער. די נשמה, האָט ער געזאָגט, טענהט צום גוף: רויבער, מערדער, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיינע יאָרן? אמת, מיר דאַרפן זיין גלייכע שותפים, אָבער וווּ איז די גלייכקייט? איך, מיין פליכט, דער־פיל בשלימות, נאָך מיט אַן עודף, אָבער דו, דו ביזט דאָך אַן אומערלעכער שותף! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז עסן און טרינקען למשל, זענען נישט מיינע שפייזער. פונדעסטוועגן, וויסנדיק, אַז דו, מיין שותף, דאַרפסט דאָס, זיץ איך מיט דיר אָפּ שטונדן ביי דיין עסן און לאַנגווייל זיך אָבער איך שוויג. און אַפילו ווען דו גייסט ר"ל אַריין אין אַ טריפה רעסטאָראַן, ווו דו פרעסט זיך אָן מיט כל החזיריי, אַז מיר ווערט נישט גוט, לאָז איך דיך איבער? ניין, איך זיץ אין געהאַקטע ווונדן, איך קאָרטשע זיך אין דרייען אָבער איך בין מיט דיר! דו זעצט זיך אַוועק שפילן אין קאָרטן, אָך און וויי צו מיר! איך פיל ממש ווי דאָס חיות גייט מיר אוים. ווי קומט צו אַ נשמה? קאָרטן? נו אַנטלויף איך און לייג זיך אַליין? ניין, אַ שותף איז אַ שותף צום גוטן ווי צום שלעכטן. ווו דו זאָלסט נישט גיין, אויף אַלע ערטער ווו מיר כאַפּט אָן אַ ציטער, צו זען ווו דו שלעפּסט מיך אַריין. מיר איז נישט גוט, מיר איז ביטער אָבער איך בין לאָיאַל און בלייב מיט דיר, כאָטש נישט איינמאָל ווילט זיך אַרויספּליען פון דיר און אַן עק זאָל עס נעמען, אָבער איך טו דאָס נישט... און דו, געטרייער שותף מיינער, ווי אַזוי פירסטן זיך צו מיר? דו ווייסט ווי שווער עס קומט מיר אָן ביי

דיר צו פועלן זאָלסט מיך אַמאָל אַריינפירן אין אַ שול ווו מען דאַוונט און מען לערנט. איך וואָלט וועלן גיין יעדן טאָג, דריימאָל אַ טאָג, אָבער דו בשום אופן נישט. ענדלעך פּועל איך ביי דיר אַמאָל שבת צו גיין אין אַ שול, הערן אַ גוט וואָרט אַ גוטן חזן... איז דאַכט זיך ביזט נאָר וואָס אַריינגעקומען אַהער און דו זיצט שוין אויף שפּילקעס, דו איילסט זיך, האָסט נישט קיין צייט און דו ווילסט שוין לויפן... און אַפילו ווען דו בלייבסט שוין יאָ מיט מיר ביזטו דען מיט מיר? דאַוונסטו דען? קענסטו דען אַפילו פּירוש המילות? דו רעדסט, דו באַלאַקעסט. האָסטו דען דרך־ארץ פאַר דער שול? איך בעט זיך ביי דיר: זיץ איין רואיק, הער אויס, זיי מכוון. אַ נעכטיקער טאָג. איז דאָס יושר? און מיין ליבער שותפל, דו ווייסט וואָס עס מיינט ביי מיר תפילין לייגן, ווי הייליק דאָס איז ביי מיר? דאָס איז דאָך גאָלע נשמה. אָבער ווי איז מיר, דיין תפילין לייגן, מיט דיינע „בר מצוהס". מישטיינס געזאָגט, נישט נאָך לייגסטו נישט קיין תפילין, נאָר דו ביזט נאָך דערצו מחלל שבת אויך... ווען איך דערזע, ווי שבת אין שול קומט מען צופאָרן מיט די קאַרס, און דערצו ברענגט מען נאָך די פּרעזענטן אַרויף ממש ביז צום אָרון קודש, אַן בושה און אַן חרפה. יאָ, מיין ליבער שותף, דו געדענקסט יענעם שבת ביי דיין בר מצווה, ווען כאַרכע האָט דיר געבּרענגט אַ גאָלדענע פעדער און ווי דו האָסט דאָרטן, זיצנדיק אויף דער בימה, אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און צווישן גאַנצן עולם גענומען שרייבן, זען צו די פעדער איז אַ גוטע, אַך! ווען איך וואָלט דאַן געקענט לעבעדיקערהייט אַריין אין גרוב, וואָלט איך דיך דאַן געוועז מיטגעשלעפּט. אַזוי פירט מען זיך צום אַן ערלעכן שותף? נאָכאַלעמען, עפּעס רעכט האָב איך דאָך אויך?...

דער מגיד האָט נאָך גערעדט און גערעדט. טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן און ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער. אָבער ווער קען אַלעס אויפשרייבן, אַז מען מוז שוין ענדיקן?...

---

1) ירושלמי, קדושין פ"א.

תרומה

דער שכל פון געבן

„דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו" (שמות כ"ה ב').

„ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" (שמות כ"ה ב').

„ועשו ארון עצי שיטים ...וצפית אותו זהב טהור (שמות כ"ה י', י"א).

א

מיר יידן רעדן פון „מצות, בין אדם למקום" און מצות „בין אדם לחברו". ווען מיר באצייכנען די אקטן צווישן מענטש און מענטש מיטן נאמען מצות, איז פארשטענדלעך, אז די אקטן זענען נישט אלע הונדערט פראצענט פארבונדן בלויז מיטן מענטש נאר זיי האבן אויך א שייכות מיט ג-ט, ווי למשל פאה, תרומה, מעשר, צדקה אאז"וו. זיי זענען מצות פון דער תורה, נישט מער וואס די דירעקטע בענעפיטן פון זיי געהערן צום חבר. אקטן צווישן מענטש און ג-ט, ווידער, זענען אויך נישט איזאלירט, נאר פאר ג-ט אליין. אויך זיי האבן א געוויסע וויכטיקייט פאר מענטשן, ווי למשל, שבת, כשרות, תפילין, מצה אאז"וו. כאטש עס דאכט זיך, אז דאס זענען ריינע מצות פון „בין אדם למקום", ווערט אבער דער חבר אויך נישט אויסגעשלאסן פון איר, ווי דער ענין פון „חילול שבת בפרהסיה" אדער „תפילה בציבור" וכדומה.

איינע פון די ערשטע מצות איז, ווי געזאָגט, תרומה. „תרומה" איז אַ דערהויבענע זאַך. „דבר אל בני ישראל", רעד צו יידן „ויקחו לי" זיי זאָלן מיך נעמען „תרומה" אַלס אַ דערהויבונג. געוויינטלעך, איז אַ געהויבענע זאַך אָפּגעשיידט פון די אַנדערע. אויף אַ העכערע פּלאַטפאָרמע שטייען בלויז געציילטע, נישט די מאַסן... דעריבער איז דאָס וואָרט תרומה אויך די טייטשט „אָן אָפּשיידונג". קומט אָבער די תורה און זאָגט „מאת כל איש". ביי יידן איז די תרומה, די דערהויבונג, נישט קיין פּריווילעגיע פאַר געציילטע מענטשן. יעדער ייד קען זיין דערהויבן „אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי", דער וועמעס הארץ גלוסט צו דעם, ער קען נעמען די דערהויבונג. „אני אמרתי אלוקים אתם ובני עליון כלכם" אַלס „בני עליון", אַלס דערהויבענע מענטשן קענט איר ווערן אַ טייל פון דער געטלעכ־קייט, זאָגט ג־ט 1).

און מערקווירדיק: אָט די דערהויבנקייט, קומט נישט פון לערנען און דאַווענען, פון מקוה און סיגופים. זי קומט נישט פון פראַווען דעם „שיינעם ייד", נאָר זי קומט דוקא דורך „צדקה". „וזאת התרומה", זאָגט דער פסוק, און אָט די דערהויבנקייט פון וועלכער עס רעדט זיך דאָ, איז „אשר תקחו מאתם" קומט פון דעם, וואָס איר וועט נעמען ביי זיי. וואָס זאָלט איר נעמען? „זהב וכסף ונחושת" גאָלד, זילבער און קופּער. ווייל די דערהויבונג, פאַרשטייט: זיך, האָט מדרגות. דער „דעת זקנים מבעלי התוספות" טייטשט: אויב איינער גיט צדקה ווען ער איז געזונט און שטאַרק, ווען עס גייט אים גוט, איז דאָס אַ גאָלדענע־צדקה... ווען איינער גיט, ווען ער איז שוין קראַנק, ווען עס איז אים שלעכט און ער דאַרף אַ ישועה... דאָס איז שוין נאָר אַ זילבערנע צדקה. און דער וואָס גיט נאָכן טויט, איז דאָס ניט מער ווי אַ קופּערנע־צדקה... ווייל צדקה, כאָטש זי איז פון די מצות „בין אדם לחברו", שפּילט די ג־טהייט אַ גרויסע ראָלע אין איר און איר שכר איז זייער גרויס. שטרייכט די תורה דעריבער אונטער „לי תרומה" אַזאַ תרומה וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיט

ג־ט דאָס איז די אמתע דערהויבונג פאַר דעם מענטשן. די ריכטיקע תרומה...

דער רבי, ר׳ מאירל פרימישליאַנער ז״ל, האָט אַמאָל, אין איינעם פון זיינע יומא־דפגרא שמועסן דערציילט: איינמאָל בין איך ארויפגעגאַנגען אין הימל, זיך אַוועקגעשטעלט ביי טויערן פון גן עדן, אַ קוק צו טאָן ווי אַזוי עס גייט דאָרטן פאָר. זע איך ווי עס קומט זיך אָן צוגיין, אַ רב און לאָזט זיך גלייך צום אַריינגאַנג פון גן עדן. דער שומר הפתח, אָבער, פאַרשטעלט אים דעם וועג: וואָס איז אייער געאיילעניש אַזוי? פרעגט ער אים. וואָס אַזוינס האָט איר אויפגעטאָן, זוכה צו זיין צו אַריינגיין גלייך אין גן עדן? ענטפערט אים דער רב: וואָס הייסט? אַ גאַנצן לעבן האָב איך עוסק געווען אין תורה, ממש טאָג און נאַכט בין איך געזעסן און געלערנט, געפסנקט שאלות און דין תורהס ווען דען קומט דער גן־עדן, אַז נישט מיר?... דער מלאך ווערט אָבער קנאַפּ נתפעל פון דער תשובה. גערעכט, גערעכט, זאָגט ער, ס׳קען זיין, אַז ס׳קומט אייך טאַקע, אָבער דאָ מוז מען קודם בודק זיין צו אייער תורה איז געווען לשמה, צו אייערע דינים און פסקים זענען געווען ערלעכע. זייט מוחל רב, זעצט זיך צו און וואַרט אַ קאַפּיטשקע. עוד הם מדברים, קומט אָן אַ צדיק, אַ גרויסער יחסן, אַ בנן של קדושים און לאָזט זיך מיט ברייטקייט צו דער טיר פון גן־עדן. האַלט! מאַכט צו אים דער מלאך, דער שומר. פאַר וועלכע מעשים טובים? נעמט דער צדיק אויסצורעכענען אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין זיין לעבן, אויף דער זינדיקער וועלט. ער האָט געפּראַוועט תעניתים, ער האָט גאַנצע טעג מתפלל געווען, געזאָגט תהילים, געלערנט זהר, עוסק געווען אין קבלה, זיך כסדר מסגף געווען, געגאַנגען אין די מקוואות נו, נאָך אפשר ווייניק? ניין! זאָגט דער מלאך, גאַנץ גענוג, אָבער דאָ איז מען זיך נוהג, אַז מען איז בודק צו איר האָט עס טאַקע געמיינט ערנסט אָדער אפשר בלויז פאַר פרנסה וועגן. זייט אַזוי גוט, און וואַרט צו אַ ווייליכקע...

דערווײַלע, קומט זיך אָן אַ פּראָסטער מגושמדיקער ייִד, אָן אָרענדאַר און וואָגט קוים, צו קוקן אַפילו, אין דער ריכטונג פון דעם גן־עדן. אַ נו לאָמיר נאָר הערן, גייט צו צו אים דער שומר, וואָס פאַרמאָגסטו? אוי איך? איך פאַרמאָג נעבעך גאָרנישט, קרעכצט דער ייִד. איך בין אַ פּראָסטער מענטש און איך ווייס פון קיין זאַך נישט. דעם גאַנצן לעבן האָט איך אָפּגעפּינצטערט אין דאָרף, וווּ די טיר פון מײַן הויז איז שטענדיק געווען אָפן, בײַטאָג און בײַנאַכט און דער דורכגייער און וואַנדערער, וואָס האָט נאָר געוואָלט איז אַרײַנגעקומען, אַ באַקאַנטער, אָן אומבאַקאַנטער, אַלע, אַלע האָבן בײַ מיר געפונען אַ מקום מנוחה איך האָב אַלעמען פרײַנדלעך אויפגענומען, זיי דערלאַנגט וואָס איך האָב נאָר געהאַט, אַביסל בראָנפן, אַ קיכעל, אַ קאַרטאָפל, אַביסל מילך, אַז עס איז נאָר געווען, אַ שטיקל פיש אַ ברעקל פלייש, זומער אין די היצן, ווינטער אין די קעלטן, פלעגן זיי קומען צו מיר זיך דערכאַפּן אָדער אָנוואַרעמען. פאַרלאַנגט פון זיי האָב איך קיינמאָל גאָרנישט. אַלץ וואָס איך געוואָלט פון זיי איז געווען, אַז זיי זאָלן דאַנקען ג־ט ווײַל איך האָב זיי נישט געגעבן מײַנס, נאָר דאָס אַלץ טאַקע, וואָס ג־ט האָט מיר באַשערט פון מײַן פּראַצע. איך ווייס, אַז דאָס איז גאָרנישט, אַז איך בין נישט ווערט מען זאָל מיך אַרײַנלאָזן אין גן־עדן. זײַט מוחל, ווײַזט מיר די טיר פון דעם גהינם, אַהין באַלאַנג איך... ניין! זאָגט צו אים דער מלאך, פאַר דיר איז די טיר פון גהינם פאַרשלאָסן. דו גייסט גלײַך אין גן־עדן אַרײַן. דאָרטן וועסט דיך טרעפן מיט אַ סך פון דײַנע אורחים וועלכע האָבן פאַר דיר צוגעגרייט אַ בכבודיקע אויפנאַמע... אַראָפּקומענדיק צוריק פון הימל, האָט ר׳ מאירל אויסגעפירט, האָב איך אָנגעהויבן מתפלל זײַן, אַז „יהי חלקי עמו״...

אָט דאָס באַטאָנט די תורה מיטן „לי תרומה״ ווײַל זייער אַ סך מענטשן לעבן אין טעות ווען זיי מיינען, אַז געבן, אָן און פאַר זיך, אָדער ווי זיי רופן דאָס אָן „האָבן אַ גוט האַרץ״ מאַכט איי־נעם פאַר אַ גוטן ייִדן זייער אָפט גיבן ייִדן אַוועק פון זייער

שווער פאַרהאָרעוועטע געלט, פאַר צוועקן, באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס עס וועלט געווען אַ גרעסערע טובה, פאַרן יידישן פאָלק, ווען זיי וואָלטן אינגאַנצן נישט עקזיסטירט קאָמוניזם און כנעניזם, זענען צוויי גוטן ביישפילן. וואָרום ביידע טוען אַלץ אויסצומעקן דעם „לי" פון ג-ט. אונדזערע חכמים דרוקן דאָס אויס אין איין קליינעם זאַץ: „נתבעים לעגל ונותנים, נתבעים למשכן ונותנים". יידן ווען מען מאָנט ביי זיי געלט פאַרן „עגל" גיבן זיי און ווען מען מאָנט ביי זיי געלט פאַרן „משכן" גיבן זיי אויך.... 2). די חכמים האָבן דאָס נאַטירלעך געמיינט אַלס אַ פאָרוווּרף וואָס יידן פאַרפעלן צו פאַרשטיין די ברכה פון „המבדיל בין קודש לחול". אַזוי זעען אויס ביי יידן, די מצות פון „בין אדם לחברו"...

ג

די מצות פון „בין אָדם למקום" זענען נים אַנדערש. צו אונדזער פאָטער, שליט"א אין ביהמ"ד, איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ ייד דאַוונען און פאַרלאַנגט אַ סידור. וועלכן סידור מען האָט אים דערלאַנגט איז אים נישט געפעלן. ענדלעך פרעגט מען אים: ר' ייד? וואָסער סידור זוכט איר? איך, זאָגט דער ייד, דאַוון נאָר אין נוסח אר"י סידור. ווען מען האָט אים געגעבן אַזאַ סידור און ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען, האָט דער פאָטער, אים אַזוי באַטראַכט און פאַרשטאַנען, אַז דער ייד האָט אַ קנאַפּע שייכות צו נוסח אר"י. גייט ער צו אים צו, און זאָגט אים: מיין ליבער אייד, איך זע, אַז איר דאַוונט אין דעם אר"י הקדושם סידור, האָט איר עפּעס אין זינען ג-ט? אוי רבי, ענטפערט דער ייד, אין דעם האָב איך גאָר פאַרגעסן...

מקדש, משכן, בית המדרש, בית הכנסת דאָס זענען דאָך, דאַכט זיך, הייליקע פלעצער, אין זיי, דאַרף מען דאָך עפּעס אינזינען האָבן ג-ט. אָבער, ליידער איז עס נישט תמיד אַזוי... אויף דעם טייטשט די וועלט דעם פסוק „וישכח ישראל את עושיה ויבן היכלות". ישראל האָט פאַרגעסן איר באַשעפער, אַפילו ווען זי בויט

פאַר אים גרויסע טעמפּלען און סאַלאָנען 3). די שול דאַרף דאָך זיין דער מקדש מעט און אויב „מקדש" מוז דאָך דאָרטן קאָנצענטרירט ווערן די קדושה, אָבער די שול ווערט אָפּט פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַלן קלוב, ווו מען קומט פּראַוועון יידישע שמחות, (נישט אַזוי יידישלעך) און ווו עס איז אָפּט זייער שווער אָנצוהאַלטן דעם הייליקן סטאַטוס פון דער שול. יעדער וואָס קומט אין שול, מאַכן אַ שמחה, וואָלט וועלן געליבט ווערן אין הימל אַריין. און ווען מען וויל אים אויפקלערן, אין ערנסטע ווערטער, דעם מהות פון דער שמחה, וואָס אין אמתן איז זי דאָך אַ רעליגיעזע, אויב נישט וואָס האָט זי צו טאָן מיט אַ שול? אָבער, נישט זעלטן קומט אַרויס אַ פּאַראַיבל. דערפאַר שטייט נישט אין פּסוק, סתם, ועשו מקדש, זאָלן די יידן מאַכן אַ מקדש, נאָר עס שטייט, אויסדריקלעך, ווידער דאָס וואָרט „לי", „ועשו לי מקדש". זיי זאָלן מאַכן פאַר מיר אַ מקדש „ושכנתי בתוכם", ווו איך זאָל קענען רוען דאָרטן, ווו די שכינה זאָל האָבן אַ היים צווישן זיי און ווו מען זאָל נישט זיין קיין „דוחק את רגלי השכינה". דער קווינטעסענץ פון דעם גאַנצן מקדש איז דער „לי" אָן אים איז נישטאָ קיין מקדש...

מ׳דערציילט פון אַ חתן, ווען דער מחותן האָט צוגעזאָגט אַ געוויסן סכום נדן, אָבער אַט האָט זיך אונטערגערוקט דער זמן־החתונה און מען זעט נישט קיין נדן. מען שטעלט חופּה און דער מסדר קדושין זאָגט, ווי דער שטייגער איז, מיטן חתן דעם „הרי את". דער חתן זאָגט נאָך די צוויי ווערטער. ווען דער מסדר קדושין זאָגט: זאָג לי! שווייגט ער, דער חתן און זאָגט גאָרנישט. שרייט דער מסדר, נו נו, זאָג לי! זאָגט דער חתן: אַז מען וועט געבן דעם נדן וועל איך זאָגן! און בשום אופן, איינמאָל ניין, אָן נדן נישטאָ קיין חתונה. נו, פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אַלעס געטאָן, צוזאַמענגעשטעלט דעם נדן און דער חתן האָט אין אַ גוטער שעה, געזאָגט דאָס הייליקע וואָרט. נאָך דער חופּה פרעגט מען דעם חתן: סטייטש, יושר, היתכן ווי פּאַסט דאָס פאַר אַ חתן תחת החופּה? פאַרשטייט איר, ענטפערט דער חתן! איך האָב דאָס

געלערנט פון דוד המלך. דוד המלך זאָגט אין תהילים: „דלותי ולי יהושע". דאָס הייסט: „דלותי" איך וואָלט געבליבן אַ קבצן, אָן אָרעמאַן נאָר צום גליק, „ולי יהושע". האָט מיך דער „לי" געראַטעוועט...

קומט אויס, אַז פונקט ווי דער „הרי את" אָן דעם „לי" איז נישט קיין קדושין, פונקט אַזוי איז מקדש אָן „לי" קיין מקדש נישט. נישט מער, ביי קדושין פאַרשטייען דאָס אַלע, און ביי מקדש ווילן אַ סך בשום אופן נישט פאַרשטיין...

דער ארון, אין וועלכן די תורה האָט געהייסן, אַריינלייגן די „לוחות הברית", לערנט אונדז אויך דאָס זעלבע. „ועשו ארון עצי שיטים — וצפית אותו זהב טהור". זאָגט אויף דעם רש"י: שלשה ארונות עשה בצלאל שנים של זהב ואחד של עץ, נתן את של עץ בתוך הזהב ואת הזהב בתוך של עץ ונמצא הארון מצופה מבית ומחוץ. דאָס הייסט: דריי קאַסטנס האָט בצלאל געמאַכט, צוויי פון גאָלד און איינעם פון האָלץ. אין דעם גאָלדענעם האָט ער אַריינגעלייגט דעם הילצערנעם און אין הילצערנעם דעם צווייטן גאָלדענעם, אַזוי אַרום איז דער ארון געווען פון דרויסן און פון אינעווייניק באַדעקט מיט גאָלד. פרעגט די וועלט: נאָכוואָס איז נייטיק געווען דער הילצערנער קאַסטן? גאָלד איז דאָך שטאַרקער פון האָלץ און צוויי גאָלדענע קאַסטנס האָבן זיכער געקענט אויסהאַלטן די לאַסט פון די לוחות?... האָבן מיר אַמאָל געהערט אַזאַ דערקלערונג: אמת, גאָלד איז שטאַרק, שיין און אייביק אָבער גאָלד האָט איין גרויסן חסרון: עס איז קאַלט, עס האָט נישט קיין לעבן און קיין וואַרעמקייט. האָלץ. דאַקעגן, איז ביליק, שוואַך און נישט דויערהאַפטיק. דערפאַר אָבער, האָט עס אַ גרויסע מעלה, עס לעבט און גיט וואַרעמקייט, דערפאַר איז סיי דער מענטש און סיי די תורה געגליכן צו אַ בוים „כאדם עץ השדה" און „עץ חיים היא" ווייל ביידע מוזן זיין לעבעדיק... יאָ בלויז גאָלד אַליין איז נישט תורהדיק. מען דאַרף זי אַרומנעמען מיט גאָלד, באַפּוצן איר מיט גאָלד, אָבער אין איר „תוך", אין איר טיפן אינעווייניק — איז די תורה וואַרעם און לעבעדיק. אין אַדערע ווערטער: דאָס

באפוצן די תורה מיט גאלד, דאס אויפבויען גרויסע, רייכע שולן איז א כבוד פאר יידן און יידישקייט, אבער דאס איז נאר אזוי, ווען אין דער זעלבער צייט ווערט די הייליקייט פון דער תורה און אירע שולן אויפגעהאלטן און רעספעקטירט, ווען עס פילט זיך א לעבעדיקע ווארעמקייט, א התלהבות של קדושה, ווען דער געטלעכער „לי" און דער תורהדיקער „עץ חיים" בלייבן די פעסטע פונדאמענטן אויף וועלכע עס האלטן זיך סיי די שולן און סיי דער „ארון הקודש". דאן קען מען דערווארטן, אז „שיבנה בית המקדש במהרה בימנו... ותן חלקנו בתורתיך"...

---

3) חגי ג׳.
2) מס׳ שקלים.
1) תהילים פ"ב.

תצוה

אויפהאַלטן איז שווערער ווי בויען

„ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד (שמות כ״ז כ).
„להעלות נר תמיד״ מדליק עד שתהיא שלהבת עולה מאליה (שבת כ״א מובא ברש״י).

א

אויף אַן אַנדער אָרט, ביים קרבן תמיד 1). געפינען מיר אויך דעם לשון „צו״ און דאָרטן זאָגן די חז״ל: אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות. אמר ר׳ שמעון ביותר צריך לזרז במקום שיש חסרון כיס. 2). דאָס הייסט: אומעטום ווו עס שטייט דער אויסדרוק פון „צוואה״, וואָס דאָס מיינט באַפעלן, איז דאָס אַ לשון פון וואָרע־נונג, סיי פאַרן מאָמענט און סיי פאַר די קומענדיקע דורות. זאָגט אויף דעם ר׳ שמעון: די שטאַרקסטע וואָרנונג דאַרף מען געבן דאָרט ווו עס האַנדלט זיך אין געלט־פאַרלוסט...

לויט דעם, איז דער ערשטער פסוק פון דער היינטיקער סדרה באמת שווער צו פאַרשטיין. „ואתה תצוה את בני ישראל״ און דו, משה, זאָלסט באַפעלן די יידן, דאָס הייסט מיט דעם שאַרפן אויסדרוק פון „צוואה״, „ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד״, און זיי זאָלן נעמען צו דיר ריינע, צעשטויסענע בוימל צום באַלייכטן אַן אייביקע ליכט״. פאַרוואָס איז דאָ געווען די נייטיקייט צו באַנוצן זיך מיט דעם אויסדרוק „צו״ אין דער

צײַט וואָס פריער, בײַ דער גאַנצער אַרבעט פון דעם משכן, איז נישטאָ דער שטרענגער באַפעל? דאָרטן געפינען מיר דעם אײנפאַכן לשון פון „דבר אל בני ישראל", רעד צו די ייִדן, נישט מער? ובפרט לויט ר' שמעון וואָס זאָגט, אַז דער „זירוז" דאַרף זײַן שטאַרק, ווען עס האַנדלט זיך אין געלט ענינים, האָט זיך דאָך אין דער פריערדיקער סדרה געהאַנדלט אין גאָר גרויסע ריזיקע סומעס געלד און זילבער צו בויען דעם משכן און צו מאַכן אַלע נייטיקע הייליקע כלים. טאָ פאַרוואָס איז דאָרטן נישט באַנוצט געוואָרן דער לשון „צו", און דאָ, ווו עס האַנדלט זיך אין ממש „קלײנגעלט" צו באַזאָרגן אַביסל בוימל פאַר דער מנורה, באַנוצט די תורה דעם האַרבסטן, באַפעלערישן טאָן?

דער ילקוט יהודה וויל האָבן: אַזוי ווי די מנורה איז דער סימבאָל פון חכמה, לויט דעם באַקאַנטן מאמר חז"ל „הרוצה להחכים ידרים". דער וואָס וויל קריגן חכמה זאָל זיך ווענדן צו דרום. ווײַל די מנורה איז געשטאַנען אין דער דרום-זײַט אין בית המקדש 3). און חכמה, מײנט דאָך יעדער, אַז ער האָט איבערגענוג, דערפאַר שטייט ביים „שמן זית" וואָס איז באַנוצט געוואָרן פאַר דער מנורה, דער אויסדרוק פון „צו", וואָס עס מײנט אויך „זירוז". צו וואָרנען יעדן מענטשן ער זאָל פאַרשטיין, ווי ווייניק ער פאַרשטייט. די חכמה, זאָגט ער, איז דער „לבוש" וואָס פאַרדעקט די שפלות, די אומגעהובלטע פּראָסטקייט פון דעם מענטשן. טאָר דעריבער דער מענטש נישט שפּאָרן קיין געלט, צו דערגרייכן די גרעסטע מאָס חכמה, דעם אַזוויגעגערופענעם, דעק-מאַנטל, מיט אים צו פאַרדעקן די אַל-מענטשלעכע שוואַכקייטן וואָס וואָלטן אים געהאַלטן אין אײביקער שפלות, און דעריבער דער באַפעל מיט דעם לשון „צוואה".

אַן ענלעכקייט געפינען מיר אין דער גמרא, 4). פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהם בשבת, אין מדליקין בהם במקדש, כדי שתהא השלהבת עולה מאליה ולא על ידי דבר אחר, שנאמר „להעלות נר תמיד". דאָס הייסט: די קנייטלעך פון דער

מנורה און אירע בוימלען מוזן זיין פון דעם בעסטן סאָרט, כדי מען זאָל נישט מוזן כסדר שטיין און היטן זיי זאָלן זיך נישט פאַרלעשן... ביי חכמה איז אויך דאָס אייגענע. די אמתע חכמה איז די איינגעבוידענע אינטעליגענץ, ניט די צופעליק דערוואָרבענע. דעריבער מוז דער מענטש זיך משתדל זיין, אַז זיין חכמה זאָל נישט זיין קיין געקינצלטע, נאָכגעמאַכטע, אויבנאויפיקע ווו ער זאָל מוזן זיין כסדר אויף דער וואַך, קעגן אייגענע ווידערשפּרע־כונגען און סתירות, וואָס זענען עלול צו אויפדעקן זיין אומוויסנ־דיקייט און אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט, אַז זיין חכמה איז ווייט קיין חכמה נישט... נאָר עס דאַרף זיין ווי אין פּסוק שטייט: „אמור לחכמה אחותי את". חכמה דאַרף זיין ווי אַן אייגענע שוועסטער 5). ממש ווי אַ טייל פון זיין „איך". הכמה דאַרף אַרויסשפּרודלען נאַטירלעך אַן קונצן און אַן חכמהס... חכמה דאַרף נישט קיין השגחה נאָר די השגחה איז די גרעסטע חכמה. באמת איז זייער שווער אַ מענטש זאָל נישט מסיח דעת זיין פון דער שווערע אַרבעט וואָס מיר רופן אַן „תיקון עצמי", זעלבסט־אויסבעסערונג. באַ־שטייט דעריבער די גרויסע געפאַר, אַז ביי אַזאַ „הסח הדעת" זאָל פאַרדעקטע „מגושמדיקייט", פּלוצלונג, אָן אַ וואָרנונג, אַרויס־שפּרינגען און חרוב מאַכן זיין גאַנצע האָרעוואַניע, ער זאָל זיך אויפירן אַזוי, אַז זיין גאַנצען אָנשטעל זאָל פּלאַצן ווי אַ זייפן־בלאָז... מוז דעריבער דער מענטש זאָרגן, אַז די „דרכי הכמה" זאָלן ווערן אַ חלק פון זיין נשמה, אַריינגעוועבט און אַריינגעפלאָכטן אין זיין גאַנצן מהות, אַז אַפילו ביים „הסח הדעת", אָדער ביי וועלכער עס איז אומנאַטירלעכער דערשיינונג, זאָל דער מענטש נישט פאַרלירן זיין גייסטיקן באַוווסטזיין וואָס זאָל אים ברענגען, חלילה, צו חרפּות און בזיונות. אין דער רש"י־שפּראַך הייסט דאָס „שיהא מדליק", ער זאָל צינדן, זיין חכמה „עד שתהיא השלהבת עולה מאליה", ביז איר פלאַם וועט אומגעשטערט, ברענען אָן קיין שום מורא צו ווערן אויסגעלאָשן. און פאַר דעם, פאַרשטייט זיך, איז נייטיק דער לשון „צו" און „זירוז", געוואָרנטקייט און זעלבסט־קאָנטראָל.

די ווערטער פון חז"ל „מיד ולדורות", מאכן אונדז דענקען, אז עס איז דאָ אַ מער פּראַקטישער ענטפער צו דער געשטעלטער פראַגע, אַן ענטפער וואָס וואַקסט אַרויס פון אַ געזעלשאַפטלעכן פאַקט. דער דורכשניטלעכער מענטש האָט גערן צו זען די באַשאַפונג און די קאָנסטרוקציע פון נייע זאַכן. עס ליגט אַזוי אין דער מענטשלעכער נאַטור, צו וועלן זען דעם אויפקום פון נײַ לעבן, נייע דערפינדונגען און בכלל פון עטוואָס וואָס עס ביז היינט נישט געווען, און ווען איר קומט צו אים און זאָגט אים: קום לאָמיר צוזאַמען עפּעס אויפטאָן! לאָמיר שאַפן אַט די און די זאַך! אויב ער איז נאַר, אין פּרינציפּ נישט קעגן דער שאַפונג, וועט ער, על פּי רוב, מסכים זיין מיטצוהעלפן אייך רעאַליזירן דעם ענין. אַזוי שנעל אָבער ווי די זאַך איז אַ פאַקט און ער קען זאָגן: גיט אַ קוק, דאָס האָב איך געהאָלפן מאַכן! פאַרלירט ער צוביסלעך דעם אינטערעס און פאַנגט אָן זיך ווידערנעמען זיך צו עפּעס אַן אַנדער נייע שאַפונג. אייגנטלעך זענען אַלע מענטשן „גרויסע קינדער" און פּונקט ווי קינדער ווערן באַגייסטערט פון אַ נייעם שפּילצייג און ווערן פון דעם באַלד מיד און פאָדערן אַ נײַ שפּילעכל, כמעט אַזוי זענען די דערוואַקסענע, אין מער וויכטיקערע זאַכן. דערפאַר זעען מיר זייער אָפט, ווי מענטשן העלפן שאַפן גרויסע זאַכן, וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, העלפן פאַרווירקלעכן גרויסע אידייען, אָבער ווען עס קומט די געשאַפענע זאַכן אויסצוהאַלטן, ווען מען קומט צו דעם זעלבן שאַפער און בויער מאָנען פאַר דער אויסהאַלטונג פון דער זעלבער אינסטיטוציע, וועט איר הערן די טענה: וואָס עפּעס איך? צו ווייל איך האָב שוין אַזויפיל געגעבן מוז איך געבן נאָך?

ביישפּילן פאַר דעם זענען דאָ איבערגענוג. אַט אַנומלט איז אַריינגעקומען צו אונדז אַ יונגע פרוי און דערציילט: זי איז געווען אַן אָרעם מיידל אַ יתומה און עטלעכע מענטשן האָבן איר געהאָלפן חתונה האָבן מיט אַן אָרעמען בחור, אָבער זיי האָבן נישט קיין פּרנסה. ווען זיי האָבן זיך געווענדעט צו די זעלבע מענטשן, זיי

זאָלן זיי אַרויסהעלפן צו מאַכן אַ שטיקל פּרנסה, האָבן זיי באַקומען אַ קאַלטן ענטפער: מיר האָבן אייך טאַקע חתונה געמאַכט אָבער מיר זענען נישט מחויב אייך אויסצוהאַלטן... וואָס מיינט דאָס? עס מיינט גאַנץ איינפאַך: התונה מאַכן אַן אָרעם פּאָרפאָלק איז עפּעס אויפטאָן, שאַפן אַ נייע זאַך, אָבער אויסהאַלטן, אַרויסהעלפן, דאָס זענען שוין טאָגטעגלעכע זאַכן. דערצו איז שוין נישטאָ קיין חשק. מאַכן דעם יינגל פאַר אַ „בר מצוה" דאָס יאָ. ס'איז אַ טאַראַראַם, אַן עסק, מען דאַרף דעם קינד ווייזן אינטערעס, אַלע קינדער ווערן בר מצוה, זאָל ער נישט זיין ערגער... אָבער זען, אַז דאָס יינגל זאָל לייגן תפילין און זיין אַ ייד, דאָס זענען שוין פּשוטע זאַכע. ווער האָט צייט צו דעם? יידן וועלן געבן צענטליקער און אַ טייל, אפילו הונדערטער טויזנטער פעזעס אויפצובויען גיגאַנטישע קהלה־בנינים, אָבער עס איז אַ סך שווערער ביי די זעלבע יידן אַרויסצו־באַקומען געגוג אויף אויפצוהאַלטן דעם גאַנצן אַפּאַראַט. ווער פון אונדז געדענקט נישט דעם שטאַרקן ברען און ענטוזיאַזם ביי די יידישע מאַסן ווען מדינת ישראל איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן? איין קליינקייט אַ יידישע מדינה! אָבער ווען עס קומט די זעלבע מדינה אויסצוהאַלטן איז עס שוין גאָרנישט אַזוי איינפאַך...

הרב עמיאל ז"ל, דער רב הראשי פון תל אביב, פלעגט זאָגן: יידן האָבן אַ סך ליבער צו זען זייערע נעמען, אויסגעקריצט אויף אַ שטיינערנעם אָדער מאַרמאָרענעם „לוח אבן", טויטן טאָוול, ווי אויף אַ לעבעדיקן יידישן האַרץ, „לוח הלב"... דעריבער ווערט פאַרשטענדלעך ווען ג־ט האָט באַדאַרפט, אַז יידן זאָלן געבן זייער אַ סך גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער אויפצובויען דאָס משכן און צו פּראָדוצירן די אַלע נייטיקע הייליקע כלים ווי דער מזבח, דער שלחן, די מנורה דער ארון אאַז"וו, איז געווען גענוג צו זאָגן די יידן: גיט! און מען האָט געגעבן. און דער פאַקט איז געווען, אַז זיי האָבן געבראַכט נאָך מער ווי מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט. „והמלאכה היתה דים" זאָגט דער פּסוק „די והותר" אַזוי ווייט, אַז משה האָט געהייסן אויסרופן „איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה

לתרומת הקודש״ ברענגט נישט מער! מען דאַרף נישט, עס איז שוין דאָ גענוג! 6). איר קענט זיך פאָרשטעלן אַזאַ ענטוזיאַזם?... דאַקעגן האָט ג־ט געוווסט, אַז עס וועט קומען צום אויסהאַלטן דעם משכן מיט די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן, בוימל פאַר דער מנורה, בהמות פאַרן קרבן תמיד, כאָטש לגבי יענע גרויסע רייכטי־מער וואָס מען האָט באַדאַרפט צום בויען דעם משכן, האָט דאָס, מאַקע קיין ערך נישט, אָבער עס וועט נישט אַזוי לייכט אָנקומען... דעריבער האָט ער געהייסן משהן פאָדערן ביי די יידן מיט שאַרפע רייד „צו״ און „תצוה״ און די חז״ל האָבן דערפילט דעם אָנווונק פון ג־ט, און זיי זאָגן דעריבער: „אין צו אלא לשון זירוז״. דאָ מוז מען שטאַרק וואָרענען און באַפעלן, ס'איז נישט גענוג קיין פשוטער „דבר״ אל בני ישראל״ און ר' שמעון מאַכט דאָס נאָך קלאָרער: „ביותר צריך לזרז במקום שיש חסרון כיס״. דאָרטן ווו עס האַנדלט זיך אין אַ פּאָר פּעזעס, דאַרף מען זיין גאָר געוואָרנט... ווייל דאָס איז שוין נישט מער ווי בלויז צום אויסהאַלטן דעם משכן, שרייט יעדער איינער: וואָס עפּעס איך? זאָל יענער געבן!...

אונדזער פאָטער, דער רבי שליט״א זאָגט: דער „תצוה״ דער באַפעל, קומט נישט אַזויפיל אויפן „שמן זית״, אַז מען זאָל געבן בוימל, נאָר אויפן „זך״, אַז דער בוימל זיין ריין, לויטער און קלאָר. דער „זירוז״, די דאגה, איז ניט אַזוי ווייט פאַר „קודש״ ווי פאַרן „טהרת הקודש״. הייליקייטן, זאָגט ער, זענען דאָ אין דער וועלט אַ סך. זיי, די נישט יידן שרייען אויך, אַז זיי האָבן הייליקייטן... אָבער די ריינע הייליקייט, דער „שמן זית זך״ דאָס האָבן נאָר די יידן. זכות און זכיה, זאָגט ער ווייטער, קומען פון דעם שורש פון זך. כדי צו זיין אַ „בעל זוכה״, כדי צו האָבן „אַ זכות״ מוז מען זיין „זך״, זייער ריין און אָפּגעהיט. „ויקחו אליך״ זאָלן זיי אַרונטער־נעמען אַ משל פון דיר משה, פונקט ווי ביי משהן שטייט „והאיש משה עניו מאד״ משה איז ביי זיך געווען זייער קליין און נאָר פאַרדעם האָט ער געקענט זיין אַזוי גרויס... אַזוי איז „כתית למאור״,

נאָר דער וואָס ער איז ביי זיך „כתית" אַ צעשטויסענער, אַ צעבראָ־כענער, נאָר ער קען לייכטן...

דער „מעדני מלך" זאָגט: „ואתה", קודם זיי דו אַליין אין אָרדנונג, נאָכדעם „תצוה", וועסטו האָבן רעכט צו דיקטירן און צו באַפעלן אַ צווייטן...

אין פ' בהעלותך, אויף די ווערטער „בהעלותך את הנרות", זאָגט רש"י: מעלה היתה לפני המנורה שעליה עומד כהן ומטיב. אַ טרעפּל איז געווען פאַר דער מנורה, וואָס אויף איר פלעגט דער כהן זיך אַרויפשטעלן און אויספּוצן די מנורה. מיינט דאָס גאַנץ פּשוט: אַפילו די הייליקע מנורה קען נישט לייכטן פאַר יענעם, סיידן זי אַליין ווערט קודם געריייניקט און געפּוצט. און די „הטבה" איז נאָך וויכטיקער ווי די הדלקה, ווייל אָנצינדן קענען אַלע, אַפילו אַ הדיוט. (נישט איין הדיוטישע אידייע האָט אָנגעצונדן אַ וועלט). אָבער „מטיב זיין", אויסרייניקן, וואָס קומט פון דעם שורש „טוב" דאָס קען נאָר טאָן אַ כהן גדול...

מיר ווילן דאָ, צום שלוס, ברענגען נאָך אַ קליינעם רעיון וועגן דער מנורה. אין דער פאַריקער סדרה: ושמת השלחן מחוץ לפרכת ואת המנורה נוכח השלחן. זאָגט די גמרא: 7) כיון דכתיב „ואת המנורה נוכח השלחן, בעינן דחזי אהדדי. דאָס הייסט: ווייל עס שטייט, אַז די מנורה איז געווען אַנטקעגן דעם שלחן איז אַ ראיה, אַז זיי האָבן באַדאַרפט זען איינע די אַנדערע. פרעגט זיך: פאַרוואָס האָבן דער שלחן און דער אָרון באַדאַרפט שטיין איינע קעגן די אַנדערע? איז דער ענטפער: די מנורה האָט, ווי פריער דערמאָנט, רעפּרעזענטירט חכמה, דאָס מיינט תורה. דער שלחן ווידער האָט רעפּרעזענטירט עשירות, רייכקייט. ווי די זעלבע גמרא זאָגט: הרוצה להעשיר יצפין... דער וואָס וויל רייך ווערן זאָל זיך ווענדן צו צפון זייט, ווייל דאָרטן איז געשטאַנען דער שלחן, דער סימבאָל פון פרנסה. און אַזוי ווי מיר ווייסן פון דעם כלל „אם אין קמח אין תורה", און פאַרקערט, דעריבער האָבן זיי געמוזט ביידע שטיין

איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן צו דערגענצן זיך... דער שלחן האָט געקוקט צו דער מנורה, פאַר אַ ביסל תורה און חכמה און די מנורה ווידער האָט געקוקט צום שלחן פאַר איר פיזישער אויסהאַלטונג... דאַכט זיך, זיי ביידע שטייען נאָך היינט, אויף די זעלבע קעגנאיבער־דיקע פלעצער און פּאָזיציעס.

---

1) פ״ צו.
2) תו״כ.
3) ב״ב כ״ה.
4) שבת כ״א.
5) משלי ז׳ ד.
6) שמות ל״ו, י׳ ז׳.
7) יומא ל״ג ב׳.

כי תשא

מיט וועמען מען קען רעכענען

„כי תשא את ראש בני ישראל לפקדיהם ונתנו איש כופר נפשו לד׳ בפקוד אותם ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם. (שמות ל׳ י״ב).

„זה יתנו כל העובר על הפקדים מחצית השקל בשקל הקודש וכו׳" (שמות ל׳ י״ג).

„וירא העם כי בושש משה לרדת מן ההר ויקהל העם על אהרן ויאמרו אליו קום עשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו וכו׳ (שמות ל״ב א׳).

א

פאַרטייען, פראַקציעס און אידעאָלאָגישע קאָנטראָווערסיעס זענען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, ביים יידישן פאָלק, פונקט ווי ביי אַלע גרופן און נאַציאָנאַליטעטן אין דער וועלט. חז״ל האָבן דאָס אָנערקענט און דאָס פאָרמולירט כשם שאין פרצופיהן דומות זו לזו כך אין דיעותיהן שוות". 1). דאָס הייסט: גענוי ווי מענטשלעכע פנימער זענען נישט גלייך איינער צום אַנדערן, אַזוי זענען אויך זייערע מיינונגען פאַרשידן. מיינונגס-פאַרשידנהייטן, זענען דעריבער אומפאַרמיידלעך און איז אַ טייל פון דער מענטשלעכער בריאה. די דיסקוסיעס, מחלוקתן און רייסערייען זיינען אַ פועל יוצא פון דעם וואָס איז יעדער איבערצייגט, אַז זיין מיינונג איז די ריכטיקע און זיין שטעלונג די אויסגעהאַלטנסטע. אפשר איז דאָס די אורזאַך וואָס

דער באַשעפֿער האָט געגעבן דעם מענטשן דעם כח הדיבור. ווײַל וואָלט דער מענטש געהאַט אײן מחשבה, אײן ליניע און אײן געדאַנקענגאַנג, וואָלט דאָס וואָרט בכלל געווען איבעריק. נאָר כדי צו אויסלופּטערן מײנונגען, צו אַנאַליזירן דעם זיג־זאַגישן מהלך המחשבה, פֿון דעם מענטשן איז נײטיק דאָס אינסטרומענטאַלע וואָרט וואָס זאָל קענען באַגרינדן און אויסקריסטאַליזירן די געטראַכ־טע מחשבה און אַזוי אַרום קענען, צומאָל, דערגרײכן דעם „צד השוה שבהם".

און אַזוי ווי דער אויבן געבראַכטער מאמר ציט אַ פּאַראַלעל פֿון „פּנים" מיט „מחשבה" גלויבן מיר, אַז עס איז גלײך צו זאָגן: פּונקט ווי קײן נאָרמאַלער מענטש, שפּײַט נישט דעם צווײטן מענטש, אין פּנים אַרײַן, נאָר דערפֿאַר ווײַל ער זעט אויס אַנדערש פֿון אים (מיר רעדן נישט פֿון ראַסיסטן). נישט ווײניקער אומעטיש און אומ־אויסגעהאַלטן איז צו פֿאַרוואַרפֿן און פֿאַרמיאוסן יענעמס אידייען און געדאַנקען נאָר דערפֿאַר, ווײַל זײ זענען אַנדערש ווי זײַנע אײגענע. די חז"ל האָבן אויך דאָס, אין אַ געווײסן זין, באַוואָרנט. די גמרא 2) דערציילט: מעשה שבא ר' אליעזר בר' שמעון ממגדל גדור מבית רבו וכו' ושמח שמחה גדולה והיתה דעתו גסה עליו מפני שלמד תורה הרבה. נזדמן לו אדם אחד שהיה מכוער ביותר. אמר לו שלום עליך רבי! ולא החזיר לו אמר לו ריקה כמה מכוער אותו האיש וכו' אמר לו לך ואמור לאומן שעשני כמה מכוער כלי זה שעשית וכו'. דאָס הײסט: ר' אליעזר, קומענדיק פֿון זײַן רבין בײַ וועמען ער האָט געלערנט אַ סך תורה איז געווען אין דער מחשבה, אַביסל גרויס בײַ זיך. און ווען אײנער וועלכער איז געווען נישט קײן שײנער האָט אים באַגריסט האָט ער אים נישט געענטפֿערט אויף דער באַגריסונג, נאָר אַנשטאָט האָט ער אים געזאָגט: אַך ווי מיאוס ביזטו! האָט אים דער מענטש געענטפֿערט: גײ צום מײסטער וואָס האָט מיך באַשאַפֿן און זאָג אים: ווי מיאוס איז די כלי וואָס דו האָסט געמאַכט... רש"י און תוספות ברענגען מפורשים וואָס זאָגן, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא, וואָס האָט אים געוואָלט לערנען, אַז ער זאָל זיך נישט

געוויינען אַזוי צו טאָן. טייטש דער מהרש״א, אַז נישט דער פשט איז ער זאָל זיך נישט געוויינען צו באַליידיקן קיין מענטשן, נאָר אַז ער זאָל זיך נישט געוויינען צו זיין גרויס ביי זיך... זעען מיר פון דאַנען די פאַרבינדונג פון געדאַנק מיט דעם פנים. ר׳ אליעזר וואָלט זיכער קיינעם נישט באַליידיקט און פאַרגעוואָרפן זיין מיאוסקייט, וואָלט ער, בשעת מעשה, נישט געהאַט קיין נישט גאַנץ געהויבענע מחשבות. ווייל אין אמתן איז דאָך די מחשבה, דער דעת, נישט ווייניקער די שאַפונג פון ג־ט ווי דער פנים. „אתה חונן לאדם דעת״, זאָגן מיר אין דער שמונה עשרה. דער „דעת״ איז אַ ג־ט זאַך. ווילן מיר דעריבער ציען דעם פאָדעם אַביסל ווייטער און זאָגן אַט וואָס:

אמת! ווען איינער איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַ מיאוסן פנים, קען מען צו אים קיין טענות נישט האָבן. ווי וועט אָבער זיין, ווען דער וואָס איז דוקא באַשאַפן געוואָרן מיט אַ שיינעם געזיכט, מאַכט זיך ווירקלעך עקלהאַפט, מיט מיאוסע גרימאַסן וואָס ער האָט זיך איינגע־וויינט צו מאַכן, אָדער מיט האַלטן כסדר דעם צונג אין דרויסן, אָדער גאָר מיט אָנטאָן אַן עקלהאַפטע מאַסקע אויפן פנים. פאַרשטייט זיך אַז ווען איינער וועט זאָגן אַך ווי עקלהאַפט איז דער מענטש! וועט ער נישט קענען ענטפערן „לך ואמור לאומן שעשני״. גיי, זאָג דאָס צום באַשעפער וואָס האָט מיך באַשאַפן. ווייל עס איז נישט דער באַשעפער וואָס האָט אים מיאוס געמאַכט נאָר ער אַליין. דאָס זעלבע, גלויבן, מיר, וועט זיין מיט דעם דעת פון דעם מענטשן און מיט זיינע אידייען. ווען איינער איז ערלעך, צו זיך און צו יענעם און ער דריקט אויס זיינע אייגענע אידייען ווייל אַזוי דיקטירט אים זיין דעת זיין שכל הישר, מעגט איר מיט אים מסכים זיין צו נישט, פאַרדינט ער אָבער 100 פּראָצענטיקע טאָלעראַנץ, ווייל אויב ער איז ערלעך וועט ער זיך אויך לאָזן איבערצייגן אין זיין טעות. אַנדערש אָבער זענען די וועלכע מען וואָלט געקענט באַצייכענען מיט דעם ענגלישן טערמין „ברעינוואַשט״, דאָס מיינט זיי האָבן נישט זייערע אייגענע איבערצייגונגען, עס איז נישט זייער דעת, זייער שכל הישר, וואָס פירט זיי נאָר אויסערלעכע פאַקטאָרן באַאיינפלוסן

זײ. אומשטענדן װערן די בעלי בתים איבער זײער געדאַנקענגאַנג. אין אַנדערע װערטער, נישט דער געדאַנק שאַפט די סיטואַציע נאָר פאַרקערט, די סיטואַציע באַװירקט זײער דענקען און גלויבן און „הרגל נעשה טבע״, געװױנהײט װערט די צװײטע נאַטור און זײ װערן, פאַלש איבערצײגט, אַז עס איז זײ װאָס באַשטימען, זײ װאָס גלײבן. װען אַזאַ אײנער מאַלפּעװעט נאָך די קרומקײט און אומלאָגיש־קײט פון דעם אַרום, פון דער סביבה, פאַר אים דאַרף מען קײן דרך ארץ נישט האָבן, מיט זײן מײנונג איז נישט נײטיק זיך צו רעכענען, װײל ער איז נישט ערלעך, נישט ערנסט און ער איז זיך אײנגאַנצן אומבאַװוסט... אַזעלכער האָט נישט קײן „דעת הקהל״, קײן „דעת המקום״. אים קען מען באַצײכענען אַלס אַ „יצא מדעת״. אָט דאָס װאָס מיר רופן „פּאָליטישע״ היפּאָקריטסטװע, װאָס מאַכט חרוב אַ װעלט. אין רעליגיעזן לעבן האָבן מיר דעמזעלבן פּראָבלעם. ס׳איז פאַראַן דער װעמען די חז״ל אָנערקענען אַלס דעם „תינוק שנשבה בין העכו״ם״, דער ייד, װעלכער איז דורכגעפאַלן אין זײן אמונה, נישט װײל ער האָט אַזױ זיך איבערצײגט, געװאָלט און געפּלאַנט, נאָר װײל ער איז געװאָרן אַ קרבן פון אומשטענדן. אויף אים איז חל די מצוה פון „פּדיון שבוים״ אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. אים דאַרף מען נישט נאָר נישט פאַרדאַמען, נאָר עס ליגט אַפילו אַ חוב קדוש אים צו ראַטעװען, אים צו פּראָבירן, מיט אַלע כוחות, צוריק־צוברענגען צו זיך אַלײן. ער קען טענהן, אין אַ געװיסן זין „לך לאומן שעשני״. און דער געפערלעכער טיפּ, דער װעמען די חז״ל באַצײכענען אַלס דער „יודע את רבונו ומכוון למרוד בו״, ער איז זיך פולשטענדיק באַװוסט פון זײן היפּאָקריטסטװע. ער װײסט, אַז ער איז נישט אין אָרדנונג, אָבער זײן כוונה איז „מורד״ צו זײן, ער פאַרגיפטעט און פאַרפּעסטעט זײן אײגענעם „דעת״ פאַרקרימט און פאַרקריפּלט זײנע מחשבות „ביודעים״. ער איז פון די עלעמענטן װאָס, פון אײן זײט מוז מען אים מרחק זײן און פון דער צװײטער זײט מוז מען אים באַקעמפן.

צוויי חדרים, אַזוי צו זאָגן, האָבן מיר אין דער הײַנטיקער ייִדישער געזעלשאַפט. איין חדר וואָס לערנט און אַגיטירט די שיטה פון „אָפּגעזונדערטקייט", פון מאַכן שבת פאַר זיך, ווייל אַלע אַנדערע זענען מחללי שבת. דאָס איז די עקסטרעם-חרידישע שיטה פון די „נטורי קרתא", און דער צווייטער, גרעסערער „חדר" איז דער וואָס לערנט די שיטה פון „צוזאַמענאַרבעט", פון קאָאָפּעראַציע אַפילו מיט די מיט וועלכע מיר זענען נישט מסכים. לויט אנדזער באַשיידענע מיינונג זענען ביידע שיטות נישט אויסגעהאַלטן. לויט דעם אויבן געזאָגטן, קען נישט און עס טאָר נישט זיין קיין אַבסאָלוטע „פּרישה", גאַנצע אָפּגעזונדערטקייט, לויט דעם כלל פון „אל תפרוש מן הציבור, אפילו הציבור בטעות 3). (נישט חלילה ווען דער ציבור גייט אַבזיכטלעך אויף קרומע וועגן. אויף דעם איז דאָ אַ בפירושער פּסוק „ולא תהיה אחרי רבים לרעות") ווייל דער טייטש פון טעות איז, דער וואָס ווייסט, אַז ער בלאָנדזשעט און וויל אַרויסגעפירט ווערן אויפן גלייכן וועג. און עס קען אויך קיין רייד נישט זיין פון אַ פולשטענדיקער פאַרשמעלצונג און אַ פאַרייניקטן פראָנט מיט די „מכוונים למרוד". דער יסוד פון דעם פראָבע-שטיין איז די אויפריכטיקייט און ערנסטקייט פון דעם צד שכנגד...

ב

מיר האָבן דאָס אַלס געזאָגט, צוליב אַ חסידישן טייטש אויף דעם ערשטן פּסוק פון דערהײַנטיקער סדרה. דער הייליקער בערדי-טשעווער ז"ל האָט געטייטשט: „כי תשא את ראש בני ישראל", ווען דו וועסט וועלן אויפהייבן, די געפאַלענעם ייִדישע קעפּ, זאָלסטו זיי נישט אָפּשטויסן נאָר „לפקדיהם", דו זאָלסט זיך ציילן און רעכענען מיט זיי. אָבער ווען איז דאָס גערעדט? ווען דו וועסט זען „ונתנו איש כופר נפשו לד'", אַז זיי זיינען גרייט צו געבן די נשמה אין וועלכער זיי האָבן ביז איצט געלייקנט, צו ג-ט אַנערקענען זייער טעות, אַז זיי זענען פאַרפירט געוואָרן אָט ביי זיי „ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם". שטויס זיי נישט אָפּ, נאָר צייל זיך מיט זיי. זיי

זיינען ווידער גרייט זיך אומצוקערן צו ג-ט... „זה יתנו" (זה איז אַ מיעוט) · אַפילו ווען זיי וועלן געבן „מחצית השקל", בלויז אַ האַלבן געוויכט. אויב ס'איז נאָר „בשקל הקודש", זאָלסטו דאָס נעמען...

ג

דער זיידע, ר' מרדכילע נאַדווערנער זצ"ל, האָט געטייטשט: „כי תשא את ראש", ווען דו וועסט וועלן אויפהויבן דעם יידישן קאָפּ „לפקדיהם", קענסטו דאָס טאָן נאָר דורך זייערע מנהיגים. (פון דעם לשון פקידים). דער זהר אין פ" ויקרא זאָגט: כיון דרישי דעמא אָזלין בחיובא, כל עמא אתמשכו אבתריהו". דאָס הייסט: ווען דער קאָפּ פון אַ פאָלק גייט אַוועק אויף שלעכטע וועגן, שלעפּט ער נאָך דעם גאַנצן פאָלק. „כל מיחוש ולא מיחוש ראש" 4). די קאָפּ-קראַנקהייט איז די שווערסטע פון אלע קראַנקהייטן. אין דער הלכה איז דאָ אַזאַ אויסדרוק „פּסיק רישיה ולא ימות". דאָס הייסט: פונקט אַזוי ווי מען קען נישט אָפּהאַקן דעם קאָפּ און בלייבן לעבן אַזוי קען דאָס נישט זיין. מיט איין וואָרט: עס איז דער קאָפּ וואָס פירט און עס איז דער קאָפּ וואָס פאַרפירט... און דער פאָלק איז אַזוי סענסיטיוו ווען עס קומט צום מנהיג, אַז אַפילו ווען עס דאַכט זיך נאָר אויס, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעלער זענען, מאַנכעס-מאָל, די קאָנסעקווענצן פאַטאַלע.

דער שווער-פונקט פון דער היינטיקער סדרה איז די „מעשה עגל" און מערקווירדיק די גאַנצע „עגל-פּאַסירונג" איז געקומען, לויט דעם פּשוטן פּשט אין פּסוק, דורך משהס איין קליינער פאַרשפּעטיקונג. „וירא העם כי בושש משה". דאָס פאָלק האָט געזען, אַז משה האָט זיך פאַרשפּעטיקט. 5). אַלע מפרשים קאָמענטירן די פאַרשפּעטיקונג. טייל זאָגן, אַז די יידן האָבן געמאַכט אַ טעות אין חשבון (זע רש"י), אַנדערע ווילן האָבן, אַז דער שטן האָט פאַר זיי געמאָלן אַ פאַלשע בילד פון משהס טויט. אַנדערע ווידער האַלטן אַז דער „העם" מיינט, אַז בלויז דער „ערב רב", האָט געמאַכט דעם עגל, און זיי האָבן געזוכט אַ תירוץ, אַן אויסרייד און די קליינע פאַרשפּעטיקונג

פון משהן האָט זיי צוגעדינט. על כל פנים, דער פאַקט בלייבט, אַז דעם ערשטן שטויס צו דער עגל־קאַטאַסטראָפע האָט געגעבן דאָס וואָס משה האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

צו וואָלט געווען אַ זינד צו לערנען עטוואָס פון דעם? מי לנו גדול ממשה? און קיינער האָט נישט געקענט זאָגן, אַז משה, אַפילו ווען ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איז דאָס געווען צוליב אייגענע אינטערעסן. משה האָט קיינע אַנדערע אינטערעסן ווי די פאָלקס־אינטערעסן נישט געהאַט 6) ווו איז משה געווען? אויפן באַרג סיני. וואָס האָט ער דאָרטן געטאָן? ער איז אַרויף נעמען די לוחות. טאָ מה כל רעש? איז דער ענטפער, אַז טאָקע משה אַליין מיט זיין כסדרדיקער גרייטקייט זיך מקריב זיין פאַר זיי, מיט זיין געוואָלטיקער פּינקטלעכקייט און טרייקייט האָט זיי געמאַכט אַזוי אָפּהענגיק פון אים, אַז די קלענסטע פאַרשפּעטיקונג איז ביי זיי געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונג. וואָלט מען דאָך געקענט אַרויסלערנען פון דאַנען, אַז איבערגעטריבענע פּינקטלעכקייט טויג אויך נישט. פון דער אַנדערע זייט אָבער, האָט בלויז משה געקענט די יידן צוריק ברענגען צום שכל, נישט אהרן, נישט קיין אַנדערע איז געווען בכח צו ענדערן זייער באַשלוס נאָר משה טאָקע ווידער צוליב זיין, אַזויפיל יאָריקער טרייער און פּינקטלעכער פירערשאַפט. מיר גלויבן, ווען די חז״ל זאָגן „אין פרעניות באה על ישראל שאין בה קצת מפרעון עון העגל" 7) קען מען זאָגן, אַז די פאַרשפּעטיקונג פון אונדזערע מנהיגים, בשוגג ובמזיד, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יידישע צרות. מיר האָבן נישט מער קיין פּלאַץ, צו אויסברייטערן דעם רעיון און אים באַפּעסטיקן מיט ביישפּילן פון לעבן. אַלץ וואָס מיר קענען זאָגן איז; פּונקט ווי מיר ווייסן, אַז די תורה איז גרויס, הייליק, טיף און אומדערגרונטבאַר, ווי די גמרא זאָגט „יש לדרוש על כל קוץ וקוץ שבתורה תילי תילין של הלכות" 8) דאָס מיינט: יעדער פּינטעלע, יעדעם שטריכעלע, האָט אַ פּאָזיטיוון ווערט צו דער פאַרשטאַרקונג פון תורה. פּונקט אַזוי קען אַ קליין פּינטעלע, אַ קליין שטריכעלע האָבן אַ נעגאַטיוון איינדרוק אויף דעם פאָלק וואָס זאָל שטערן תורה...

מען דערצײלט: אַן אַלטע פֿרוי האָט געשיקט איר אײניקל אַ מתנה, אַ תנ״ך. זי האָט דאָס פֿײַן אײנגעפּאַקט און עס געטראָגן אויף דער פּאָסט. בשעת דער פּאָסט־אָנגעשטעלטער האָט געוואויגן דאָס פּעקל פֿרעגט ער דער פֿרוי: איז עפּעס דאָ צוברעכלעכעס אין דעם פּעקל? יאָ, האָט געענטפֿערט די פֿרוי, „די עשׂרת הדברות״... 9)

---

1) ברכות נ״ח.
2) תענית ד׳ כ׳.
3) שמונה פּרקים להרמב״ם.
4) שבת י״א.
5) שמות לב׳ א.
6) זע מדרש וילך
7) זע רש״י אויפֿן פּסוק „וביום פּקדי ופּקדתי״.
8) ערובין כ״א.
9) ערגעץ אין ראַביניקאַל מאַנואַל.

ויקהל

מצוות וואָס ווערן געטאָן דורך עבירות

„ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם, אלה הדברים אשר צוה ד׳ (שמות ל״ה א׳).

„ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון לד׳ כל העושה בו מלאכה יומת״ (ל״ה ב׳).

„קחו מאתכם תרומה לד׳״ (ל״ה ה׳).

א

„משה האָט פאַרזאַמלט די גאַנצע יידישע געמיינדע און זיי געזאָגט: דאָס זענען די זאַכן וועלכע ג-ט האָט געבאָטן זיי צו טאָן. זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַ מלאכה און דעם זיבעטן טאָג זאָל זיין פאַר אייך אַן אַבסאָלוטער רו-טאָג. יעדער וואָס וועט טאָן אַן אַרבעט אין אים וועט געטויט ווערן״.

„נעמט פון זיך אַן אָפּשיידונג צו ג-ט״.

אונדזערע רבים, די בעלי אגדה זאָגן: „פון אָנפאַנג תורה ביז צום סוף געפינען מיר נישט קיין פרשה וואָס זאָל זיך אָנפאַנגען מיט ויקהל. נאָר דאָ, זאָגט ג-ט צו משהן: מאַך גרויסע פאַרזאַמלונגען און דרשע פאַר זיי די הלכות פון שבת, כדי די קומענדיקע דורות זאָלן זיך לער־נען פון דיר, צו פאַרזאַמלען די יידן אַלע שבת אין די שולן און בתי מדרשים, צו לערנען מיט די יידן דברי תורה, איסור והיתר, כדי מיין גרויסער נאָמען זאָל געלויבט ווערן צווישן די יידן״. 1).

ווי מיר זעען פון דעם ילקוט, האָט די אַקציע פון משה רבינו,

וועלכער האָט, פלוצלונג אָן אַ פריערדיקן פרעצעדענט, פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, מענער און פרויען, גרויס און קליין, זיי, נאָכאַמאָל, אָנצוזאָגן די מצוה פון שבת, פאַראינטריגירט אַלע מפרשים און אַלע זוכן צו באַגרינדן די „עמערגענץ" פון דעם ריזיקן מאַסן־מיטינג וואָס משה האָט צוזאַמענגערופן. דער רמב"ן און דער אבן עזרא זאָגן: ווייל אַלע האָבן באַדאַרפט מנדב זיין פאַרן משכן, דעריבער די גרויסע פאַרזאַמלונג דער אור החיים זאָגט: ווייל פריער שטייט „ויּ־רא אהרן וכל בני ישראל את משה והנה קרן אור פניו ויראו מגשת אליו". אהרן און אַלע יידן געזען ווי משהס פנים איז באַלויכטן געוואָרן האָבן זיי מורא געהאַט צוצוגיין צו אים. האָט משה פאַרזאַמלט אַלע יידן זיי זאָלן נישט קיין מורא האָבן... רש"י באַמערקט: „ויקהל משה — למחרת יום הכפורים", אַז דאָס איז געווען אַ טאָג נאָך יום כי־פור, זאָגט אויף דעם דער „עוללות אפרים": יום כיפור, ווי דער שטיי־גער איז זענען אַלע יידן גוט און פרום. יום כיפור פאַרזאַמלען זיך אַלע אין די שולן, דאַוונען און טוען תשובה. דעריבער האָט משה זיי פאַר־זאַמלט אַ טאָג נאָך יום כיפור צו לערנען זיי, אַז נישט נאָר אין דעם יום־כיפורדיקן טאָג, זאָלן זיי זיין פאַרזאַמלט און פאַרייניקט, נאָר אויך נאָך יום כיפור. דאָס זענען אַלע זייער פיינע און אינטערעסאַנטע פשטים, אָבער, אין אמתן געזאָגט, לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג, באַגרינדן זיי נאָך נישט גענוג די געוואַלטיקע דרינגלעכקייט פון דעם אויסערגעוויינלעכן מיטינג.

אויפן צווייטן פסוק „ששת ימים" מאַכט רש"י: הקדים להם אזהרת שבת לציווי מלאכת המשכן לומר שאינו דוחה את השבת. די תורה האָט אָנגעזאָגט די וואָרענונג פון שבת פאַר דעם אָנזאָג פון דאָס בויען דעם משכן צו וואָרענען, אַז דאָס בויען דעם משכן איז נישט דוחה שבת. לכאורה קוקט דאָס אויס ווי אַן ענין פאַר זיך, אַ נייער לימוד, אָבער מיר האַלטן, אַז אָט אין דעם ליגט דער טיפער באַדייט פון דער גרויסער נויטווענדיקייט צו פארופן אַן אויסעראָרדנטלעכע פאַרזאַמ־לונג, צו לערנען אַלע יידן וואָס נישט צו טאָן, צו וואָרנען זיי, אַז די מצוה, מעג זי זיין די גרעסטע, טאָר זי אָבער נישט געטאָן ווערן אויף

אַן „עבירהדיקן" אופן. וואָס עס רעגט אונדז אָן אַזוי צו טראַכטן, איז דער סוף פון דעם צווייטן פסוק „כל העושה בו מלאכה יומת". אַזוי פיל מאָל ווערט אין דער תורה אָנגעזאָגט און געוואָרנט וועגן שבת און אין ערגעץ שטייט נישט אַזוי בפירוש די שטראָף פון מיתה ווי דאָ. ווייל ווי שטאַרק די שטראָף זאָל נישט זיין פאַר אַן עבירה, איז זי אָבער נישט אַזוי לעבנסגעפערלעך, ווי פון אַן אָפגענאַרטער מצוה. ובפרט ווען איינער רעדט זיך איין, אַז ער טוט אַ מצוה און דערביי איז ער גאָר עובר אויף די ערגסטע עבירות...

ב

עס קען זיין, אַז די זינד פון דעם „עגל" ביי ווּעלכער, משה האָט, נאָר וואָס, אַזוי שווער, אויסגעקעמפט ביים רבונו של עולם, די מחילה פאַר דעם פאָלק האָט געגעבן דעם שטויס צו דער אַזוי שאַרפער וואָרנונג.

פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער „אבות דר' נתן", וואָס מאָלט אַזאַ בילד: קודם פרעגט ער די אַלגעמיינע באַוווסטע פראַגע: נאָכוואָס האָט משה געוואָרט מיטן צוברעכן די לוחות ביז ער איז אַראָפּגעקומען פון דעם באַרג סיני? צו דען האָט ער נישט געגלייבט ווען ג-ט האָט אים געזאָגט „שיחת עמך. עשו להם עגל מסכה". דיין פאָלק איז פאַרדאָרבן געוואָרן און געמאַכט אַן עגל? און ער ענטפערט: אוודאי האָט משה געגלייבט אָבער ער האָט געהאָפט, אַז ווען זיי וועלן אים דערזען וועלן זיי גלייך חרטה האָבן און תשובה טאָן. דערווייל האָט ער אויסגעבעטן ביי ג-ט, ער זאָל זיי מוחל זיין. אָבער ווען משה איז אַראָפּגעקומען מיט די לוחות, זאָגט דער פסוק „וירא את העגל ואת המחולות", האָט ער דערזען דאָס עגל און די טענץ, וואָס די יידן האָבן געטאַנצט מיטן עגל. פאַרשטייט זיך, אַז ווען משה האָט געזען די יידן, האָבן די יידן אויך געזען משהן, טאָ וואָס האָבן די יידן געטאָן? ווען זיי האָבן דערזען משהן, איז געוואָרן אַ טומל: אָ, דער רבי גייט! דער רבי איז דאָ! און אַלע זענען צוגעלאָפן צו משה רבינו און אים געוואָלט אַריינעמען אין קאָן אַריין. זאָל ער מיט טאַנצן מיט אונדז

דער רבי. נישקשה, מיר האָבן אַן עגל, מאַכט נישט אויס, וועלן מיר האָבן לוחות אויך. אין צווייען איז שטאַרקער... „ויחר אף משה וישלך מידיו את הלוחות וישבר אותם" און משה האָט אויסגעשריגן, ניין!! ניין!! דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין און גענוי ווי שפּעטער אליהו הנביא, האָט אויסגערופן: „עד מתי אתם פסחים על שתי הסעפים"? טאַנצן אויף צוויי חתונות מיט איינמאָל, דאָס קען נישט זיין! האָט ער אַרונטערגעוואָרפן און צעבראָכן די לוחות וואָרום ער האָט זיי נישט געוואָלט לאָזן אין „עגלשע" הענט. דער ערגסטער אומגליק באַשטייט אין אומקלאָרקייט, אין אַן „ערבוביה" פון אור מיט חושך, ווען קיינער ווייסט נישט ווער איז ווער און וואָס איז וואָס. דעריבער, ווען עס איז פאַרגעשטאַנען די יידן דאָס בויען פון דעם משכן, וואָס דאָס איז די נייטיקסטע און וויכטיקסטע זאַך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן גייסט, אַ גייסטיקער צענטער ווו יידן זאָלן זיך אויסלעבן יידיש, פון וואַנען יידן זאָלן שעפּן אוצרות מיט וויסן, ווו זיי זאָלן באַקומען די געזעצן און זיי אויספירן, אַ צענטער וואָס זאָל צענטראַליזירן אַלע יידישע אינספּיראַציעס און האָפענונגען, מיט איין וואָרט „אַן אמתער יידישער צענטער". קענען נאָך יידן, חלילה, האָט משה געטראַכט, מאַכן נאָכאַמאָל דעמזעלבן טעות, אַז מען קען טאַנצן אויף צוויי חתונות. פון איין זייט האָבן אַ יידישן צענטער און פון דער צווייטער זייט אים פּראָפאַנירן, אים מחלל זיין, מיט חילול שבת ויום טוב, מיט מאכלות אסורות מיט אַלץ וואָס מען טאָר נישט און דערביי שרייען „איך גיי אין שול! איך גיי אין טעמפּל". זאָגט די תורה „כל העושה בו מלאכה", די אַלע וועלכע פאַרשוועכן אין אים, אין דעם משכן, דעם שבת און אַלץ וואָס שבת שטעלט מיט זיך פאָר... „יומת" דער שטאַרבט גייסטיק אָפּ ווייל „שקולה שבת כנגד כל התורה". דער וואָס היט שבת דער גיט געוויכט דער גאַנצער תורה און דער וואָס איז מחלל שבת, מאַכט גרינג די גאַנצע תורה. אַזוי, אַז דער געוויכט וואָס איז געלייגט געוואָרן אויף שבת איז אַ משל פאַר דער גאַנצער תורה. אָן דאָס וואָס די תורה, לויט רש"י, האָט געוואָלט אונטערשטרייכן,

נישט צו בויען דעם משכן אום שבת, גייט אויף דער גאַנצער תורה און אַלע אירע מצות.

ג

מיר יידן האָבן אָנגענומען דעם כלל אין דער הלכה „מצוה הבאה בעבירה אין יוצאין בה״.

אַ מצוה, וואָס מען איז מחויב צו טאָן און זי איז געטאָן געוואָרן דורך אַן עבירה, ווערט נישט פאַרעכנט אַלס געטאָן. 2) במילא איז דאָ פאַראַן אַ דאָפּלטע עבירה, די עבירה פון נישט מקיים זיין די מצוה און די עבירה אַלס אַזעלכע. אַ מענטש וויל איינרעדן, זיך און יענעם, אַז ער טוט אַ מצוה און דערווייל באַגייט ער אַ דאָפּלטן פאַר־ברעכן. לאָמיר דאָס פאַרשטיין נאָך שאַרפער, כאָטש עס קען קלינגען פאַראַדאָקסאַל. ווען אַ ייד טוט אַ פאַרבאָטענע זאַך, באַגייט ער אַ שלעכטע טאַט. ווען אַ ייד טוט ניט דאָס וואָס ער איז מחויב צו טאָן, על פי דין, באַגייט ער אויך נאָר איין עבירה. דאַקעגן ווען אַ ייד טוט די מצוה דורך אַן עבירה, באַגייט ער, ווי געזאָגט, צוויי עבירות. אי ער טוט אַן עבירה און אי ער איז נישט מקיים די מצוה. (סיידן אַזעלכע מצות וואָס די חכמים האָבן אַרויסגעלערנט פון דער תורה, אַז עשה דוחה לא תעשה ווי כלאים און ציצית וכדומה, וואָס דאָ איז נישט דער פּלאַץ דאָס צו באַהאַנדלען) און אַט די „דאָפּלט־עבירה״־פּראַקטיק, איז געוואָרן די גרעסטע געפאַר פאַר דעם המשך און קיום פון אונדזער פאָלק (ספּעציעל אין די ישובים) אין גייסטיקן און רעליגיעזן זין, וואָס ווירקט זיך אויס, מיט דער צייט, אין דער דראָענדיקער געפאַר, אויך פאַרן פיזישן אומקום.

און די געפאַר באַשטייט אין אַט וואָס: אויב מיר זאָלן, אָביעקטיוו, אַנאַליזירן דעם מצב פון רעליגיע אין אונדזער געזעלשאַפט, וועלן מיר דערגיין צו אַט דער מסקנה: יידן האָבן נאָך נישט פאַרלאָזן אַלע מצות. אדרבא, יידן קלאַמערן זיך נאָך אין פאַרשידענע מצות,

טראַדיציעס און מנהגים. יידן, בדרך כלל, זענען מל זייערע קינדער, האָבן חתונה בחופה וקידושין, באַזוכן אַ פּאָר מאָל אין יאָר אַ שול, פאַסטן אום יום כיפור, גיבן צדקה, עסן מצה. דאַקעגן אַזעלכע יסודות-דיקע מצות ווי שבת, יום טוב, תפילין, ציצית, טהרת המשפחה און אַ שיעור אַנדערע מצות, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן די אידענטיטעט פון אונדזער פאָלק אין אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ, נישט רעדנדיק פון לערנען די תורה, זענען, כמעט, פאַרלאָזן געוואָרן פון די יידישע מאַסן. דאָס איז וועגן די „רמ"ח" מצות עשה" אָבער ווען מיר באַטראַכטן די באַציאונג צו די „שס"ה מצות לא תעשה", איז דער בילד נאָך שרעקלעכער. מיר האַלטן, אַז זייער ווייניק „מען טאָר נישטס" איז איבערגעבליבן ביים יידן פון גאַס. כמעט אַלץ וואָס ס'איז אַמאָל געווען אָסור איז היינט ביי זיי געוואָרן מותר אָן אַ היתר. און נישט ווייל די פאַרבאָטן זענען צופיל, נאָר ווייל די פאַראַנטוואָרטלעכקייטן זענען צו ווייניק... אָבער די גרעסטע אַנטוישונג איז וואָס אַפילו די מצוה וואָס ווערט שוין יאָ געטאָן ווערט באַגלייט מיט אַזויפיל עבירות, אַז די מצוה ווערט ממש דערטרונקען אין זיי...

מיר האָבן געזאָגט, למשל, אַז יידן עסן מצה אום פסח אָבער וויפל יידן כשרן אָדער בייטן איבער זייערע כלים?... קומט אויס, אַז מען עסט חמצדיקע מצה און דער ייד מיינט, אַז ער איז מקיים די מצוה פון מצה. וויפל כלות, אונטער דער חופה זענען גרייט, על פי דין, צו חופה וקידושין?... וויפל עבירות ווערן אָפּגעטאָן אום שבת ביים מקיים זיין, אַזוי צוזאָגן, איין מצוה פון אויפרופן אַ חתן, אַ בר מצוה אד"ג? וויפל יידן גייען צופוס יום כיפור אין שול אַריין? די יידן אָבער, ווען זיי טוען דאָס אַלעס מיינען, אָדער זיי ווילן זיך איינרעדן, אַז זיי טוען מצות. פאַקטיש אָבער איז דאָס נישט אַזוי. פאַקטיש טוען זיי דאָפּל-עבירות...

מיר זענען זיך באַוווּסט די געפאַר פון דעם אמת. מענטשן קענען זאָגן אויב אַזוי דאַרף מען גאָרנישט טאָן. מיר זענען זיך אָבער נאָך מער באַוווּסט, פון דער געפאַר פון נישט וויסן, אָדער נישט וועלן וויסן

דעם אמת. ווען די חז״ל האָבן מתיר געווען מחלל שבת צו זיין, ביי „פקוח נפש״, האָבן זיי דערביי געגעבן אַ שטאַרקן און זייער אַ וויכטיקן מאָטיוו ווען זיי האָבן געזאָגט: אמרה תורה חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה. זיי מחלל איבער אים איין שבת כדי ער זאָל קענען אָפּהיטן אַ סך שבתים. 3) אָ! ווען מיר טוען אַן עבירה, און מיר ווייסן, אַז עס איז אַן עבירה נאָר מיר טוען זי כדי צו קענען אָפּהיטן די מצות בכלל, ווערט די עבירה גאָר אַ מצוה... ווען אָבער מיר טוען אַ מצוה דורך וועלכער מיר זענען עובר אויף אַ סך עבירות, ווערט די מצוה די גרעסטע עבירה...

ווען מען וויל איינרעדן, זיך און יענעם, אַז צוליב דעם טאַנצן אָדער שפּילן באַל צווישן יידן, אין אַ יידישן צענטער, מעג מען אָפּ־מעקן די הייליקסטע יידישע מצות און טראַדיציעס ווי חילול שבת ויום טוב, מאכלות אסורות, מאַראַלישע אָפּצוימונגען אאַז״וו, איז דאָס עלול צו פאַראורזאַכן דעם גרעסטן חורבן־היהדות, וואָס די פאַנ־טאַזיע קען זיך פאָרשטעלן. ביי גוים איז אַמאָל געווען אַזעלכע טיפּן, ווי למשל אַ „ראָבין הוד״ אין ענגלאַנד און אַ „פּאַנטשאָ וויאַ״ אין מעקסיקע, וועלכע האָבן געראַובט און געמאָרדעט, געראַבעוועט און געצונדן, אָבער זענען פאַרהערלעכט געוואָרן ביי די מאַסן ווייל זיי האָבן, אַ טייל פון דעם רויב, געגעבן צו די אָרעמע. יידן האָבן אַזעל־כעם קיינמאָל נישט טאָלערירט. „ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך״ 4) האָט דער קאָצקער רבי געטייטשט: נאָר נישט אָפּ דיין חבר און זאָג דערביי, אַז דו טוסט דאָס פון גאָטספאַרכט...

אָט דאָס, לויט אונדזער מיינונג, איז געווען דער זין פון דעם גרויסן און וויכטיקן אַקט פון ויקהל״. גרויס און קליין, קינד און קייט, האָט משה פאַרזאַמלט פאַר דעם וויכטיקסטן אָנזאָג און פאַר דעם שטרענגסטן באַפעל נישט מחלל שבת צו זיין פאַר דעם משכן, נישט צו טראַכטן, איין מאָמענט, אַז די גרעסטע און נייטיקסטע מצוה מעג באַגלייט ווערן פון אַן עבירה. ניין! ווען אַ ייד טוט אַ מצוה זאָל זי נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עבירה און ווען אַ ייד טוט אַן עבירה זאָל ער זיך נישט איינרעדן, אַז ער טוט אַ מצוה...

און משה לערנט ווייטער „קחו מאתכם תרומה לד׳״ די תרומה, דאָס געלט, וואָס די תורה הייסט אייך געבן זאָל זיין „מאתכם״ אייערס, ערלעך פאַרדינט, נישט גענומען פון יענעם און געטאָן דערמיט אַ מצוה. די סאָרטן מצות זענען נישט נאָר שאלהדיק נאָר ממש טריפה...

1) ילקוט שמעוני.
2) סוכה ל׳.
3) שבת קנ״א.
4) ויקרא כ״ה, ט״ז.

פקודי — שבת שקלים

קען געלט זיין הייליק?

„אלה פקודי המשכן משכן העדות אשר פקד על פי משה" (ל"ח, כ"א).

„זה יתנו כל העובר על הפקדים מחצית השקל בשקל הקודש" וכו' (שמות ל' י"ג).

א

די סדרה פקודי דערציילט ווי אַזוי משה רבינו האָט איבערגעגעבן אַ פּינקטלעכן חשבון פון די זאַכן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון דעם פאָלק פאַרן בויען דעם משכן. דער היינטיקער שבת, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס „שבת פרשת שקלים", דער שבת פון דער „געלט-פּרשה", איז אויך אַ מין חשבון, אָבער מער אַ „חשבון הנפש".

די אינטימע פאַרבינדונג צווישן שבת און שקלים קען אויסקוקן פרעמד און אַ סך וועלן אפשר קענען זאָגן, אַז יידישקייט איז אַ „סוחרישע רעליגיע" און די צוזאַמענמישונג פון דער הייליקייט און ריינקייט פון שבת, מיט דער וואַכעדיקייט און פּראָסטקייט פון געלט, קען אויסקוקן, מילד גערעדט, מאָדנע. ווען אָבער, מיר וועלן זיך אויף אַ מינוט פאַרטראַכטן, וועלן מיר זען, אַז אדרבא, די אידייע פון „שבת שקלים" איז פאַרבונדן מיט אַ הויכער מאָראַלישער קאָנצעפּציע, וואָס דינט אויסצואיידעלן דעם מענטשן און אים פאַרלייכטערן דעם

ווידערשטאַנד אין איינע פון די שווערסטע נסיונות, דער „נסיון העושר".

די חז"ל זאָגן: אין דריי זאַכן דערקענט מען דעם מענטשן. איינע פון זיי איז „בכיסו", ווי אַזוי ער פירט זיך מיט זיין בייטעלע. 1) אונדזער רעליגיע ווייסט וואָס געלט קען טאָן צו אַ מענטשן און וואָס אַ מענטש קען טאָן צוליב געלט. אַ מענטשנס געלט פּרעזענטירט און שיילט אויס זיין כאַראַקטער און זאָגט עדות וועגן זיין האַרץ.

אונדזער פאָטער, דער רבי שליט"א, זאָגט: דער מענטש האָט דריי יצר הרעס; דער יצר הרע פון געלט, דער יצר הרע פון תאוות און דער יצר הרע פון כבוד. דער „געלט יצר הרע" איז דער שטאַרקס-טער ווייל אויב איינער האָט געלט, קען ער זיך ממלא זיין אַלע תאוות און ער קען זיך קויפן דעם גרעסטן כבוד, אַפילו אומפאַרדינטן. מיר וואָלטן צוגעגעבן, אַז עס זענען אויך פאַראַן דריי יצר טובס: דער יצר טוב פון צדקה, דער יצר טוב פון מאָראַלישער אָפּגעהיטנקייט און דער יצר טוב פון באַשיידנקייט. דער גרעסטער יצר טוב איז דער פון „צדקה". וואָרום, אַז אַ מענטש טוט אמתע צדקה, האָט ער אויך אמתע הנאה און דאָס איז דער גרעסטער כבוד.

דאָס וואָרט איז נישט אונדזערס, נאָר ער געהערט צו אַ היגן בעל הבית, דער פּרעזידענט פון „אגרות"-קאָמיטעט אין מעקסיקע אין 1966. מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען מיר אַנוועזנד געווען ביי דעם יערלעכן באַריכט פון דעם „באָנד-קאָמיטעט" און ווען מען האָט דעם פּרעזידענט געדאַנקט פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט לטובת די „אגרות", האָט ער געזאָגט: עס קומט מיר נישט קיין דאַנק, ווייל איך בין אויך אַ באַצאָלטער אָנגעשטעלטער! און ווען מענטשן האָבן אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער אויסגעפירט: די הנאה וואָס איך האָב, ווייסנדיק, אַז איך העלף דער „מדינה" איז מיין גרעסטער געצאָלטס. זעען מיר ווי פון דריי יצר הרעס, קען ווערן דריי יצר טובס אויב נאָר מען שפּאַנט איין דעם יצר טוב פון צדקה אין דער הייליקער אַרבעט...

ב

ביים „מחצית השקל" שטייט: „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט". טייטשן מיר אָט אַזוי: העשיר לא ירבה, זאָל דער רייכער נישט רעדן אַזויפיל פון וויפל ער גיט, ווייל וויפל ער זאָל נישט געבן קען ער אַלץ געבן מער. והדל לא ימעיט, זאָל דער אָרעמאַן נישט פילן זיך, אַז ער גיט אַזוי ווייניק, ווייל וויפל ער גיט, גיט ער אַלץ מער פון דעם עושר...

אונדזער זיידע, ר' מרדכלי נאַדוורנער ז"ל, פלעגט זיין אַ גרויסער פּזרן און ער פלעגט אַוועקצוגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס עס איז אים אַריינגעקומען אויף צדקה. האָבן מענטשן געזאָגט, אַז דער רבי ר' מרדכלי האָט אוודאי פיינט געלט. ווען ער האָט דאָס געהערט האָט ער זיך אָנגערופן: די וועלט זאָגט, אַז מרדכי (אַזוי פלעגט ער זיך צו רופן) האָט פיינט פעלט. ניין! עס איז נישט אמת! מרדכי האָט ליב געלט, זיי האָבן עס פיינט. אַ סימן, מרדכי נעמט זיך עס מיט און זיי לאָזן עס איבער... דאָס געלט שפילט אַ ראָלע. די שאלה איז נאָר, וואָס פאַראַ ראָלע זאָל דער מענטש לאָזן דאָס געלט שפילן. דעם ענטפער גיט אונדז די תורה: זה יתנו כל העובר על הפקדים „מחצית השקל בשקל הקודש". דער שקל דאַרף שפילן בלויז אַ האַלבע ראָלע. ער דאַרף זיין „מחצית", פאַרטיילט, און ווער זאָל אים געבן אָט די ראָלע? די אַנדערע העלפט, דער מענטש, דאַן „בשקל הקודש" קען דאָס געלט שפילן אַ הייליקע ראָלע...

די גמרא, 2)גלייכט צו אַ קאַרגן גביר צו אַ מויז וואָס ליגט אויף מטבעות. „כעכברא דשכיב אדינרי". וואָס איז דער געדאַנק פון דעם? האָבן מיר אַמאָל געהערט אַזאַ דערקלערונג: אַ מויז, ווען זי כאַפּט זיך אַריין אין אַ זאַק מיט מעל, איז איר גוט און ווויל, זי האָט ביידע זאַכן, אי זי האָט וואָס צו עסן און אי עס איר ווייך צום ליגן. כאַפּט זי זיך אַריין אין אַ זאַך מיט ווייץ, איז איר גוט אָבער שוין נישט אַזוי, ווייל זי האָט טאַקע וואָס צו עסן אָבער דער פאַר איז איר נישט באַקוועם צו ליגן, ווייל די ווייץ זענען האַרט און שטעכעדיק. כאַפּט זי זיך אָבער, אַריין אין אַ זאַק מיט גאָלד, איז אָך און ווי צו איר. נישט זי קען עס עסן און דערצו איז עס האַרט און קאַלט צום ליגן... אַזוי

איז מיט אַ קאַרגן גביר. ער אַליין עסט נישט גוט, און ער איז זייער קאַרג צו אַנדערע...

אין לאַדוש (איר קענט לייענען „מעקסיקע״), איז אַמאָל געווען אַ געוויסער לומדישער גביר, וועלכער האָט זעלטן געגעבן אַ נדבה. האָט דער לאַדושער רב ר׳ אליהו חיים מייזלס ז״ל, וועגן אים אַמאָל דערציילט פאָלגענדן אַנעקדאָט: בעת דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מל־חמה איז אין די דערפער פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ פּאַטריאָטישע געלט־זאַמלונג, אויפצובויען אַ „פרייוויליקן״ קריגס־פלאָט, אָויפן נאָמען פון די פויערים. יעדער פויער האָט באַדאַרפט פאַרשרייבן זיך אויסצוקויפן אַן אַקציע, אָדער אַ באַנד, פון לכל הפחות צען רובל. כמעט אַלע פויערים האָבן אַזוי געטאָן. ווען עס איז געקומען די צייט איינצומאָנען דאָס געלט, איז מען געקומען, אין אַ געוויסן דאָרף און די פויערים האָבן געענטפערט בזה הלשון: אמת, מיר האָבן אונטערגע־שריבן און מיר זענען שולדיק, אַזוי ווי אָבער מיר האָבן נישט קיין געלט און מיר ווייסן, אַז פאַר יעדע צען רובל שטראָף קומט אָפּזיצן צוויי וואָכן זענען מיר אַלע, אין נאָמען פון אונדזער פּאַטריאָטיזם, גרייט אָפּצוזיצן יעדער לויט זיין צוגעזאָגטער סומע... הפנים, האָט ר׳ אליהו חיים אויסגעפירט, זענען אויך צווישן די נגידים פאַראַן אַזעלכע וואָס זענען גרייט „אָפּצוזיצן״ און לערנען וויפל עס זאָל נישט זיין, אבי זיי זאָלן נישט דאַרפן געבן קיין געלט...

ג

די וועלט זאָגט: פאַרוואָס דווקא אַ „מהצית חשקל״? ווייל דאָס גייט צו ווייזן, אַז יעדער פאַר זיך איז בלויז אַ האַלבער און נאָר ווען ער איז זיך מצרף מיטן ציבור ווערט ער אַן „איש שלם״. איז כדאי דעם רעיון צו באַפעסטיקן מיט אַן אינטערעסאַנטן רמב״ם. דער רמב״ם זאָגט אין הלכות תשובה פ״ג הלכה י״א: הפורש מדרכי ציבור אף על פי שלא עבר עבירות אלא נבדל מעדת ישראל ואינו עושה מצות בכללן ולא נכנס בצערם. אלא הולך בדרכו כאחד מגויי הארץ וכאילו אינו מהן. אין לו חלק לעולם הבא. דאָס הייסט: איינער וואָס טיילט

זיך אפ פון דעם כלל, כאטש ער באגייט נישט קיין עבירות נאר ער שיידט זיך אפ פון דער יידישער געמיינדע און באטייליקט זיך נישט אין זייערע אונטערנעמונגען, ווייל ער טיילט זיך נישט מיט זיי דעם צער, נאר ער גייט זיך דעם אייגענעם וועג ווי א פרעמדער, דער ייד האט נישט קיין „חלק עולם הבא". דער רמב"ם איז שווער צו פאר־שטיין. וואס מיינט: „כאטש ער באגייט נישט קיין זינד"? איז דען דאס אליין, וואס ער באטייליקט זיך נישט אין כלל ישראל ארבעט נישט קיין זינד"?, עס איז דאך די גרעסטע זינד. א סימן דער רמב"ם זאגט, אז ער האט נישט קיין עולם הבא? נאר ווייזט אוים, אז דער רמב"ם רעדט דא פון א פרומען יידן, וואס ער איז אפגעהיט פון פריוואטע זינד. ער דאוונט, ער לערנט, ער עסט כשרס, ער גנבהט נישט וכדומה נאר ער פארהאלט זיך גענאטיוו צו די „צרות און דאגות הכלל" ממש ווי א פרעמדער. אזא מענטש פארדינט זיך נישט קיין חלק אין דער צוקונפט. גענוי ווי די חז"ל זאגן: „כל שאינו מתאבל על ירוש־לים אינו זוכה ורואה בשמחתה" 3). דער וועלכער טרויערט נישט אויף ירושלים, דער איז נישט זוכה צו זען איר פרייד! וואס מיינט דאס? עס מיינט גאנץ פשוט, אפילו ווען ער זעט דעם אויפבוי פון ירושלים, האט ער נישט קיין געפיל זיך מיטצופרייען מיט איר אויפבוי...

קומט אוים, אז שבת, וואס דאס איז די גרעסטע מצוה ביי יידן, און דער „שקל" דאס געלט וואס דאס איז דאס טייערסטע ביי יידן מוזן כאטש איינמאל אין יאר, צוזאמענגעשמאלצן ווערן לטובת הכלל. אזוי, אז דער שבת זאל אונדז לערנען די לעקציע, ווי אזוי א ייד זאל זיך פירן, אינדערוואכן מיט זיין שקל. עס זאל ווערן „חציו לד' וחציו לכם", האלב פאר ג־ט און האלב פארן מענטשן און דער „מחצית" העלפט...

צוריקקערנדיק זיך צום אויבן דערמאנטן רמב"ם קען מען פרעגן: פארוואס די גרויסע שטראף פון „אין לו חלק לעולם הבא"? גאר מען קען זאגן, אז דער רבונו של עולם צאלט שטענדיק מידה כנגד מידה, למשל: די חז"ל זאגן: נרי בידך ונרך בידי אם תשמור את נרי אני אשמור את נרך. ג־ט זאגט: מיין ליכט וואס עס איז די תורה,

איז אין דיין האַנט און דיין ליכט, די נשמה, איז אין מיין האַנט. וועסטו היטן מיין תורה, וועל איך היטן דיין נשמה 4).

די גמרא 5) פרעגט: הני תפילין דמרי עלמא מה כתיב בהו? אמר לו „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". אמר להם הקב"ה לישראל אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם, שנאמר „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד" ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם, שנאמר „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". דאָס הייסט: וואָס שטייט געשריבן אין די תפילין פון ג-ט? און דער ענטפער איז: עס שטייט אין זיי „און ווער נאָך אין דער וועלט איז אַזוי ווי דיין פאָלק ישראל?" ווייל ג-ט זאָגט צו די יידן: איר האָט מיך אַריינגעשריבן אין אייערע תפילין מיטן „שמע ישראל וכו'". האָב איך אייך אַריינגעשריבן אין מיינע תפילין מיטן „ומי כעמך וכו'". דאָס אייגענע קען מען זאָגן, וואָס איז דען דער באַגריף פון עולם הבא? דער „צדיקים יושבים ונהנים מזיו השכינה". די צדיקים וועלן זיצן און הנאה האָבן פון דער קלאָרקייט פון דער שכינה, פון כביכל און וואָס איז ג-טס חלק? ג-טס חלק איז דער יידישער פאָלק, ווי דער פסוק זאָגט „כי חלק ד' עמו יעקב חבל נחלתו". דער חלק פון ג-ט איז זיין פאָלק אַזו"ו 6) קומט אויס, אַז אויב אַ ייד פאַרנאַכלעסיקט ג-טס פאָלק, דעם ציבור, דעם כלל ישראל און ער גיט זיך אָפּ מיט בלויז זיינע אייגענע אינטערעסן, מעגן זיי זיין אַפילו מצות, דאָס הייסט ער היט נישט ג-טס חלק במילא, קען ער נישט זוכה זיין צום חלק וואָס ג-ט דאַרף אים געבן. דעריבער „אין לו חלק לעולם הבא".

די חז"ל גיבן נאָך אַ טעם פאַרוואָס די יידן דאַרפן דוקא אין דעם שבת לייענען די פרשה פון שקלים און זיי זאָגן: גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל לאבדם. לפיכך הקדים שקליהם לשקלו. דער רבונו של עולם האָט געוווסט, אַז המן וועט רעדן וועגן שקלים (צו געבן אחשורושן) כדי צו פאַרניכטן דעם יידישן פאָלק. האָט ער דעריבער געהייסן די יידן פריער געבן שקלים צום משכן צו באַשיצן זיי פון יענע שקלים. 7) המן האָט געוווסט דעם כח פון געלט, אַז אַפילו אַזאַ רייכער מלך ווי אחשורוש וועט אויך פאַלן פאַר דעם. די יידישע היסטאָריע באַווייזט, אַז געלט האָט

אַלעמאָל געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אַנטיסעמיטיזם. „ולמלך אין שוה להניחם”, עס לוינט זיך נישט דעם מלך זיי צו לאָזן. ווייל אַלץ איז פאַרבונדן מיט פּראָפיטן און מיט אָנזאַמלען וואָס מער פאַרמעגנס און אויב דער ייד לוינט זיך נישט וואָס דאַרף מען אים? אָן אַנדערש מאָל ווילן זיי זיך ראַטעווען מיט די יידישע געלט. דער אַנטיסעמיט שרייט: מיר ווילן אומברענגען דעם ייד ווילן מיר צונעמען זיין געלט פאַר זיך. און ווען מען טאָלערירט שוין דעם ייד, איז עס אויך מיט דער מחשבה פון פינאַנצן. דער ייד איז אַ גוטער סוחר, אַ גוטער אינדוס־טריאַליסט, ער וועט ברענגען קאָניוקטור... דער ייד מוז דעריבער האָבן אַ קעגנגעוויכט, שקלים און געלט פאַר אייגענע צוועקן. ווען די אַראַבער באַקומען שטיצע פון דער קאָמוניסטישער וועלט, ווען מען שיקט זיי אַריין פאַר הונדערטער מיליאָנען געווער צו האָבן מיט וואָס צו קעמפן קעגן דער יידישער מדינה, מוז אַ ייד האָבן זיינע איי־גענע „שקלים” פאַר פאַרטיידיקונג. און דאָס וואָס דער רבונו של עולם אַליין, לויטן מדרש, האָט מקדים געווען די יידישע שקלים פאַר המנס, ווייזט, אַז ווען דער רבונו של עולם העלפט אַ יידן וואָס פאַר־מאָגט די „שקלים” זאָל ער זיי נישט קאַרגן צו געבן צו באַקעמפן די המנס אין אַלע צייטן און אין אַלע פּעריאָדן... און אַזוי ווי דעם שבת בענטשן מיר דעם חודש אדר, אין וועלכן עס פאַלט אוים פּורים, לייע־נען מיר פריער די פּרשה פון שקלים, צו האָבן מיט וואָס מנצח צו זיין די המנס.

---

1) ערובין ס"ה.
2) סנהדרין כ"ט.
3) תענית ל׳.
4) דברים רבה פ"ד ד׳.
5) ברכות ו׳.
6) דברים ל"ב ט׳.
7) מדרש אסתר.

ואלו יעמדו על הברכה

דער קאָמיטעט וועלכער האָט געהאָלפן אַרויסגעבן

די ספרים

יצחק טשאָפּ
(פּרעז. אגודת אחים)
יעקב אלתר פלאַשנער
נפתלי רובינשטיין
אליעזר ראָכמאַן
דוד רובינשטיין
משה בראַון
ברוך נודלמאַן
מאַקס האַם
משה הירש
פישל פלאַשנער
אינש. א. טשעלמינסקי
שמואל עקשטיין
בערנאַרדאָ עקשטיין
מרדכי כ"ץ
איסאַק פישער
אפרים וויים
אפרים מאַרקאָוויטש
דוב גלאַט

יוסף סטעמפּאָ
א. מ. טשעלמינסקי
יוסף בייגל
מנשה דורשט
יוסף בעלפער
יוסף רוזשאַנסקי
משה פלאַסטער
זישע לאַן
משה מישנע
אַדאָלפאָ טיפנברון
שמעון טויבער
צבי קליינמאַן
מנשה ראָזענפעלד
שלמה שערקער
מאַריאָ בוקסבאַום
שמעון ניימאַן
יוסף ניימאַן
אהרן מילווער

RABBI MAYER ROSENBAUM

Rabbi of Cuba and Guatemala
Now Rabbi of Congregation
"Agudat Achim" of Mexico, D. F.

Author of

IN BATTLE FOR MY FAITH

Esta edición es propiedad del autor.

Copyright 1968 by
Rabi Mayer Rosenbaum

Derechos reservados conforme a la Ley.

RABBI MAYER ROSENBAUM

Today in Torah

Essays and Sermons for Every Portion of the Week as Well as for Holidays

Elaborated in a most timely and modern form

Volume I

México, D. F.
1968